STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05929

ANTOLOGYE

Morris Bassin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אנטאלאגיע

פינף הונדערט יאהר אידישע פאעזיע

געזאמעלט און צונויפגעשטעלט

פון

מ. באסין

פארווארט און לינגוויסטישע אנמערקונגען

פון

ב. באראכאוו

פארטרעטען געצייכענט

פון ס. זאגאט

באצירונגען פון

י. ליכטענשטיין און ז. מאוד

צווייטע פארבעסערטע אויפלאגע

ארויסגעגעבען פון פארלאג „דאס בוך"

Anthology: Five Hundred Years of Yiddish Poetry

By M. BASSIN.

Copyright, 1917
by
M. BASSIN.

פינף הונדערט יאהר
יידישע פאעזיע
י. ליכטענשטיין
ערשטער באנד

דער קוואל.

(אנשטאט א פארווארט)

עס האט א רוישענדיגער קוואל
פון פעלזען־הארץ זיך דורכגעשלאגען, —
און האט זיך אין דער וויסטעניש,
אריבער שטיין און שטויב צוטראגען. —

און האט א וואנדרער, דורשט־פארברענט,
זיך קוים ביז צו זיין שטראם דערקליבען, —
האט ער פון צווישען ראסט און שטויב,
זיין ברענענדיגען דורשט פארטריבען.

געלייטערט האב איך אט דעם קוואל —
איצט שפיגלען דארט זיך זיבען זונען!
און האט א קרוג נאך דארט געפעהלט —
אויך אט דעם קרוג האב איך געפונען. —

נו, קוואלט דאס וואסער, שפרינגט און זינגט: —
קום שעפ און טרינק, דו דורשטיג־בלאסער! —
פון לויטער גינגאלד איז דער קרוג,
און לויטער זילבער איז דאס וואסער...

מ. באסין.

באַמערקונגען:

וועגען דעם סדר פון צוזאַמענשטעלונג.

איך וויל דאָ באַמערקען אַ פּאָר ווערטער, וועגען דער אָרדנונג און צוזאַמענשטעלונג פון די דיכטער אין דער אַנטאָלאָגיע.
די גאַנצע אויסגאַבע איז צוזאַמענגעשטעלט כראָנאָלאָגיש, ד. ה. לויט'ן עלטער פון די שרייבער. אייגענטליך וועט עס אויסקוקען פאַלש און אָפּטמאָל היסטאָריש ניט אויסגעהאַלטען, ווייל זעהר אָפט טרעפט, אַז איין דיכטער זאָל זיין אַ נגער פון אַ צווייטען אין יאָהרען, און עלטער אין שרייבען. אין דעם פּאַל מיט דער אַנטאָלאָגיע, וואו די צוזאַמענשטעלונג דאַרף האָבען אַ געוויסע אויסגעהאַלטענע, באַשטימטע סיסטעם, האָט עס אָבער אַנדערש ניט געקענט זיין: אַזוי ווי עס איז געווען אַ פּאַקטישע אונמעגליכקייט פעסטצושטעלען די צייט, ווען יעדער דיכטער, אָדער אַם וויינעגסטען אַ העלפט פון די אַנטייל־נעמער אין דער אויסגאַבע, האָבען אָנגעהייבען צו שרייבען. בין איך געווען געצוואונגען צו באַנוצען זיך מיט דער אָנגענומענער, אינ'ם בוך, מעטאָדע.

וועגען דעם אויסוואהל פון דיכטער.

איינע פון די גרעסטע שווערינקייטען איז געווען דער אויסוואהל פון דיכטער. ניט איינמאָל האָט מיר געשיינט אַז אין אַן אַנטאָלאָגיע דאַרף זיין פּאָרטראַטען יעדער איינציגער, וואָס האָט נאָר אָנגעשריבען אַ פּאָר פערזען. (אַזוי איז נאָך עד היום די מיינונג פון אַ גרויסען טייל פון אונזערע געזעצליבענדע שריפטשטעלער. איך וויל זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דעם, ווי ווייט דאָס איז אמת אָדער ניט; וואָס איך וויל יאָ באַמערקען איז, אַז איך האָב, ווי ווייט מעגליך אויסגעמיידען אַלע אָנגענומענע געזעצען, אונטער וועלכע אַזאַ'ן ארבייט דאַרף זיך אונטערוואַרפען, סיידען עס האָט געשטימט מיט מיין אייגענעם בליק אויף דער זאַך. אין דער זעלבער צייט וויל איך אויך אויפמערקזאַם מאַכען, אַז עס איז זעהר מעגליך דאָס מאַנכע דיכטער פעהלען אין גאַנצען, אָדער זיינען שוואַך פּאָרטראַטען מיט ליעדער, בלויז דערפאַר וואָס איך האָב זיי אין אַמעריקאַ ניט געקענט באַקומען און די מלחמה האָט אונמעגליך געמאַכט יעדע פאַרבינדונג מיט זיי. אַזוי איז אויך דער פּאַל מיט די דיכטער, וועמעס בילדער עס פעהלען און וועמעס ביאָגראַפיעס עס זיינען ניט פּאַלקאָם.

וועגען די פאָלקסליעדער.

עס איז אָנגענומען, אַז די פאָלקסליעד, איז די עלטסטע פאָרם, דער שרש פון דער דיכטונג. אַזוי איז עס פאַקטיש ביי אַלע אַנדערע פעלקער, ביי אונז איז עס אָבער אַנדערש.— מיר די אויבינע ניט אויסגעהאַלטען־אויסגעהאַלטענע. בלייבען אויך אין דעם פאַל די זעלבע. האָבען מיר פּונקט ווי זיי אַלע — דיכטער און פאָלקסליעדער אָבער ביי אונז, אין דער געשיכטע פון אונזער אוננאָרמאַלען לעבען האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז אַ גרויסע טייל פון דער אַלטער

דיכטונג איז עלטער פון אונזער עלטסטען פאלקסליעד. דאס און די שפראך וועגדונגען האבען אוועקגעשטעלט די פאלקסליעדער אלס צווייטע טייל אין דער אנטאלאגיע אנשטאט אלס ערשטע.

די אנטאלאגיע ציהט זיך ביז 1910.

ווי געזאגט ציהט זיך די אנטאלאגיע ביז 1910. דאס איז געטאן געוואָרען מיט דעם צוועק צו האבען א געוויסען פערספעקטיוו אין דער אויסגאבע. עס איז פאראן א היבשע רייהע גאנץ טאלאנטפולע יונגע דיכטער ווי ז. וויינפער, אריה לייב יפה, א. ניסענזאן, נפתלי גראס, ג. גראפשטיין, מלך ראוויטש און אנד. וואס האבען אנגעהויבען צו שרייבען נאך 1910, און זיינען דעריבער ניט באטייליגט אין דער פארליגענדער אויסגאבע. די דאזיגע און אנדערע וועלען דערגענצען די אנטאלאגיע ביי וויטערע אויפלאגען. אום צו ווייזען, אז אויך מיט זיי, די אינגסטע, האבען מיר זיך ניט וואס צו שעהמען, גיב איך דא פלאץ איינעם פון זיי — ז. וויינפער.

דאנק־זאגונג.

איידער איך שליס מיין ווארט וויל איך ניט פארגעסען צו דאנקען ה' י. ענטין פאר זיינע זעהר אפטע באמיהונגען און דעם שטענדיגען אינטערעס, וואס ער האט גענומען אין דער אויסגאבע, ווי אויך פאר דעם טייל ביאגראפיעס, וואס זיינען פון איהם דורכגעקוקט געווארען.

א באזונדערען דאנק בין איך שולדיג צו ה' ב. באראכאוו, פאר זיין שטענדיגער דערמוטיגונג אין צייט פון דער ארבייט און פאר די נויטיגע לינגוויסטישע באמערקונגען און אלטע דערגענצונגען מיט וועלכע ער האט באזארגט די אלטע ליעדער־אבטיילונג פון בוך א. אין דער אנטאלאגיע.

מיט גרויס דאנקבארקייט וויל אויך דערמאנען די ארבייטען פון די מאהלער: י. ליכטענשטיין, ז. מאוד און ס. זאגאט, וואס האבען אזוי פיעל געזארגט פאר דער אילוסטראציאנס־זייט פון דער אנטאלאגיע. אויך דאנק איך דעם מאהלער ב. קאסטינסקי.

איך דאנק אויך פראפעסאר ל. וויענער, פאר דער פריינדליכער אויפמערקזאמקייט, וואס ער האט ארויסגעוויזען ערלויבענדיג דורכצוקוקען זיין קאלעקציע פון אלטע אידישע ביכער, וואס געפינט זיך אין דער ביבליאטעק פון דעם הארווארד אוניווערזיטעט אין קעמברידזש, באסטאן.

א באזונדערען דאנק בין איך אויך שולדיג דעם אידישען ביבליאטעקאר פון דער נויארקער גרויסע שטאט־ביבליאטעק, ה' פריידוס, פאר זיינע אונערמידליכע באמיהונגען פאר דער פארפאלקאמונג פון דער אויסגאבע.

איך וויל אויך דאנקען ה' שאפירא, דעם ביבליאטעקאר פון דעם אידיש־טהעאלאגישען סעמינאר פאר זיינע באמיהונגען און לייסטונגען פאר דער אנטאלאגיע.

און צולעצט מיין אינigסטען —

ם. באסין.

א פאר ווערטער:

א וויכטיגע און טייערע ארבייט האט זיך פארגענומען אונזער פריינד מ. ב א ס י ן, צונויפקלייבען און אויסקלייבען דעם אוצר פון דער אידישער פאעזיע, זינט אונזער פאלק האט אנגעהויבען צו זינגען און דיכטען אין אידיש און ביז אונזערע צייטען. די אידישע מוזע איז ווי אן ארימע יתומה: די וועלט האלט, אז זי האט ניט קיין יחוס, און מע האט זי אזוי פארוויגט פאר אן עלענטען שטיין, אז זי אליין, די מוזע אונזערע,, געדיינקט אויך ניט איהר יחוס און מיינט, אז זי האט ניט קיין טאטע־מאמע. מ. באסין האט זיך פארנומען די ארבייט, אויסצוגעפינען איהר יחוס און ארויסצוהעלפען איהר צו דערפיהלען איהרע אייגענע ווארצלען.

א סך דערשלאגענקייט, א סך יאוש, אונבאהאלפענקייט און א סך הפקרות נעהמען זיך אין אונזער פאעזיע דערפון, וואס זי ווייסט ניט און שעצט ניט איהר אייגענעם י ח ו ס. אזוי ווי אפגעריסענע און פארוואגעלטע בלעטער פיהלען זיך אפט אונזערע בעסטע, אזוי ווי זיי וואלטען געדארפט אנהויבען א לעבען פונ׳ם ניי. אזוי ווי מעשה בראשית וואלט איטליכע שעה זיך אנגעהויבען אין אונזער ליטעראטור. קיין טראדיציע, קיינע דורות־אלטע און דורך דורות געהייליגטע פארמען און מאנירען, קיין אייגענער נאציאנאלער סטיל, קיין מוסטער ביי זיך אין דער היים, אויף צו פאלגען און פארפולקאמען. די מוסטערן פון דער אידישער פאעזיע זיינען אלץ נאך פרעמדע, פון די אומות העולם, די פארמען איהרע זיינען אדער אריגינעלע, אדער איבערגענומענע, ניט קיין אנגענומענע. מיר פארמאגען פארשיידענע מינים פאעזיע: פאלקסטימליכע, ראמאנטישע, סענטימענטאלע, סאציאלע, נאציאנאלע, אינדיווידואליסטישע, מאדערניסטישע, נאר איין מין פעהלט אונז, אהן וועלכען אלצדינג איז שטויב: עס פעהלט אונז דער ק ל א ס י ש ע ר מ י ן.

מ. באסין׳ס ווערק איז אן אנטאלאגיע, ד. ה. אן „אויסקלייב פון בלומען" (וואס אונזערע זיידעס וואלטען ווערטליך פארטייטשט „לקוטי שושנים") פון דער אידישער פאעזיע פאר פינף הונדערט יאר צייט. מיר ווילען זיך ניט איינרעדען, אז דורך אזא אנטאלאגיע וועט שוין אויסגעפילט ווערען אונזער הויפט־חסרון, דאס פעהלען פון א ק ל א ס י ש ע ר ט ר א ד י צ י ע. מיר האבען ניט קיין קלאסישע פאעזיע, און קינסטליך קאן אזוינס ניט באשאפען ווערען. דערפאר אבער איז מ. באסין׳ס ווערק ממלא א צווייטען חסרון — מיר דערקענען דעם יחוס פון דער אידישער מוזע, זי שטעהט שוין מעהר ניט פאר׳יתומ׳ט, הפקר־פריי פאר יעדען אנפאנגער און דילעטאנט. דעראיבער האף איך, אז מ. באסין׳ס אנטאלאגיע וועט מיט זיך אנצייכענען אן עפאכע אין אונזער ליטעראטור־געשיכטע.

אן אנטאלאגיע דיענט ניט די פריוואטע אינטערעסען און אמביציעס פון דעם אדער יענעם דיכטער. אן אנטאלאגיע, ווי א ביאגראפישער לעקסיקאן, ווערען ניט געשאפען צוליב דעם, כדי פלוני בן פלוני זאל האבען דעם פארגעניגען צו זעהען דארט געדרוקט זיין נאמען; אויך ניט צוליב דעם, כדי פלוני בן פלוני זאל דורך דעם „אונשטערבליך" ווערען. דער צוועק פון אן אנטאלאגיע איז ניט דער יחיד, נאר דער כלל: דאס איז א קולטורעלער נאציאנאלער צוועק. ראובן׳ס לידער און שמעון׳ס לידער ווערען דא באהאנדעלט, ניט אלס גייסטיגע פראדוקטען פון זייערע מחברים, נאר אלס בלעטער פון יענעם גרויסען בוים, וועלכער הייסט פאעזיע, און יעדער דיכטער,

אלס א צווייג פון דעם בוים. דעם זאַמלער פון דער אנטאָלאָגיע אינטערעסירט דער גאַנצער בוים, די אידישע פּאָעזיע, אלס אזעלכע, און נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט באדאַרף מען די אנטאָלאָגיע משפּט'ען.

דער שטאַנדפּונקט איז, אלזאָ, א ריין־ליטעראַרישער: אין דער אנטאָלאָגיע קאָנען און דאַרפען אריינגענומען־ווערען אלע דיכטער, וועמעס לידער און געדיכטען האָבען א ליטעראַרישען ווערט, ווען אפילו דער ווערט בלייבט באַגרעניצט נאָר מיט זייער צייט און סביבה. עס מוזען און קאָנען אריינגענומען ווערען אזעלכע דיכטער, וועלכע האָבען עפּעס אריינגעטראָגען אין דעם אוצר פון דער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, אלס אזעלכע, ווי גרויס אָדער קליין זייערע בייטראָגען זאָלען ניט זיין: אזעלכע דיכטער, וועמעס געזאַנג גיט צו עפּעס א טאָן אין די אקאָרדען פון זייער צייט, עפּעס א שטריך אין דער עסטעטישער פיזיאָנאָמיע פון זייער צייט. מיר באַטאָנען — זייער צייט, ווייל אן אנטאָלאָגיע דאַרף זיך באַגעהן מיט א קולטור־היסטאָרישען מאַסשטאַב, און קאָן ניט מעסטען די פאַרגאַנגענהייט מיט דער מאָס פון דער געגענוואַרט.

אין דעם זינען איז מ. באַסינס ווערק א וויכטיגער בייטראַג צו דער אידישער קולטור־געשיכטע, ער צייגט אונז, ווי אזוי די אידישע דיכטונג האָט זיך מדרגה נאָך מדרגה דערהויבען פון איהר קינדישען פּרימיטיווען צושטאַנד ביז דער מאָדערנער רייכער און צייטיגער ענטוויקלונג. אין אלגעמיין קאָן מען די געשיכטע פון דער אידישער פּאָעזיע צעטיילען אויף דיזעלביגע עפּאָכען, אין וועלכע זי איז צעטיילט געוואָרען פון מ. באַסין.

1. די אלטע עפּאָכע נעהמט ארום אַנ'ערך פון פיער הונדערט יאָר, פון ארום 1400 ביז ארום 1800 יאָרהונדערט. איך וואָלט אָטאָ די עפּאָכע נאָך צעטיילט אין צוויי פּעריאָדען:

א. די קלאַסישע צייט פון דער אלט־אידישער פּאָעזיע, ד. ה. דעם 16־טען און 17־טען יאָרהונדערט, ווען עס זיינען געשאַפען געוואָרען אזוינע גרויסע פּאָעמען, ווי דאָס „בבא־בוך", דאָס „שמואל־בוך", די „מגלת ויניץ", די מעשה פון „קיניג ארטיש הוף". עס איז א סברא, אז אויך די גרויסע פאָלקס־פּיעסען צום פּורים־שפּיל, ווי „אקטא אסתר אחשורוש", „מכירת יוסף" א. אנד. זיינען ענטשטאַנען נאָך אין 17־טען יאָרהונדערט, הגם געדרוקט זיינען זיי געוואָרען ערשט אין אָנהויב פון'ם 18־טען. — אין אָט דער קלאַסישער צייט האָט געהערשט דער דייטש־אידישער דיאַלעקט, און די העגעמאָניע אין דער ליטעראַרישער שאַפונג האָט געהערט אינגאַנצען צו די דייטשע אידען. די פּוילישע, טשעכישע און האָלענדישע אידען האָבען געשפּילט די קנאַפּסטע ראָלע.

דער טאָן און סטיל פון יענער קלאַסישער צייט האָבען זיך דערהויבען צו א גאַנץ הויכער מדרגה. נעהמט, צום ביישפּיעל, דאָס קורצע ליידענשאַפטליכע ליבשאַפט־ליד (אנאָנים) „וואו זאָל איך היו, וואו זאָל איך הער, וואו זאָל איך מיך'ס היו קערן". אָדער די גרויסאַרטיגע לויב־געזאַנגען צו גאָט יתברך אין דעם „שמואל־בוך" און אינ'ם „בוך מלכים". אָדער דאָס שטאַרקע ליידענשאַפטליכע קלאָג־ליד פון דער מלכה ושתי אין (דוד אָפּענהיימ'ס) „אקטא אסתר אחשורש". אויסגעצייכענט איז דער פרעהליכער, עטוואָס גרעבליכער און וואָוילערישער הומאָר אין (אייזיק וואַליך'ס?) „פּורים־ליד", די רעליגיעזע שטימונג אין לייב קוטנים'ס ברחנ'ישע געזאַנגען, פיין־אידיליש און האַרציג נאַאיוו דאָס ליבשאַפט־ליד „צו באַדעקענס". בייסענד און פול מיט צער איז די מוסר־סאַטירע אין מנחם אלדענדאָרפס ליד און אין אולמאַ זעליגמאַנס „צוכט־שפּיגל". מע קאָן נאַטירליך, ניט לייקענען, אז ניט קוקענדיג אויף אָט די אויסגעצייכענטע מוסטערן, איז די אידישע מוזע פון יענער צייט אין אלגעמיין נאָך זעהר נאַאיוו, קינדיש און ניט אויסגעהאַלטען.

יענע עפּאָכע האָט אונז אבער געבראַכט אלע פאָרמען און מינים פון פּאָעזיע: רעליגיעזע און וועלטליכע, מאָראַליש־דידאַקטישע און וואָוילערישע, פרומע און עראָטישע, אריגינעלע און איבערזעצטע.

ב. די צווייטע פעריאָדע וואָלט איך באַצייכענט, אַלס דעם אַלטעדע־ קאַדאַנס, אָדער, ריכטיגער, די אונטערגאַנגס־צייט פון דער אַלטער אידישער. ליטעראַטור; די דאָזיגע ירידה ציהט זיך אין לויף פונ׳ם גאַנצען 18טען יאָר־ הונדערט און זי ענדיגט זיך מיט׳ן פולשטענדיגען אונטערגאַנג פון דער פּאָעזיע ביי די דייטשע אידען. טאַלאַנטלאָזיגקייט, אונמאַכט און געשמאַק־ לאָזיגקייט כאַראַקטעריזירען די איינצעלנע „קלאָג־לידער", „חתונות", „שפּאַט־לידער" און סתם „נייע לידער" פון אָט דער פּעריאָדע. די ירידה איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אַסימילאַציע און פאַרפאַלגונגען: די אינטעלי־ גענץ האָט זיך נאָך לאַנג, פאַר משה מענדעלסאָן אָנגעהויבען צו אַסימילירען. פאַרלאָזענדיג דאָס פאָלק, און די פאָלקסמאַסען זיינען פאַרגראָבט און פאַר־ווילדערט געוואָרען, פאַרשפּאַרט אינ׳ם געטאָ.

2. אין דער נייער צייט וואַנדערט אַריבער די אידישע מוזע פון דייטש־ לאַנד קיין פּוילען און רוסלאַנד, קיין מזרח־צו, און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע אויפלעבונג פון אונזער פאָלקס־פּאָעזיע. אָט די עפּאָכע וואָלט איך צעטיילט אין די פאָלגענדע פּעריאָדען:

א. די חסידישע פּעריאָדע, וועלכע איז אפילו זעהר אָרים אין לי־ דער (רייך איז זי אין פּראָזאַאיש־דערצעהלטע סימבאָלישע און וואונדער־ מעשיות), — דאָך פאַרמאָגט זי עטליכע מוסטערן (צ. ב. די לידער, וואָס ווע־ רען צוגעשריבען צו ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער).

ב. די פּעריאָדע פונ׳ם פאָלקס־ליד.

ג. די פּעריאָדע פון די משכּילי׳שע פאָלקס־לידער (שלמה עטינגער, י. אַקסענפעלד, יצחק־בער לעווינזאָן, א. מ. דיק און אַנדערע).

ד. די פּעריאָדע פון די בדחנ׳ישע פאָלקס־לידער (בערל בראָדער, וועלוועל זבאַראַזשער, מיכל גאָרדאָן, אליקום צונזער און אַנדערע).

צוערשט שרעקליך אונבאַהאָלפען און קינדיש, סיי אין אידעע, סיי אין פאַנטאַזיע, סיי אין פאָרם דערהויבט זיך אָט די פּאָעזיע ביסלאַכוויז צו מעהר קינסטלערישע טיפען. מיכל גאָרדאָן טיילט זיך אָבער אויס, ווי אַ ריז, צווישען אַלע אַנדערע דיכטער פון זיין צייט. זיין עלעגיע „מיין לעבענס־ צייט" געהערט צו די פּראַכטיגסטע מוסטערן פון דער אידישער פּאָעזיע אין אַלע צייטען. אַן אינטערעסאַנטע פיגור איז אויך רש׳י קאַצענעלבאָגען, וועלכער וואָלט שוין געפּאַסט פאַר דער מאָדערנער צייט.

3. די קלאַסישע עפּאָכע פון דער נײַ־אידישער פּאָעזיע: ש. פרוג, י. ל. פּרץ, מאָרים ראָזענפעלד און די וואָס געהערען צו זייער צייט אָדער צו זייער שולע.

4. די מאָדערנע עפּאָכע, וועלכע מע קען אָנהויבען רעכענען פון אברהם רייזען, ליעסין און יהואש.

5. די „יונגע" דיכטונגען, וועלכע מע קאָן, אין אַ געוויסען זינען אָנ־ הויבען פון י. ראָלניק, ה. ראָזענבלאַט, י. סלאָנים און אַנד. עס איז אַ סברא, אַז די עכט יוגענדליכע ריכטונגען האָבען זיך צוערשט באַוויזען אין אַמעריקאַ. און נאָך דעם ערשט אין אייראָפּאַ. זייערע פאַרשטעהער זיינען: מאַני לייב, מ. ל. האַלפּערן, זישאַ לאַנדוי און אַנד.

נאָך איין טיפּ פון דער אידישער פּאָעזיע פעהלט כמעט אין באַסינ׳ס אַנ־ טאָלאָגיע, און דאָס איז די „באַוועגונגס"-פּאָעזיע, די סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע דיכטונגען. הגם זיי האָבען ניט קיין גרויסען עסטעטיש־ליטעראַ־ רישען ווערט, פונדעסטוועגען זיינען זיי פון קולטור־היסטאָרישען שטאַנדפּונקט זעהר וויכטיג און כאַראַקטעריסטיש: זיי האָבען געקראָגען די גרעסטע פאַרשפּרייטונג, און צוויי דורות האָבען זיך אויף זיי דערצויגען צו אַ העכערען געשמאַק. אהער וואָלטען געדאַרפט אויסגעטיילט ווערען פילע מוסטערן פון מ. ווינטשעווסקי, עדעלשטאַדט, באָווּשאָווער, מ. ראָזענ־ פעלד, א. רייזען, ט. אַנ־סקי, י. פעלאָוויץ (דער מחבר פון דער פועלי־ציוני־ טישער שבועה) און אַנדערע.

נאָר עס פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבסט, אַז אַ מחבר פון אַן אַנטאָלאָגיע איז סוועריען אין דעם אויסקלייב פון דיכטער, פון מוסטערן, און אין דער

קלאסיפיקאציע פון דעם מאטעריאל. מע קאן, פארשטעהט זיך, אויך עטוואס אויסזעצען געגען דעם, ווי אזוי מ. באסין האט אט די ארבייט געמאכט, — נאר, ווי געזאגט, דאס געהערט פולשטענדיג צו זיין קאמפעטענץ און צו זיין פאראנטווארטליכקייט, גלייך ווי די מעטאדע, מיט וועלכער ער האט געקא־פירט און טראנסקריבירט די אלטע לידער.

איידער איך שליס די „פאר ווערטער“, וויל איך אויסדריקען מיין הארציגע ברכה צו מ. באסין פאר זיין גרויסער און פלייסיגער ארבייט, וועלכע האט פון איהם פארלאנגט ניט נאר אויסערגעוועהנליכע מיה און יאה־רענלאנגער ארבייט, נאר אויך שווערע מאטעריעלע און גייסטיגע אנשטרענ־גונגען. אזוינע אנשטרענגונגען זיינען ניט באקאנט די פארשער און זאמלער ביי די גליקליכערע פעלקער. זאל זשע, זיין אנטאלאגיע העלפען אוועקשטע־לען אונזער קולטור־ארבייט אויף א העכערער שטופע, אזוי אז די קומענדע פארשער און זאמלער, זאלען מעהר ניט וויסען פון אזוינע שוועריגקייטען. זאל דאס בוך אוועקגעהן אין אידישען פאלק און וועקען אין אונזער אינטעלי־גענץ שטאלץ, ליבשאפט, אכטונג און פארשטענדניש פאר די אוצרות פון אונזער קולטור.

ב. באראכאוו.

בוך־א
ה׳ק״ע-ה׳תק״ס 1410-1800

ר׳ זעלמעלין.

ר׳ זעלמעלין — אידיש־העברעאישער דיכטער, א צייט־גענאָסע פונ׳ם באריהמטען ר׳ יעקב וועיל, וואס האט געלעבט און געווירקט אין ערפורט, אין דער ערשטער העלפט פון 15טען יארהונדערט און איז געשטארבען (לויט גרעטץ) ארום 1456. אויסער דעם איז נאר באקאנט, אז ר׳ זעלמעלין׳ס פאטער האט געהייסען שלמה בר יקר (פון די ערשטע בוכשטאבען פון זיינע צוויי העברעאישע ליעדער, פון וועלכע די צווייטע איז צום פאטער געווידמעט). דאס פאלגענדע ליעד איז דער אידישער וואריאנט פון דער ערשטער, פון די צוויי אויבען־דערמאנטע העברעאישע ליעדער. געבראכט לויט דער לאטיינישער טראנסקריפציע. „ביבל. דר. ל. לעווענשטיין, „יודישע אונד יודיש דייטשע ליעדער״, אין „יובעלשריפט צום 70טען געבורטסטאג דעם דר. י. הילדעסהיימער״, 135. בערלין, 1890.

שבת-ליעד.

(מיט׳ן ניגון פון הערצאָג ערנשט).

*)זייטענשפיל אונ׳ אלן לושט,
די קעניג דוד ני גיוואושט,
אונ׳ אנדר פראפעטן מעהר,
אונ׳ וועם די אל ווערן קונד,
אונ׳ ווער דר בולט (דערפילט) זיינש הערצענש גרונד.
זיין באטשאפט אונ׳ לעהר,
דאך מעכט ער דרציל̃ן ניכט,
גאטש לאב אונ׳ אל זיין וואונדר,
די עה גישאך אונ׳ נאך גישיכט,
די ער דא קור בעזונדר,
זיבציג פערזאנן אין ייפטן (עגיפטען) קאמן,
קעניג פרעה יוסף פערגאס,
אונ׳ פייניגט זיינר קינדר זאמן.

ערנשטליך זי גאט דא ריפן אן:
ער זאך (געזעהן) איר נאט זי טראטן הערדאן,
איר אונגימאך נאם איין ענדן,
ווי ער צו אברהם רעט,
400 יאהר אז אים פסוק שטעהט.

---

*) די אנפאנגס אותיות פון די דריי פערזען מאכען „זעל״, דער אנפאנג פונ׳ם מחבר׳ס נאמען (זעלמעלין).

ר׳ זעלמעלין

איך זי פון דאנן ווענדן
דש גישאף פרעה בור זאנק (פערזונקען).
אין דש מעערש מונדן.
דש וואש דער לאהן אונ׳ אויף דער דאנק.
דער שווערן הארטן זינדן.
די זי אז אירען ארמען קנעכטען ביגיננן.
נאט דר לוזט זיין ליבי קינדר,
אונ׳ גאב אינן די עע (געזעץ) די זי גערן אנטפפינגן. (אנגענומען).

ליבליך מארגנגאב צור האנד,
וואורד דער ליבן ברויט (כלה) געזאנט
שבת וואש די גאב,
הימליש בראט ער זי דא שפייזט,
אונ׳ וואכטלן איר הערנידר רייזט:
דעם הילגן שבת צו לאב,
הילט ער אויף דען הימל זיין,
ניכט צו געבן זאמן,
אם פרייטאג זי לאזן צווייפאך איין,
פיל אונ׳ ווינציג ווי זי קאמן,
אלזא זאל איך אין מיינם הויז אויף פפלעגן,
צוויי גאנצע בראט איך מיר אופלייגן
דריבר שפרך איך זיין זעגן.

ו.מ.

מנחם אלדענדארף.

מנחם אלדענדארף — אידיש־העברעאישער דיכטער. ביאגראפיע — אונבאקאנט. דאס פאלגענדע איז אן אויסצוג פון זיין ליעד „בנינון הוף ריף דער וועכטר על אהבת הכסף להמון עם ברוב עם תמצאנו”, אדער „ליעד פון מנחם אלענדארף מיט דער איבערשריפט” געפינט זיך אין ל. לעוועשטיין׳ס סעריע „יודישע אונד יודיש־דייטשע ליעדער”. איך ברייננ דא דאס דאזיגע ליעד, ווי אויך נאך איינינע אנדערע, צווישען די ליעדער פון 15טען און 16טען יארהונדערט, לויט דער ארדנונג ווי לעווענשטיין האט זיי געבראכט. אלע ליעדער פון דער סעריע, אויסער ר׳ זעלמעלין׳ס „שבת־ליעד” האבען ניט די דאטען פון זייער ערשיינונג, דאס דערמאנטע שבת־ליעד אבער איז פון 15טען יארהונדערט. (אלענפאלס באלאנגט די גאנצע סעריע לויט איהר שפראך און פארם שפעטסטענס צום 16טען יארהונדערט). בלויז דער ערשטער פערז פונ׳ם אויסצוג איז דא קאפירט לויט דער אידישער שריפט. ביבל. ל. לעווענשטיין, „יודישע אונד יודיש דייטשע ליעדער”, אין „יובעלשריפט צום 70טען געבורטסטאג דעם דר. י. הילדעסהיימער, 130 — 132.

ליעד.

גו׳*) וועל, דש די עש ניד אנטגעלט,
די טוריכט וועלט,
די מיט אל אירן זינן,
איר זיצן איר שטין,
איר גדנקן דא די מיט אום גין,
אויף דש געלט איר חן,
געלט צו געווינן,
נידר אונ׳ הוך,
דער וועלט אישט גוך,
יאג אונ׳ בלג,
דער נארונג נוך,
דש ווערט איר אלן טג אינן.

געלט צו מאכן האלט,
יונג אונ׳ אלט,
אל אן איינם רייהן,
ביי נאכט אונ׳ טאג,
ווער דא קאן אונ׳ מאג,
פפאן**) אונ׳ די ליין,
פאטר איידים אונ׳ זוהן,
אל גלייכליך זי טון,
צו זאמלן מוניציאן,
דא לאזן זי ניט פאן,
דען פפעניג שפאלטן זי אין צווין.

מיט שוויים אונ׳ מי,
שפעט אונ׳ פרי,
די וועלט וועלן זי פערשלונגדן,
צו זאמלן געלט זי ניט פראגן,
צו טון איין געבאגן, (געפעליגקייט)
אלן טראץ צו וואגן,
ווא זי אירן מאנן פינדן,
אלס נאך דעם גוט,
איר לייב ניט רוט,

---

*) גאט.

**) PFAFFEN? (מאנשען)דר. ל. לעווענשטיין.

געלט דש ערשט בלוט,
נאָך אים פיינדליך מן טוט,
איין טויטן הונד זאָלט מן דרום
שינדן.

איין הארטעם לעבן,
זי אין אויפגעבן,
דרויף זיינט זי געשן (פערגעסן ?)

דש איזט איין בייז טויט,
דש מן זיך ניט געניגן לאט,
דעם געלט נאָך שטאט.
ליבר דען קונפיט (קאָנפעקט)
זאָלטן זי עשן,

מאכן געלט אונגעריכט,
צו פילט אונ׳ ויכט,
צו לעצט בלייבט אים ניכט,
עש אויך דער פסוק שפריכט,
דאביי זי גאָטס פערגעשן.

וואש זאָל דש לויפן אונ׳ שערן,
נאקט מוש מן ווידר קערן,
צו דר ערדן דאָ מן פון אישט גינומן,
טוט תשובה מיט שטערק,
אויף אייער בייזי ווערק,

דאָ הילפט ניט זילבערן בערג,
אין דר וועלט דאָ מיר היין קומן,
פאר דר אל דינג האָט צו גיוואלט,
ווירד מן צו גיריכט גישטאלט,
אום וואש אינר האָט גיזונט
(געזינדיגט) האלט,
ניי אונ׳ אלט,
דאָ הילפט ניט ווייזהייט, איר דומן!

נו מוש עש דאָך הינטר אונש בלייבן,
די פאלשן גולדן אונ׳ זילבערן שייבן,
ווארום וויל איך דען איבריג ווייז
זיין אונ׳ מיר קראנקן,
דש מן לאנג יאָגט אונ׳ פיכט,
טראכט אונ׳ דיכט,
הילפט עש דאָך אלעש ניכט,
ווען מיר אונש רעכט באדנקן,
פון אל זיין גוט דש ער האָט גימאכט,
זיך לאנג ביגרזט (געקרייזט ?)
אונ׳ בזאכט,
ביי טאג אונ׳ נאכט,
האָט ער גאטעש ניכט גיאכט,
מן ווירד עש אים ווארליך ניט שענקן.



זלמן סופר.

זלמן סופר — אידיש־העברעאישער דיכטער. ביאגראפיע — אונבאקאנט. דער נאמען פון פארפאסער געפינט זיך אין די ערשטע פון די פערזען סיי אין אידישען און סיי אין העברעאישען טעקסט פונ׳ם ליעד. אויך דאס דאזיגע ליעד באלאנגט צו דער פריהער דערמאנטער סעריע. קאפירט לויט דער לאטיינישער טראנסקריפציע. ביבל. דר. ל. לעווענשטיין, „יודישע אונד יודיש־דייטשע ליעדער“, אין „יובעלשריפט צום 70טען געבורטסטאג דעם דר. י. הילדעסהיימער, 137—138.

וועט-שטרייט צווישן וויין און וואשר.

זאהן דעם וויין בין איך געהיישן,
אלזו שפראך זיך דער וויין.
מן טרינקט מיך מיט פליישן,
דאצו בין איך גאר פיין;
איך קאן מאכן שימפפען און׳ שערצן,
איך קאן פערטרייבן גרושע שמערצן,
איך דר וריי (דערפרעה) דען מענשן איר הערצן.

לאש אב פון דיינן רעדן,
שפראך דש וואשר שטארק.
געדענק דייני גרושי זינד
ביי נח אין דר ארק.
איך זאג דיר דש ווארלייכן (אמת׳דיג),
איך בין גיוועזן דעם ארמן
אז דעם רייכן.

מן לויבט מיך צו אלן צייטן,
שפראך דר וויין מיטניידונג,
צו דר פרויען ברויטען (כלות),
און׳ צו דר קינדר בעשניידונג.
איך בין איבר דיר איין דעגן,
דו קאנסט זיך פור מיר ניט גירעגן,
אן מיר העבט מן אן צו זעגן.

נו, וויש מאגשט דו דיך בערומען
שרייט דש וואשר ביטר,
פון מיר בישטו ביקומן,
איך בין דיין פאטר,
פון מיינם רעגן בישטו ווארדן בישניטן.

דיין רעד העטשט דו וואויל בארמיטן (פערמיטן)
עהר מיך פאר דען ערברן לויטן.

שפראך דר וויין צו דר זעלביגן שטונד,
דיין רעד זיין אונגירעכט
דו האשט אונש איינן מאָן פערזונד,
משה גאָטש קנעכט.
ער שפייזט אונש דעם הימלש בראָט,
פון דיינן וועגן מושט ער קושן דען טאט,
דש קלאָגן מיר פרי אונ׳ שפאָט.

וואש טושט דו דיין רעד אָהן באהאלטן,
אונ׳ טו צו דיינן מונד,
מיין וואשר וואורדן גישפאָלטן,
אין דש מעערש גרונד,
צו ביידן זייטן אויפגעשטיגן,
טרוקנש פוש זי דורך מיך גינגן,
ישראל פאלק דש הייליגן.

פרייז זאָלשט דו מיר לאָזן,
שריי זיך דר וויין אזו געיל (שטאָלץ),
אויף דש מזבח וועדר איך גיגאָשן,
אל טאָג צוויי פירטל,
מן קויפט מיך טייער אום דש געלט,
מן שלישט מיך אין די גוטן גיצעלט,
זאָ גישט מן דיך נידער אויף דש פעלד.

ריהם דיך ניט געגן מיר,
שרייט דש וואשר לויט (הויך),
דיין שאַנד וויל איך זאָגן שיר.
פאָן דען טאכטערן לוט,
ער טראנק דען וויין אין זיינן קראָגן,
וועד האָט גיהערט נימע (ניט מעהר) זינגן אדר זאָגן,
צווא טאכטר פון אירם פאטר וואורדן טראָגן.



שמואל הוגרלן.

שמואל הוגרלן — אידיש־העברעאישער דיכ־טער. ביאגראפיע — אונבאקאנט. דאס ליעד „איבער דאס שפיעלען", וואס איז פול מיט סאר־קאזם און וויץ, איז דאס פערטע און לעצטע פון דר. ל. לעווענשטיין'ס דערמאנטער סעריע, וואו עס ווערט געבראכט אין אידיש און העברעאיש. די ערשטע בוכשטאבען פון די פערזען, לעזענדיג א פערז העברעאיש און א פערז אידיש, שטעלען צוזאמען דאס פאלגענדע: „שמואל הקטן ברבי משה אורי ז"ל חזקו אמצו". קאפירט לויט דער לאטיינישער טראנסקריפציע. ביבל. דר. ל. לע־ווענשטיין, „יודישע אונד יודיש דייטשע ליע־דער", אין „יובעלשריפט צום 70טען געבורטס־טאג דעם דר. י. הילדעסהיימער, 138—144.

איבער דאָס שפיעלען.

מיך האבן איר דריי בירויבט,
אב איר מיר עש ניט גלויבט,
זא זאל מיר עש דער וירט ביקענן,
דער עש פון מיר הינוועגן טרוג,
ווי וואל עש נ׳ט וויש מיין צוג,
דאך וויל איך אין אייך נענן,
צווישן ביינהם*) אונ׳ ברעטהם,

דא אישט מיר עש גאר מישלונגן
ביי היישן שטיין ווארד איך גאר פרדרונגן,
מיין געלט דאש וואורד מיר דא צו ריבן,
אין דען דינשט וואורט איך גיטריבן,
דש אישט מיר ווינציג עהר גיבליבן.

אך שפיל, ווי קאנשטו זא רעכט קליין,
דש געלט מיט דיינם הארטן שטיין,
גאר צערמאלן אונ׳ צו רייבן,
וואופן (קלאגן) איבר דיך גישריען אונ׳ אך,
דש נירגן קיין פארבורגן וואך,
פאר דיר צו מאג בלייבן,
דו ווילשט עש אלש דורכזוכן,
אונ׳ דורכגרינדן,

*) וויינהיים און ברעטהיים — צוויי שטעטלאך אין גראסהערצאגטום באדען.

דש מוש איך וואהל הארט פלוכן,
מיט דיינן פאלשן בינדן,
אך שפיל איך מוש מיך דיינר דר ווערן,
ווען איך הון (האָב) נומע (ניט מעהר) צו צעהרן,
פון טאָג צו טאָג וויל איך דיין לאסטר מעהרן.

הערט איך וויל זי אייך טון קונד,
די מענכן אין טויט האָבן גיוואונד,
ווען זי גאָר נימט (קיינער) שאַנן,
ער זיי גוט אָדר ביז גיננט,
אך דש זי מישן ווערדן גישנט,
ווען ביזליך זי לאהנן,
אבצן אונ׳ דריי,
דש זינד די מינדשטן אונ׳ די מיישטן,
פיר מאכן מיך מיינש געלדש פריי,
זיבן צעהן שטעהן אויף,
מיך צו ליישטן,
ווי וואהל איך איר ניט ביגער,
זא קאמן זי דאָך זעלבר הער,
דש מאכט מיר אָפט דען בייטל לער.

טורשט איך זאָגן איר וערן מער דאביי,
די מיך מאכן לידיג אונ׳ פריי,
אן געלט אונ׳ אויך אן גוט,
זעכצן אונ׳ פינף זיינט זי גיננט,
זעקש די האָבן מיך אָנגיראנט,
פינפצן די האלטן מיין געלט אין הוט,
מיין זינד די מוש איך מעלדן,
עש אישט מיר גישעהן,
די קרייז (פעהלער) מוש איך געלטן,
דש ווערד איך אין ארמוט גיזעהן,
ווען איך וואהן זי זיינט ווער אנדרשוואו,
זאָ זיינט זי ברייט פאר מיר דאָ,
פאר גרייז ווערד איך אונ׳ אלטר גראָ.

פון ארמוט מוש איך איין וואנדלר זיין,
אך ווירפל דש גניש איך דיין,
זאלב אכט האשט דו מיך בשטריטן,
פאר ניינן אונ׳ צוועלפן מאג איך ניט בישטאן,
13 וואלן מיר ניט זיין אונטרטאן,
אך דש איך עש אז לאנג האָב גיליטן,
יוען זי 10 אָדר 11 ערשטעקן,
זאָ בגינן זי הערפאר צו דרינגן,

שמואל הוגרלן

מיט הויבן אונ׳ מיט זעקן
שלאָגן זי דריין די פפעניגגן,
ער מערט דען הויפן אלזו שווער,
היימליך ביי דער זייטן שלייכט ער דאהער,
איי איך ווייש ווש דאָ אישט דער מער.

פאר שאנדן מוש איך רוימן דען פלאן,
פאר פירצן הערן די דאָ שטאן,
נעגן דען זיבן ארמן האָב איך זיבן אָדר פירצן,
מיך הילפט ניט מיין ביטן נאָך פלעהן,
גאָר ווינציג זי זיך מיין ערבארמן,
זי האָפן זי וואלן מערן,
ווען נור איין גוטי שאנץ ביטראב,
אונ׳ וואהן צו גיווינן גוט אונ׳ האב,
זאָ האט ער עש פאר האלבר גיטראגן אב.

מארגענט אונ׳ אבענט אָהן אבגילאז (אויפהער),
קיין אנדר קורצווייל זי ניט האן (האָבען),
ווען דש זי די צייט איבר זיצן,
הונגריג אונ׳ דורשטיג אונ׳ פערשמאכט,
ביי טעג אונ׳ די נאכט,
שפילן זי ווען זי ערהיצן,
זי שווארן גריינן אונ׳ ביישן,
זי ווישן פון קיינם גוטן צו זאָגן,
גאטש דינשט זי זיך ליצל (ניט) פליישן,
ביי די נאכט און די טאָגן,
ליזל האַלטן זי זיין גיבאט אין הוט,
איגליכר גילושט זיינש גיזעלן גוט,
דרום ווערדן זי נימער זאַט נאָך וואַהל גוט.

האָט ער זיך שפילש ניט געניט,
אונ׳ קענט ער דעם ווירפל זייטן ניט,
זאָ אישט ער גאָר פארלארן,
פאר וואר וויל איך אים דש זאָגן,
יונג אונ׳ אלט ווירד אים צוגיטראָגן,
מיט לאנגן אונ׳ מיט קורצן זי אין ביטארן,
אָך דער גראשן ועלשרייא (פלעשעריי),
די דרויף זיין ערדענקט,
מיט קוועקזילבר אונ׳ מיט בליי,
זיינט זי פארקלעבט אונ׳ איינגיזענגט,
זי האָבן אויגן אונ׳ זיינד דאָך בלינד.

איר מאכער מישן ווערדן אז זי זינד,
אונ' אל דער זיך איר אונטרווינד.

ווש מאג ער זיך ברומן (בעריהמען) זיינש גיווין,
פיל שיר געהט עש ווידר דאהין,
אז דש גראז דאָרט פאר דער זאָנן,
מן שלאָגט אים בֿיש אונ' דש איין,
ביהענדר דען איין פאגעלן קליין,
אישט עש פון איהם צעראנן,
אישט דער בייטל פארבונדן שווער,
ער ווירד פיל שיעור גערינג אונ' מאגר,
מן שפריכט דש איין שפילר,
איש דש אנדרן בייטל טראגר,
אז ער עש גיווינט אזו עש ווידר הינגאט,
נאקט און בלאָז ער בישטאָט,
הין נאָך בלייבט אים שאָד שאנד אונ' שפאָט.

יאָ שפיל ווי ווערשט דו די גאָטשפורכט,
די פון דיינן וועגן ווירד פערוואורכט,
מיט דיינן פאלשן איידן,
דאצו זינדליך אונ' שענדליך ווארט,
דער דאָ פיל ווערדן גיהערט,
די גאָט זיין צו ליידן,
דער שאד בגינט אין זעהר צו רייען,
אים ווירד פיל וועה צו מוט,
ווי גערן וואָלט ער זיין שאנד בירייען,
דש ער זיין גוט אזו האָט פארדעמפפט,
זאָ ער קליינש האָט גימאכט,
דש בראָט האָט ער ניט דאפאן גיבראכט,
וועה אים דש ער עש איי האָט ערדאכט.

ליידש פיל אונ' אונגימאָך,
וואָהנט אלש אונטר זיינם דאָך,
ווען דש גליק ניט וויל געבן,
דו פערקערשט דען בידרמאן צו איינם שאלק,
פיל שיר געהט עש אים אן זיינם באלג,
דער וואהל מאכט גילעבן,
ווי שיר האָשט אין פארקארט,
צו רויבן אונ' צו שטילן,
ווען די אלטן שפריכוואָרט,
די פפלעגן זעלטן צו פעלן,
שפיל שטיל וואָך האָך,

צו זיינם טויט ווירד דען לויטן גאַך (נאַר),
אז איינעם הערן לויפן זי אים פאר אונ' נאַך.

זעכט (זעהט) וועלכר איין שינר שפילר אישט,
אונ' שפילט אַהן אלש ארגלישט,
אך ווי זעהר לאבן אים די בובן,
דש לאב ווירד אים פיל צו שווער,
מן שפריכט דש זיינד די גוטן שפילר,
ליגן אל אין דער באדשטובן,
דש בין איך אינן וואַרדן,
מיט מיינם שאד אישט עש גישעהן,
איך וואז (געוועזן) אויך אין דעם אַרדן,
דעם די בובן פרייז באר יעהן (צוגעטהיילט),
וועלכע זיין ,לייב צו שפיל פערפליכט,
ער שפיל ערליך אַדר ניכט,
זאַ אישט עש דאַך אלש גאַר איין וויכט.

פאלש אונ' ליגן אישט איר גידיכט,
מיט באזהייט זיינד זי צוגיריכט,
זי טאַרן ניט גצויקעש (עדות) זאַגן,
זי שטין אן דעם גיריכט אז די ליגנר,
אלר פרייד זיינד זי לער,
אונגליק אונ' לייד צו טראַגן,
ער אישט איין זעליגר מאַן,
דער דאַ אן דעם זיינן גיניגט,
אונ' זיינם גיזעלן אויך וואל גאַן (פערגינט),
ווש אים גאַט האַט צוגיפיגט,
האלט דש גידיכט ניט פיר איין שפאַט,
עש גיבט דיך איינר איינן ראט,
דער זעלברט קיינן נייטן האַט.

מערק שפיל ווי איך דיך האַן גיפרייזט,
אז דו מיך האַשט אונטרווייזט,
אַב איך דיך מאכט פארליידן,
פיל מענכר גוטר קנעכט,
דער צו עהרן וואר גירעכט,
מאכט ער זיך פון דיר שיידן,
דש זאַל איין בידרמן באדענקן,
אונ' זאַל זיך פון דיר וועהרן,
אונ' זאַל זיין עהר ניט קרענקן,
אונ' זאַל זיך מיט דיר ניט בוועהרן,
צו פלוכן אישט דיין נאַמן ביריית,

דו שטיפּטשט לייד איבר לייד,
ווירפל פון מיר זיי דיר ווידרזייד.

ווירפל דיין לאב איך פּרייזן וויל,
אונ׳ דעשגלייכן קארטנשפּיל,
אורלופּא (אורלויב) וויל איך אייךביידן געבן,
איך האָב מיך נו רעכט בידאכט,
די רעד די איך האָן בולן ברוכט (פּערענדיגט),
דארווידר וויל איך ניט שטרעבן,
איר זאָלט צו גאנץ אורלויב האן,
מיין לאסטר זאָלט איר ניט מעהרן,
וועז נימט (קיינר) מאג פאר אייך בישטאן,
איך וויל מיך בארבש ביקעהרן,
גענצליך אין גאָטש הוט,
זאָ מאג איך בלייבן וואהל ביהוט,
דש גיב מיר גאָט צו גוט.



אליהו לעוויטא.

אליהו לעוויטא (אליהו בן אשר הלוי אשכנזי, אליהו בחור, אליהו מדקדק, אליהו תשבי) — שריפטשטעלער. געבארען אין ניי־שטאדט ביי נירנבורג אין יאהר 1468 (לויט ווינטער און ווינשע 1469). אין 1507 האט ער איבערזעצט אין אידיש דעם איטאליענישען ראמאן BOUVO DANTONA, אונטערן נאמען „בבא־בוך" (פון וואנען ווי עס שיינט, עס שטאמט דאס ווערטעל „באבע מעשה). אין 1540 איז דאס בוך ערשיענען און איז זעהר פאפולער געווארען אין 1545 איז אויך ארוים זיין תהלים־איבערזעצונג. אליהו לעוויטא איז אויך געוועזען א בעריהמטער העברעאישער געלעהרענטער און גראמאטיקער. געשטארבען אין 1549 אין ווענעדיג. דער עקזעמפליאר פונ'ם „בבא־בוך", פון וועלכען דער פאלגענדער אויסצוג איז קאפירט, געפינט זיך אין דעם נויארקער אידיש־טהעאלאגישען סעמינאר. געדרוקט אין אמסטערדאם: „בדפוס אורי פייבש בן אורן הלוי זצ"ל". (מר. שאפירא — ביבליאטעקאר פון סעמינאר טהיילט מיר מיט, אז ער איז גוט באקאנט מיט „אורי פייבש'ס" אנדערע אויסגאבען און ער איז זיכער, אז דער באטרעפענדער עקזעמפליאר איז געדרוקט געוועזען אין תכ"א (1661). די צייכנונג ווי הערצאג דודון טויטעט הערצאג גווידון, געפינט זיך אין דער אויבענדערמאנטער קאפיע. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 2, 331; יוד. רוס. ענצ. 4, 689; א. שולמאן אין „יוד" 1900, נומ. 17; באכער „צייטשריפט" 43, 206; יוד. רוס. ענצ. 10, 118 — 120; מ. גרינבוים „יודיש־דייטשע כרעסטאמאטיע" 78—87, 479—551; „תולדות אליהו התשבי" מאת שלמה באבער; ווינטער און ווינשע 2, 225—235; ז. רייזען „לעקסיקאן".

בבא בוך.

פארווארט.

נאט דען זאל מן איביג לובן
אונ' זייני וואונדר זאל מן קונדן
ווען ער איז גיאכפרט אונ' דער הובן
אין ורומי לייטן מונדן
ער איז גיוועלטיג אונטן אונ' איבן
זיין לוב איז ניט צו גרונדן
קיין מענש דער עז קאן פולענדן
ווען עש האט נוך דרום נאך ענדן.

זיין הייליגר נאמן זאל מיך שטערקן
דש מיר ניט זאל מיסלינגן
צו פולענדן דש דאזיג ווערקן
איין וועלט בוך צו טייש צו ברענגן

און׳ דש איך זאָל ור מיך מערקן
און׳ ניט פעלן אן קיינר לייא דינגן
און׳״דש דיא לייט זאָלן מיינר ניט לאכן
נון הערט אויף עש וויל זיך מאכן.

מן שפריכט וויא אין לאָמפּארטן
וואר גזעסין ור לאנגן צייטן
איין הערצוג פון הוכר ארטן
זיין גלייכן וואר ניט אין ווייטן.
הערצוג גווידון היש מן דען צארטן
איין שטארקר דעגן אין אלן שטרייטן
מיט גרושר ערין טרוג ער דיא קרונה
אין איינר שטאָט דיא היש אנטונה.

דאָ אינן הט ער זיין צייט ור טריבן
און׳ וואר נון איין מן פון זעכציג יאָרן
איין בוך האָט אונש אזו גישריבן
וויא דער הערצוג זאָ הוך גיבורן
אלן טאג און וייב וואר גיבליבן
און׳ מיט ורויאן גיוועזן פר וואָרן
און׳ דאָ ער קאם אין זיין עלטר
ווען מן אין בידעקט זאָ וואר אין קעלטר.

אָל דש ווערמן אין ניט קלעקן
ער טעט אז וואָלט ער דר פרירן
זיא שפּראכן צו אים זייני וייזי ריקן
גינעדיגר הער פולגט אונזרם הערן
שיקט צו זוכן אין אלין איקן
אירגנט נאָך איינר יונגי וואָרמי הירן
דיא אייך זול ווערמן און׳ אויך זאָל פפלעגן
וואול אים ווער ער לענגר אליין גילעגן.

דיש הערצוג טוכטר פון בורגנייה
דיא וואָר אין צו דער אי גיגעבן
איר גלייכן וואר ניט ביז קען באבילונייה
זיא גפיל אים וואָל און׳ וואר אים עבן
זיא וואר גיהיישן דיא שין ברנדונייה
בייא אים הט זיא איין קעשטליך לעבן,
וואָש זיא בינערט וואר איר גיאכט
זיא הט גוטי טעג און׳ בייזי נאַכט.

זיא ווערמט אין מיט גוטן מורן
איך קאָן אייך ניט מין גיזאגן

אליהו לעוויטא

דעם שימפפא בראך אויש דען בורן
דיא שון ברנדוניה דיא וואר טראגן
אונ׳ גיוואן איין זון פון גאטש גינודן
קיין שינר קינד זאך מן ניא מיט אויגן
דעם זיין גיבערד זא וואל אן צאמן
ער היש בבא מיט זיינם נאמן.

וואש גרושי ורייד טריב נון זיין פאטר
דאז מעכט איר נון וואל גלאבן
נון הט ער איין בורג גרובן דען באט ער
דש ער אים זולט היטן דען קנאבן
אונ׳ זולט זיין רעכטר גיפאטר
דער גרוב טעט וואש ער וואלט האבן
דער זעלביג גרוב היש סיניבלד
זיין שלום היש שנשימון אין איינם וואלד.

קיין פעשטרר שלום וואר ניא גיזעהן
דינן הילט דער הערצוג וואש ער הט איינן
עז לאג פון אנטונה איין מייל אודר מעהן
וואר גיבויאט אויף איין הוכן שטייגן
דער הערצוג ביגונד צו סיניבלד צו זאגן
נעם מיין זון אונ׳ לאש אין דיין וייב זויגן
אונ׳ הייש אין אויףווארטן מיט אל דינגן
אונ׳ ווען ער ווינט זא הייש אין זינגן.

דער סיניבלד נאם דען יונגן הערן
אונ׳ ברוכט אין קען שאנשימון זיינם וייבן
זיא זויגט אין פון הערצן גערן
זיא וואושט ניט וואש זיא מיט אין זאלט טרייבן
מן זאך דא ער ביגונט גרוש צו ווערן
דש ער וואורד איין מאן זיינש לייבן
דא ער וואר איין יונגר פון צעהן יארן
דא טרוג ער שטעטש צווין דרייא אין הארן.

אונ׳ סיניבלד דער לערנט אין פעכטן
שטעכן שירמן אונ׳ טורנירן
אידרמן וואלט ער הרגן אונ׳ שעכטן
גר ווילד ולוך אים זיין הירן
אונטר ווילן מיט פיר פוינף קנעכטן
ער צוך צו זיינר מוטר שפצירן
אבר זיא וויש אים ווינציג ליב שאפט פפלעגן
זי הט אין פיינט פון זיינש פאטרש וועגן.

איין זין וויל איך דער צו טראכטן
אונ׳ זאָלט עס מיך מיין לעבן קושטן
איך וויל ניט בייא אים אזו פור שמאכטן
אונ׳ פר רושטן
איין פיינן יונג וויל איך מיר אכטן
דער נאָך מיינם ווילן מיט מיר וועט פושטן
נון הט זיא איין הופמן דער הייש ריצרד
אויף בושהייט גר גישווינד ער ווארד.

איין מאָל רופט זיא אין אין דיא קאמר
דיא איר דער הערצוג הט לאָשן בויאן
אונ׳ שפרך ווילשטו מיך ניט פור רוטן
איין גרושי זך וויל איך דיר גיטרויאן
אונ׳ וויל דיר שענקן טויזנט דוקאטן
אונ׳ טושטו עס ניט עס וועט דיך גירויאן
איך וויל דיך מאכן איצונדר טיטן
איך וויל שרייאן דוא הושט מיך וועלן ניטן.

דיא ברנדונייה שפראך דוא מושט דיך דער וועגן
איין צוק צו ציהן ביז אין פרנצה
דאָ זיצט איין יונגר שטולצר דעגן
דער היישט הערצוג דודן פון מאגנצה
מיין מאן שטאך איין מאָל איין דענן
זיינם ליבן פאָטר אין זיין פאנצה
דרום זאָלשטו צו אים שפראכן
איך וויל אים זיין פאָטר העלפן רעכן.

אונ׳ דען דאָזיגן בריף זאָלשטו אין טראָגן
דש ער הער קומט אין לאָמפרטן
מיין מאן זאָל ער צו טוט דער שלאָגן
אין יענם וואלד אין זיין טיר גאָרטן
דאָ וויל איך אין איין שיקן צו יאָגן
הייש אין מיט זיין קנעכטן אויף איןווארטן
ער ווערט ניט פיל דערפן פעכטן נאָך שארמוצלן
הייש אים נייארט געבן דורט דיא קוצליין.

דען זאָל ער הער קומן איבר שטוק און איבר שטיינן
אונ׳ ער זאָל איין נעמן דיא שטאָט פור אלן זאכן
זאָ וויל איך דען זער שרייאן אונ׳ וויינן
ווער איך נייארט קענן פור גרושם לאָכן
מיט אים וויל איך מיך בלד פור איינן
נאָר בלד וועלן מיר דיא הוכצייט מאכן
אונ׳ טאָג אונ׳ נאכט וויל איך אן אים הענגן
וואָש איך פור זוימט האן וויל איך ווידר איין ברענגן.

אורלב נאם דער ריצרד אונ׳ פון איר שיד ער
און נאם דען בריף אונ׳ צוך זיין שטרושן
דוך גידוכט ער זיין הערץ אלזו בידר
אונ׳ ער טריב מיט אים זעלבש איין יאמר גרושן
ער הט אופט מוט אום צו קערן ווידר
דוך וואלט אין דער טייביל ניט לאזן
דש אונגליק זולט זיך אזו שאנצן
ער צוך דא הין אונ׳ קאם קען מגנצן.

ער רייטט צום פאליש אונ׳ באנד אן זיין פולן
אונ׳ ער קאם הינויף אין זאל גיטרעטן
אונ׳ ער זאגט דודון וואש זיא אים הט ביפולן
אונ׳ גאב אים דען בריף אז זיא אים הט גיבעטן
ער לייעט דען בריף צווייא דרייא מולן
אונ׳ דער נאך וויז ער אין זיינן וייזן רעקן
אונ׳ מיט גרושן צארן זאגט ער צו זיין ביט ליין
שלאגט פלוקש אויף דען מיט קניטלן.

ואנגט אין אונ׳ ווערפט אין אין טורן
דער פור רעטר דער מוז הענגן
איך וויל ניט גיטרויאן דער פאלשר הורן
זיא מיינט מיך דורט הין צו שפרענגן
דיא פור רעטרייא דיא זיא אן מיין פאטר פורן
דא מיינן זיא מיך צו ברענגן
ריצרט דר שראק אונ׳ הוב אן צו זאגן
הער איר זאלט איך ניט פארגעהן (שלאגן ?)

שיקט אויש אונ׳ זייט אייך דער פרוגן
איך וויל מיך קיגן אייך פור בינדן
פינט איר דש איך הון גילוגן
זא זאלט איר מיך לעבנדיג שינדן
דודן גידוכט איך זאלט וואגן
ער הוט שלעכט וואר דש וואורד איך בינדן
עש איז איין זאך דיא דא איז צו גלאבן
וועןקיין יונגי ורויאי מאג קיין אלטן מאן האבן.

ער שפראך צו ריצרד צוך גאר דרוט
אונ׳ הייש זיא זיך וואל דרויף ריכטן
שפראך איך וויל איר העלפן אויז איר נוט
דש וויל איך מיך קיגן איר פור פפעליכטן
אזו ברוכט ריצרדן דש בעטן ברוט
נון הורט אויז וואש זיא קונט ריכטן

דאָ עש זיא נון דוכט צייט דער זכן
דא ביגונד זיא זיך גאָר קרנג צו מאַכן.

אָן איינם זונטג צו נאכט צו דרייאַן
דער בורא מוש זיא פעלן אונ׳ פפייגן
דאָ הוב זיא אָן צו קרעכצן אונ׳ צו שרייאַן
קיין מענש קונט זיא דער שווייגן
לונג אונ׳ לעבר מאכט זיא זיך שפייאַן
זיא שפראך דיש טוטש דיש בין איך אייגן
אוי וויא מיין לעבן מוז איך לאָסן
די מוטר וויל מיר דש הערץ אָב שטוסן.

דער הערצוג קאָם צו איר גיגאַנגן
דו ליבי קרון וואָש איש דיר ווידר פארן
דש הארן גלאָז טעט ער איר לאנגן
און שפראך ליבש הערץ דאָ אונפפאנג דיין הארן
אונ׳ זאָג מיר וואו הער נוך הושטו פור לאנגן
קיינר לייא זאָלשטו דיר ניט שפאָרן
זאָג מיר וואָש דו ווילשט האָבן גערן
איז עש אין דער וועלט זאָל עש דיר ווערן.

ברנדונייה שפראך דורפט איך אייך מיאַן
איך וואָלט אייך גערן ביטן איין בעטליין
דאָז איר אייך זאָלט מורגן וריאַן
אוּנ׳ אויז רייטן יאָגן נאָך איין ווילד ברעטלין
דאָז איך עשן אין איינר בריאַן
אודר דרויש מאכן איין וואָרם ברעטלין
ליבר הער קונט איר מיר עש בישיקן
מיך דוכט עש וואורד מיך גאנץ דער קוויקן.

ער ליגט זיך צו איר אונ׳ זיא מיט אננדר ריטן
ביז עש ביגונד דאָ הער צו טאָגן
דאָ פור ער פלוקש אויף זיינם ביטן
אונ׳ היש אים זיין הארניש אלדאר טראָגן
אונ׳ ער שפראך מן זאָלט אויף טרומיטן
מיט אל זייני קנעכטן וואָלט ער אויז ציהן יאָגן
דאָ ברנדונייה ביגונט דש צו זעהן
דא שפראך זיא ליבר הער דש זאָל ניט גישעהן.

איך זאָג אייך ליבר הער טרויאַן אים רעכטן
דש הארניש מוכט אייך דער היצן
דערפט איר דוך מיט נימנט פעכטן

אליהו לעוויטא

דרום רוט איך אייך מיט וויצן
ציבט נייארט דא הין מיט צווין קנעכטן
דיא איברינן לאשט היימן זיצן
איר הט גינוגן גיזעלשאפט אז אין בידן
דער ליב לידל ליש זיך איבר רידן.

אונ׳ ער ריט דא הין דען זעלבינן מורגן
דער הערצוג פרום אונ׳ דער צו ערבר
מיט צווין קנעכטן און אלי זורגן
אויף זיינר הנט טרוג ער איין שפרבר
נון הט זיך אין דעם וואלד פור בורגן
הערצוג דודן דער לאנדש פור דערבר
אונ׳ ווארטט דורט ניט וייט פון דאנן
מיט פיר הונדרט גיהערנשטי מאנן

הערצוג גווידון מיט זיינם הונדן
ער יאגט נייארט איין קליינש ווילן
דא עש דוכט דודן זיין שטונדן
דא קאם ער פלוקש הער בור צו איילן
אונ׳ ער שלוג גווידון גאר טיפי וואונדן
אונ׳ שוסן אויף מיט אירן פפיילן
דש דיא פפיילן בלייבן אין אים שטעקן
דא שטורב ער לידר אויף דעם פלעקן.

אונ׳ דא דש דאזיג נון וואר גישעהן
היניין אין דיא שטאט קומן זיא צו רענן
דודן, דודן הובן זיא אן צו ייהען
אונ׳ הובן אן צו מורדן אונ׳ צו ברענן
אזו בלד אז אין ברנדוניה וואר דער זעהן
פון וייטן וואר זיא אין וואל קענן
אונ׳ גאר ביהענד לוף זיא אים אנקיגן
אונ׳ זיא פורט אין היים ער מושט זיך צו איר ליגן.

דרום ליבן הערן איר זאלט שויאן
וואש אונגליק קומט פון דען בייזן ווייבן
וויא זיא מאכט אירן מאן צו שטיקן הויאן
דש זיא אירי ביברייא וואלט טרייבן
אלי אונגליק קומט פון דען בייזן ורויאן
זעכט וואש שלמה המלך טוט שרייבן
וויא ער זוכט איין ורויא איין רייני
אונ׳ זיין טאג פאנד ער קייני.

נאָכוואָרט.

דאך·וויל איך נענן ואר
ווער דש בוך הט גימאכט אונ׳ גישריבן
אליהו בחור נענט ער זיך צוואר
איין גאנץ יאָר הט ער דאר איביר פור טריבן
אונ׳ הט עש גימאכט דש זעלביג יאָר
דש מן צילט צווייא הונדרט אונ׳ זעכציג זיבן
ער הט עש אויש אין ניסן
אונ׳ הוב עש אָן אין איר
גאָט זאָל אונש געבן רוא פור אלן בויזן טיר.

אונ׳ זאָל אונש דר ליזן אויש אונזרן פּיין
אונ׳ זאָל אונש דיא גינוד געבן
דש מיר אל מושן זוכה זיין
משיח צייט צו דער לעבן
דער זאָל אונש פירן קעז ירושלים היניין עבן
אודר ערגאנץ אין איין דערפליין דר נעבן
אונ׳ זאָל אונש דש בית המקדש ווידר בויאן
אָמן וכן יהי רצון אָמן טרויאן.

הקדמה.

צו אליהו לעוויטא׳ס תהלים־איבערזעצונג.
נעבראכט פון ב. באַראַכאָוו׳ס זאמלונגען.

איר ורומי ורויאן די אן דעכטיגן,
די ביגערן צו לאָבן דען אלמעכטיגן,
דא העיבט אויף אויירי אויגן און זעכט
דש הייליג תהלים דש גוט אונ׳ גירעכט.
דש האָט גימאכט דוד המלך עליו השלום.
דש זאָגט מאן אז וויט אז דער עולם.
אָבר אין טויטשן האָט מאן עש ניט וואָל גיפונדן,
דרום האָבן מיר עש צו דרוקן אונטר וואונדן.
זאָ ווערט איר דינן וינדן מיינסטר שטוק,
ווי עז אליז איז ור טויטשט נאָך דעם דקדוק.
דרום די מלמדים די מיט דען יונגן קנאָלן
און תהלים רעכט טויטשן וואָלן,
די ווערט דש דאָזיג תהלים אונטר וויזן,
דש זי ניט מעין אין טויטשן גרייזן.
אונ׳ דרום זאָל עז קיין ורוי אנפערן
אונ׳ זאָל עז קויפן ווי עש איר קאָן ווערן.
אונ׳ זאָל עש אויז לייאן אלי וואָך,
אָז די מזמורים גיצייכינט אין דעם בואָך.
זאָ ווערט זי גאָטיז הולד דר ווערבן
אונ׳ דש ליכט גן עדן ווען זי ווערט שטערבן.

דיכטער אונבאקאנט.

דאס פאלגענדע ליבע - ליד
איז ווארשיינליך איינע פון די ערשטע אויף דער טעמא אין אידיש. עס איז קאפירט פון א כתב־יד אויף פארמעט אין רש'י־שריפט, וואס געפינט זיך אין דער אמבראזיאנישער ביבליאטעק אין מילאן (איטאליען). דער כתב־יד געהערט צו א גאנצען ארכיוו, וואס שטאמט פון די צייטען פון לוקרעציא באָרדזשיא און דעם דיכטער פיעטרא בעמבא, ד. ה. מיט פיער הונדערט יאהר צוריק. דאס ליעד ווערט געבראכט פון ב. באראכאוום זאמלונגען. ביבל. א. בערלינער, „איין גאנג איבער די ביבליאטהעקען איטאליענס". (די אויסלייגונג אויסגעבעסערט).

א ליבע-ליד.

וואו זאל איך הין, וואו זאל איך הער,
וואו זאל איך מיכז הין קערן ?
איך בינז איין צינונט, מיין הערץ דאז ברענט,
איך קאינז ניט פריי ווערן.
דא שפעהט די הערץ אלר ליבזט מיין
די איך האב אויף דער ערדן.



דיכטער אונבאקאנט.

דאס „שמואל־בוך" נעהרט צו די גרויסע אנאנימע קלאסישע ווערק פון דער אלט־אידישער ליטעראטור פון 16טען און 17טען יאר־הונדערט. (באקאנט זיינען: די ערשטע אויס־גאבע אין אויגסבורג, 1544, אין מאנטוא, 1562 (?), אין קראקוי, 1593, אין פראג, 1609, און אין באזעל 1612.) אויסער דעם איז דאס בוך אויך פיעל גע־נאנגען אין איבערגעשריבענע עקזעמפליארען. (צו אונזער צייט זיינען דערגאנגען צוויי אזוינע כתב־יד'ן, פון וועלכע איינער געפינט זיך אין דער האמבורגער שטאט־ביבליאטעק און דער צווייטער אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק פון פאריז). די אויסצוגען, וואס ווערען דא געבראכט זיינען גענו־מען פון דער ערשטער אויגסבורגער אויסגאבע און פון דעם האמבורגער כתב־יד. א סך איבערזעצער פון תנך האבען נאכגעאהמט דעם „שמואל־בוך" און האבען געגראמט „בנגון שמואל בוך". דעם דא־זיגען נגון אדער פארם האבען אנדערע אנגערופען „אכט געזעץ", ד. ה. א סטראף פון אכט שורות. און יעדע שורה באשטעהט פון דריי־פיער פערז־פים (מעהרסטענס יאמבען, אדער אמפיבראכיען, זעלטען ווען טראכייען און דאקטילען). עס זיינען פאראן פארשיידענע השערות וועגען דעם מחבר פון דעם דאזיגען ווערק. ז. באמערקונגען צום „שמואל־בוך". (די אויסלייגונג אויסגעבעסערט).

פון „שמואל-בוך".

א.

ווער מיט גאנצם הערצן
זיין זין האט גיקערט
צו אונזרם ליבן הערן.
ווי אפט ער אין דר גערט!

זיין גינאד אונ' זיין זיכערהייט
נאך ני גילאג,
ער היולפיט זיינן קנעכטן,
עז זיי נאכט אדר טאג.

ב.

זיין לאב קאן נימאנט ענדן.
וועדר ורוי נאך מאן.
דארום זאל מאן שווייגן,
ווען מאן עז ניט ואלענדן קאן.

ער האט אונז גיהאלפן
אפט אויז אונזר נאט
אונ' האט אונז ור געבן
אונזר זונד אונ' מיסטאט.

ג.

מיר האן אין אפט דר ציונרט
אונ' ווידר אין גיטאן,
זא האט ער אונז איין ווילן
אונזרן ויינדן גילאן.

ווען מיר אין ווידר אן רופטן
אונ' לייסטן זיין גיבאט,
זא האט ער אונז גיהאלפן,
דר לאיזט אויז אונזר נאט.

ד.

ידר בון וויל איך שווייגען,
עז ווער צו זינגן ויל,
בון דעם בוך שמואל
איך אוייך זינגן וויל,

ווי גאט יתברך דורך זייני גיוטי
גרוש וואונדר האט גיטאן.
דער וועל אונז אין דעם גלות
אין קיינן נאיטן לאן.

ה.

אין דען זעלבן צייטן,
דאַ ישראל זאַס
אין דעם לאַנדי כנען,
קיין קיניג אונטר ישראל וואַז.

עז וואַז איין כהן גדול,
דער וואַז עלי גינאַנט.
אונטר אל ישראל וואַז ער
איין ריכטר אין דעם לאַנט.

ו.

דער זעלביג כהן גדול
אין דער שטאַט שילא זאַס.
אין דעם לאַנדי כנען
קיין קיניג וואַז.
ער דינט אונזרם הערן

ער שרייב אונ׳ לאַז
אין גאַטז דינסט וואַז ער בירייט.
ער טעט אל מאָל דאַז בעסטי,
אל באַזהייט וואַז אים לייט.

ז.

נון זאַס אין זעלבן צייטן
צו רמה אין דער שטאַט
איין מאַן דער הים אלקנה,
דער מאַכט די ארמן זאַט.

דער זעלביג מאַן אלקנה
האָט צו זיינם לייב
חנה אונ׳ פנינה
גינומן צו צוויי ווייב.

ח.

חנה די וואַז (איין) שאַיני
אונדי וואָל גיטאַן;
דא קאַנט איר מאַן אלקנה
קיין קינדר מיט איר האַן.

ער וואַז איין לוי ורומר
אז מאַן עז גישריבן וינט.
דא האָט מיט אים גיטראַגן
פנינה צעהין קינד.

ט.

חנה די וואונדר שאַיני
אין זיינם הערצן לאַג,
ער קאַנט איר ניט ור געסן
ווערדר נאַכט נאָך טאַג.

ווידר זיין ווייב פנינה
האָט ער גיטאַאן ני,
דענאָך האָט ער ליבר
חנה וועז זי.

י.

נון האָט דער מאַן אלקנה
איין ורומקייט דר דאַכט,
דאַז ער די לוייטי
מיט אים גען שילה בראַכט.

דז זי צום רגל גינגן
אונ׳ בראַכטן אָפּפיר דאַר:
אל יערליכן גינגן
זי צו דעם רגל דאַר.

יא.

אין די שטאַט שילה,
דא די הייליקייט וואַז,
מיט אל זיינם גיזינדי
איך קיינז ער ניט ור גאַס.

וועז ער גאַט האָט גידינגט
זאַ טראַנק ער דען ויין,
אונ׳ וואָלט מיט אל זיינם גיזינדי
אל מאָל ורייליך זיין.

יב.

אונ׳ דער מאן אלקנה
ביגאביט זיין גיזינד
איקליכן ביזונדר
בייד ווייב אונ׳ קינד.
דש ווליסיט זיך דער יונגן,
דש ער עז ניט ור נאם,
אונ׳ גאב חנה דש בעסטי.
דארום טעט ער דאש,

יג.

דא זי ניט זאלט טרוייארן
אום איין קינדליין
אונ׳ זאלט מיט אירר געלן פנינה
אל מאלט וראליך זיין.
דש בור דראס פנינה,
דש חנה גאב וואז גוט
אונ׳ האט אל מאל דז בעסטי;
גאר ציורניג וואז איר מוט.

יד.

זי שפאטיט אירר געלן,
זי שפראך: „דו זאלסט מיר זאגן,
חנה מיין ליבי געלן,
וש האסט דו גיקויפט דיינן קנאבן,
דען גרושן אונ׳ דען קליינן?
דש לאז מיך בור שטאן!
דו זאלסט מיט דיינר קינדר גאבן
אויך הר וארהר גאן...

טו.

„זיכסטו, ווי מיין קינדר
אירי גאבן טראגן?
דו וייסט דאך בון קיינר
ורוייד נישט צו זאגן.
ווען דו נון גישטירביסט
זא ביסטו פולענד בראכט,
דיין נאמן ווערט ור געסן
אונ׳ נימר מער גידאכט.“

טז.

דש בור דראס חנה
אונ׳ דענאך שווייג זי שטיל:
„מיינם מאן אלקנה
איך עז ניט זאגן וויל.
זאלט איך אונזרם מאן
האלבר בון דיר זאגן,
איך גיב דעז מיין טרויאן,
ער ווורד דירז ניט ור טראגן“.

יז.

ווען זי נון ווידר קערטן,
צו גאטיז דינסט בירייט,
איר געלן פנינה
אל מאל צו איר זייט.
דער שמאכהייט אלזא וילן
איין צארניגם גידאן
חנה די ויל שאיני
קאנט קיין רו בור איר האן.

יח.

דארום וואז זי ניט וראא,
אירן צארן זי בור בייס.
זי וואלט ניט עסן נאך טרינקן,
זי וייניט אלזא הייס.
דא שפראך איר מאן אלקנה:
„חנה, איך וויל דיר זאגן,
דו וויינסט לעבט דש דו
קיין קינדליין קאנסט טראגן?

יט.

האָן איך דיך דאָך ליבר
ווען דיין געלן פנינה,
אונ׳ גיב דיר אל מאָל דש בעסטי,
דארום זאָלסט דו זיין וראָא״.

דאָ שוויג זי אַלזאָ שטילן,
ביז דש מאָן ניט אס,
אונ׳ גינג בור דען טעמפיל,
דא דער כהן גדול וואז.

כ.

אויף האָב זי איר אויגן
אונ׳ זאָך דען הימיל אן :
„דו זאָלסט מיר, הער גאָט, העלפן,
דז איך גיווינן קאָן.

דו האָסט מיט דיינן גינאָדן
בישאפן אויף דער ערדן
לוייט צו גיווינן קינדר,
אַלזאָ לאָסט מיך אויך ווערדן.

כא.

„זאָ האָסטו דען אין דיינם
(אייוויקן) הימיל רייך
ענגיל די קיין קינד גיווינן
אונ׳ לעבן עיוויקלייך.

זאָל איך קיין קינד גיווינן,
ליבר הערי מיין,
זאָ לאָס מיך עיוויג לעבן,
אז די ענגיל דיין.

כב.

„זאָל איך יא שטערבן
אונ׳ זאָל ווערדן ביגראבן,
זאָ לאָז מיך, ליבר הער גאָט,
ביפאָרני קינדר טראָגן !״

דש זאָך דער כהן גדול,
צו חנה ער זיך קאָרט,
איר לעפצן זאָך ער וואָגילן,
איר רעיד ער ניט האָרט.

כג.

אין דען זעלבן צייטן
וואז ניט דער זיטן,
דז נימאָנט בור דעם טעמפיל
גימעכליך פפלאג צו ביטן.

ער גידאָכט אין זיינם זיני,
די ורוי מוז טרונקן זיין.
ער שפראָך : „דו זאָלט הין וועג גאָן.
מאָן טרינקט אַלהיע ניט ויין !״

כד.

זי שפראָך : „ליבער הערי !
איר האָטז ניט רעכט בידאָכט.
איך האָב אן דיזם טאָגי
קיין וויין אין מיך גיבראָכט.

נון זיינט איר דאָך קיין נביא,
נואיירט איין שלעכטר מאָן !
איך רוף בון גרושם ליידי
מיינן שאָיפפיר אן.״

כה.

עלי דר כהן גדול
די ורוי ער אן זאָך ;
נון מאָכט איר גערן האָירן,
ווי ע׳ צו איר שפראָך :

„גאָט דער אַלמעכטיג האָט מיך
דיר הייסן זאָגן :
געי היים צו דיינם הויזי,
דו ווערסט איין קינדליין טראָגן.״

כו.

דא נייגט זיך די שאיני ורויא
צו דעם כהן גדול:
„דו ביסט איין רעכטר נביא,
דש האיר איך איצונדר וואל!"

דא גינג זי מיט ורײדן
היים אין איר גיצעלט.
אלקנה אונ׳ איר גיזינד
די צאהין איבר דש ועלד,

כז.

ווידר היים גען רמה.
בור וואר איך אוייך טו זאגן:
חנה די ויל שאיני
וואורד איין קינדליין טראגן.

דש קינד װארד גיבארן
אונ׳ וואז שמואל גינאנט.
אונטר אל ישראל
זיין נאמן װארד דר קאנט.

דש גיזאנק דוד.

א.

איך לאב דיך גאט מיט ורוידן,
צו גאנגן איזט מיין לייט,
מיין ויינד די זיין בור שעידן,
דיין גינאד האט מיך דר ורייט.

דעם הערן קוניג שאול
האסטו מיך ניט גילאן.
דו הילפסט מיר הער גאט אל מאל,
מיין וײנדי מוסטן צו גאן.

ב.

אייניגר גאט ישראל,
ווער קאינט דיין לאב ואלענדן?
דיין ויינדי קומן אין די העל,
דיין ורוינדן הילפסטו ביהענדן.

דו האלפסט מיר מיט גרושן וואונדר
אויף דעם ועלז זא האך,
דו זענדיסט מיר ביזונדר
איין ענגיל, דער צו מיר צאך.

ג.

דא וואורד איך לעדיק באלדי,
איך לאב דיך הערי מיין!
דו האלפסט מיר אין דם וואלדי
דא שאול צאך הין איין.

מיין שלאז אונ׳ מייני ועסטי,
מיט אל מיין היולף זא גרוש,
דו ביזט גאט דער בעסטי,
אויף דען איך מיך בור לאז.

ד.

מיין בישירמר אונ׳ מיין הערשאפט,
מיין היולף אונ׳ מיין שטערקער,
דו לייסט מיר הער גאט גרוש קראפט,
דיין היולף איזט מיין בינער.

איך לאב מיט האהיר שטימן
גאט דען הערן מיין.
מיין קעל די מוז דר קלינגן,
לאז דירז גיהארזאם זיין...

ה.

איך רוף אין אן אין אל מיין לייט,
גאט דען הערן מיין.
ער הארכט מיך בון זיינר הייליקייט,
מיין גיבעט דז נימט ער איין.
מן לאבט גאט מיט רעכטן,

עז זיי ביי נאכט אדר ביי טאג
ער היולפט זיינן קנעכטן,
זיין היולף אונז ני גילאג.
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

ו.

נאָט גאָב אונז די תורה
אויף סיני דעם בערג,
מיט צייכן אונ׳ מיט וואונדר
אונ׳ מיט גרושר שטערק.

לעבענדיגר גאָט מיין שאַיפפיר
מיין העלפר עיוויקלייך,
אייניגר גאָט (דר הערשיר
אין) הייליגן קיוניג רייך.

ז.

גאָט האָט מיך גיראָכן
אז דען ויינדן מיין:
מיין ויינדי זיין צו בראָכן,
זי מיוזן מיין קנעכט זיין.

בון מיינן ויינדן אלן.
ווער מיך עי בראָכט אין נאָט,
זי זיין אל מאל גיפאַלן,
גאָט יתברך מיר גיהאָלפן האָט.

ח.

אלי שעלק אויף ערדן,
איר באָסהייט האָלף זי ניכט.
צו כפרה מיוסטן זי ווערדן
די ואלשן באָיזיוויכט.

גאָט קאָן מיך וואָל דר לאָיזן,
איך לאָב (מיין) גאָט מיט רעכט.
ער היולפט פון אלם באָיזן
דוד זיינם קנעכט.

ט.

אָפינבאָר וויל איך דיך לאָבן
פאַר דען ואָילקירן אל.
אין דיינם הימל דאָבן
איך לאָב דיך גאָט מיט שאָל...

גינאָד מיר ליבר הערי
דא מיט טריט איך הין דאָן.
מיין הערץ זאָלסטו (מיר) לערנין
דש איך דיר דינין קאָן.

נאָכוואָרט.

גילאָבט זיי גאָט, דער מיר האָט געבן קראַפט אונ׳ שטערק
צו אן העיבן אונ׳ צו ואָלענדן דיזעם ווערק.
איין גאָט אברהם יצחק אונ׳ יעקב,
אונ׳ דער דעם דוד אויז אל זיינן נאָיטן האָלף.
דער וועל מיר אויך זיין היולף צו שיקן,
דש איך זיינן ווערקן זאָל ביגליקן.
צו דרוקן אנדרי ספרים מער,
אלז איך האָב גיטאָן ביז אל הער.
דען ניגון פון דעם ספר שמואל,
דען קאָן כל ישראל.
ער אונ׳ דש ספר מלכים איסט אלז איינר.
איך האלט עס זיי נירגאנט קיינר,
ער קאָן דען נגון בור הין.
זאָ האָט ער דש לערן נעלט צו גיווין...
זאָ נעבט מיר דש געלט, נעמט אוייך די וואָר,
זעט הין האבט אוייך איין גוט יאָר.

דיכטער אונבאקאנט.

ספר מלכים — א פארטזעצונג פון „שמואל־בוך“, איז א פאעטישע איבערזעצונג פון די ביכער מלכים א׳ און מלכים ב׳; גלייך, ווי דאס „שמואל־בוך“, איז אויך דיזע פאעמא „געריימט אין אכט געזעץ“, און עס איז ניט באקאנט סיי דער מחבר, סיי די צייט פון פארפאסונג. די ערשטע אויסגאבע, פון וועלכער עס ווערט דא געבראכט דער אנהויב, איז געדרוקט געווארען אין דערזעלביגער דרוקעריי, וואו די ערשטע אויסגאבע פון „שמואל־בוך“, ד. ה. אין חיים שווארצעס און פוילוס עמיליוסעס דרוקעריי אין אויגסבורג (בייערן) נאר מיט א יאהר פריהער פאר דעם „שמואל־בוך“, ד. ה. אין 1543טען, יאהר מיט׳ן נאמען: „דש ספר מלכים אין טויטשר שפראך הויפש אונ׳ בישיידליך אויך גר קורץ ווייליג דרינן צו לייאן“. געבראכט פון ב. בארוכאוו׳ס זאמלונגען. (די אויסלייגונג אויסגעבעסערט)

ספר מלכים.

דער אנהויב

איך לאב דיך גאט בון הערצן,
דו ביסט וואל לאבעם ווערט.
דו האסט מיט דיינן קרעפטן
בישאפן הימל אונ׳ ערד,
דר צו ויל וואונדר אונ׳ צייכן,
די נימאנט צעילן קאן:
צאם אונ׳ אויך ווילדי,
ורוי אונ׳ אויך די מאן.

דרום איז בעסר גישוויגן,
מאן קאן עז דאך ניט ענדן.
ווען דו ביסט זא מעכטיג,
אל זאך קאנסטו וועגדן.
דארום זאל מאן דיך פורכטן,
דז איזט ביליך אונ׳ רעכט.
אלי קרומי הענדל
קאנסטו מאכן שלעכט.

דו האסט קינדר ישראל
גאר אפט צייכן גיטאן.
דארום זיין זי שולדיג,
דש זי דיך בור איין הערן האן,
אונ׳ זאלן דיין נאמן פורכטן.
דש איזט אין גיוץ אונ׳ גוט.
דער מענש איז גאר איין ועלטיג,
דער ווידר דיין נאמן טוט.

די קינדר ישראלווארן
אין מצרים לאנד;
דא דר צייגסטו אין ויל צייכן
דורך דיין גיוועלטיג האנד,
אונ׳ ויורסט זי אויז דעם גלות
אין די ווילדי וויסטניי,
אונ׳ גאבסט אין די תורה
אויף דען בערג סיני.

דו שפייזט זי וירציג יארי
מיט דעם הימלישן בראט,
אז לאנג ביז משה רבינו
ליידר מוסט ליגן טאט.
דר נאך ויורט זי דיין דינר
יהושע אין דז הייליג לאנר.
ער ביצוואנג זי מיט גיוואלט
דורך דיין קרעפטיגי האנט.

משה בן מרדכי פרלאג.

משה בן מרדכי פרלאג („משה הונט") — שריפטשטעלער און איבערזעצער. געלעבט אין איטאליען, אין אנהויב פון 16טען יארהונדערט. האט איבערזעצט אין אידיש דעם תהלים (אין פראזא), יהושע און שופטים (אין גראמען), יונה (אין פראזא), און עטליכע מעשות פון דער אגדתא. אט די אלע איבערזעצונגען זיינען צו אונז דערגאנגען אין א האנטשריפט, וואס געפינט זיך אין דער פאלאטינישער ביבליאטעק אין פארמא, איטאליען. דער כתב־יד איז געצייכענט פונ'ם מחבר מיט צוויי דאטען: „ב' מרחשון רע'א" און „י'ג סיון רע'א", ד. ה. 1510 און 1511־טען יאהר. (א. נייבויער אין דזשואיש קוואַדערלי רעוויו", 1892 יאהר, ז. 703, האט די דאטע פאלש אויסגעטייטשט, אלס 1420־טען יאהר). דער ריטם פון זיינע גערייםטע איבערזעצונגען איז דער זעלבער „ריים אין אכט גיזעץ", וואס אין שמואל־בוך". געבראכט פון ב. באראכאוו'ס זאמלונגען. ביבל. ב. באראכאוו, אינ'ם „פנקס" („ביבליאטעק", ז. 40־41, נג' 312 און 313). די אויסלייגונג אויסגעבעסערט.

ספר יהושע.

א.

וואלט איר נון צו האירן,
איך וויל אוייך וואונדר יעהין,
ווש משה רבינו אישט גישעהין.
נון מאיגיט איר ביי שפיל נעמן
ביי דם הייליגן מאן,
דש נימאט ווידר גאט
האפארט טרייבן קאן.

ב.

משה רבינו דש דער וואז הייליג
אונ' וואז אן קיוניג רייך!
אין דער נבואה אונ' אין לאב גאט
ואנט מאן ניט זיין גלייך.
ער וואז איין קיוניג איובר ואלק גאט
אונ' איובר אל זיין העיר,
זיין וואונדר קאן איך אייך ניט דר צעילן,
זי זינט ויל זעיר.

ג.

ער טעט אזא ויל צייכן
אונ' וואונדר מיט גאטיז גיוואלט,
דש קיין נביא אויף ערדין
וואז זא גרוש גיצאלט.
זיין וואונדר ווער ויל צו שרייבן,
דש זאג איך אוייך בור ווער,
ער לעבטי הונדירט
אונדי צוועינציק יאר.

ד.

דא זיין צייט קאם צו שטערבן,
נון מאיגט איר גערן האירן,
ער שפראך: ליבר הער גאט, ווער זאל
מיין ואלק ישראל אינז הייליג לאנד
פיורן?
ווען איך בין גישטארבן
אונ' האן דען טאט גיליטן,
זא ווערט מיין ואלק ישראל
געין אז איין שאף אן הירטן.

ה.

הער נאט איך וויל דיך ביטן,
דש דו מיך לעבן לאזט,
אום ווילן ואלק דש הייליג,
דש דו אויף ערדין האסט.

אונ׳ לאז מיך זי ויורן
אין דש הייליג לאנט,
אז דו דעז אבות הוסט גישוואר׳ן,
דש טו מיר אויך ביקאנט״.

ו.

דא שפראך גאט דער הערי:
„דש מאג נים גיזיין.
דז האסט בור זוונדיט
אונ׳ אהרן דר ברודר דיין,

איר זאלט מיך האן גיהייליגט
ביי דם ועלזן גרוש,
ביי דען גרושן צייכן
דש וואסיר אויז דעם ועלזן שאס.

ז.

איך הים אוייך צו דעם ועלזן
רעידן אונ׳ הויפשליך זאגן,
דש ער דעם ואלק זאלט וואסר געבן;
דאווארט איר אין גאר שלאגן.

דרום מוזט איר אלהי שטערבן,
דש זאג איך דיר בור וואר,
דען ירדן ווערט איר ניט איובר וארן
מיט דיזר הייליגן שאר.

ז.

העט איר מיך גיהייליגט
אן דעם ועלזן מיין,
אונ׳ העט אין נוייארט גיבעטן
אום ווילן דר צייכן שיין,

זא העט איר מיך גיהייליגט
גאר אפין בור וואר
אין אן גיזיכט דער זאמלונג
דער הייליגן שאר.

ט.

משה, דו מוזט שטערבן,
דיין צייט איזט נון גיקומן,
אום ווילן דיינן זיונד׳ן.
דו האסט מיך וואל ור נומן!
דיין קיוניגרייך וויל איך געבן

דיינס דינר, דש האן איך מיך ור
מעסן.
ער האט דען וייגן וואל גיהויאט,
דרום מוזט ער דר בון עסן״.

יוסף בן יקר.

יוסף בן יקר — שריפטשטעלער. געלעבט אין
דער ערשטער העלפט פון 16טען יארהונדערט,
אן איידעם פון דעם באוואוסטען דרוקער חיים
שווארץ. אין 1549 איז אין אייכענהויזען ערשיי־
נען זיין סדור־איבערזעצונג, וואס רעכענט זיך
פאר דער ערשטער, געדרוקטער סדור־איבערזע־
צונג אין אידיש. די פאלגענדע צוויי פערזען זיי־
נען פון זיין נאכווארט צו דער איבערזעצונג. קאר
פירט לויט גרינבוים, ביבל. ז. רייזען, „לעק־
סיקאן".

*

* *

גאט דעם הערן וואלן מיר דאנקן,
דער דא מאכט גיזונד דיא קראנקן,
אונ' גיבט דען מידן שטערק,
דאש זי קונין פול ענדן איר ווערק.

ווער איז איין גאט אז ער,
ער האט אונז גיהאלפן ביז הער,
דאש די תפלה האט איין ארט,
נון וויל איך ניט מינר מאכן מיין ווארט.



יהודה בן ישראל רעגענסבורג.

יהודה בן ישראל (פון) רעגענסבורג — מחבר פונ׳ם „קליין בראנט־שפיגל״. די ערשטע פופציג סטראפעז פון דעם „קליין בראנט־שפיגל״ זיינען אן איבערזעצונג פון יהודה אל־חריזי׳ס תחכמוני, פון דעם 44טען קאפיטעל. יהודה בן ישראל פון רעגענסבורג (אדער אנדערש: ליב שיבריל פון לומפענבורג), האט די אויבענדערמאנטע איבערזעצונג צוערשט געדרוקט אין ווענעציא, אין יאהר 1566 (דערנאך איז עס ארויס אין פראג אין 1581, 1585 און 1589, אין אמסטערדאם—1556) מיט׳ן נאמען „משלי חכמים״. צו די פופציג סטראפען פון אל־חריזי, האט דער מחבר צוגעגעבען נאך צוואנציג כדי עס זאל אויסקומען די צאהל פון די סנהדרין. שפעטער איז עס געווארען איינע פון די פאפולערסטע פאעמען אין אידיש. עס איז מעגליך, אז יהודה בן ישראל פון רעגענסבורג איז געווען די זעלביגע פערזאן, וואס לייבע פון רעגענסבורג, וועלכער האט איבערגעשריבען דעם כתב־יד פון „שמואל־בוך״, וואס געפינט זיך אין האמבורג. שפעטער האבען די „משלי חכמים״ געקראגען דעם נאמען „דער קליין בראנט־שפיגל״. ציטירט לויט דער ערשטער אויסגאבע. פון ב. באראכאוו׳ס זאמלונגען. (אויסלייגונג אויסגעבעסערט).

דער קליין בראנט-שפיגל.

עז וואר גיוועזן איין קיניג פון ישראל בון דען קעסטליכן אונ׳ וויזן,
דר האט ביי אים זיבנציג חכמים די וואָרן וואָל צו פרייזן.
איין מאָלט שפראך ער: איטליכר זאג עטוויז רעיד דער ניוצליכקייט,
דז דאָ מיט ווערט גיפרופט זיין ווייזקייט.

דער ערשט שפראך:

פור איין וואָרהייט וויל איך זאגן איינם:
ווי זיך איינר לאָזט פרופן דש איז ניט איין קליינם.
עז לאָזט זיך אָפט איינר פרופן דז ער דאָ מיט ווערט גיערט,
אונ׳ עז לאָזט זיך אָפט איינר פרופן דז ער דאָ מיט ווערט פר אונמערט.

דער אנדר שפראך:

איין קנעכט דער זיך אן זיין טייל לאָזט בינוגן,
דער איז פריי אונ׳ טוט אז די קלוגן.
אונ׳ איין ורייאר איין קנעכט,
ווען ער זוכט מעין אז אים גיברעכט.

דער דריט שפראך:

דער מענש יאָגט שווערליך אנדר דינג
אונ׳ איז זעלבסט גיאָגט נאָר גרינג.
ער יאָגט ווש ער ניט גרייכן קאן

און׳ ווערט גיאַגט פון וויש ניט אנטרינט ורוי נאָך מאן.
דז איז דער מלאך המות, דעו קאן נימאנץ אנטגעין.
אל דש גוט קאן איינם ניט ביי היולף שטעין.

דער וירד שפראך:

דריי צייט דיש מענשן אויז ער ווילט זיין:
געשטערט, הייט און׳ מאָרגן שיין.
געשטערט איז איבר וארן און׳ איז דר פון.
הייט געיט ביהענד איין וועק די זון.
און׳ מאָרגן קאן נימאנט וויסן.
אב ער איז קאן גיניסן.

דער וינפט שפראך:

כארהייט דיש מענשן טוט איז ור דערבן
און׳ דורך קלוגהייט איינים חכם טוט ער הילף דר ווערבן.

דער זעקסט שפראך:

ווער זיינם הערן ניט דינט מיט ווארהייט,
דעם קאן עז וואָל ניט אויז געין אין קורצי צייט.
עז זיי גאָט אדר איינם מענשן אך הערן,
דעם זאָל מאן מיט וליים טון דינן ביגערן.

דער זיבנט שפראך:

ניט זיי פון דען לייטן, דז אין צייט אירן ליידן
דא זיין זי זיך ערשט פון בעיזן וועג אב שיידן,
און׳ וועו זי דר נאָך זעהין איר זאך וואל ור מעסן
דא טונן זי איר לייד אליז ור געסן.
זי זיין ניט טרעג
זי קערן זיך ווידר צו דן ערשטן וועג.

דער אכט שפראך:

עז איז אזא גוט
צו האבן איין ורומן זין און׳ איין ורומן מוט.
און׳ צו טון תשובה אויף זייני בעיזי ווערק און׳ גידאנקן.
אז איין גוטי גיוויסי רפואה צו איינם קראנקן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער ויונפצינט שפראך:

דער דא לערנט תורה אין דר יוגינט,
דער ווערט אין דער וועלט וואל זיין אין דער תורה ביקענט.
מען ווערט אים לאב און׳ עיר נאך זאגן,
אז איינם באם, דער גאר שעין אפס טוט טראגן.

דער איין אונ׳ ויונפצינט שפראך :

צייך איין איטליכן מענשן אונ׳ טו דיך פאַר אים היטן.
בירוים אים ניט ביז דו האָסט דיך מיט אים ויל גוסט טון גיניטן.

דער צוויי אונ׳ ויונפצינט שפראך :

וועד דאָ איז ויל ור צערן.
מעין אז אים גאָט יתברך איז בישערן.
באָ איז זיך ניט ור וואונדרן אויף זיין ארמוט.
דער ווייל דש ער מעין אז ור מאג ור טוט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער נייִן אונ׳ זעכצינט שפראך :

מאַן האָט גיפראגט איין חכם ווארום ער זיך האָט גישנעלט.
דז ער זיך מיט איינם קליינם מאַגירן ווייב האָט גיזעלט.
ער ענטווערט : ער האָט אז ווייב ניט קענן וירן זיין וועזן.
דאָ האָט ער פון ויל בעיז דש וויניגסט טון אויז לעזן.

דער זיבצינט שפראך :

איין חכם וואר איבר זיינר הויז טיר שרייבן :
גאָט געב דז אליז בעיז פון זיינר טיר זאָלט אויסן בלייבן.
דא וואַר איין אנדרר חכם דער ויר גיפאַרן.
דש טעט אים באַנג אונ׳ צאַרן :
אונ׳ שריב דארונטר : ווען דו דיך דש האסט ויר גינומן, —
ווען דיין ווייב אויז געיט, צו וועלכר טיר זאָל זי ווידר היימן קומן ?

נאָכוואָרט.

איך יהודה ב׳ר ישראל רעגינספורג.
המכונה ליב שיבריל מק׳ק לומפינבורג,
האָב אין איינם עברי בוך טון לעזן,
דז פופציג דיזר חכמים רעיד זיין גיוועזן.
אונ׳ איך האָב צוואנציג גיזעץ עברי אונ׳ טייטש טון צו זעצן.
איך האָף מאַן וועדט מיך ניט טון דארום בישוועצן.
איך האָב עז אויף זיבנציג מיינונג גיבראכט :
געיגן זיבנציג סנהדרין האָב איכז בידאכט.
איך האָף צו גאָט צו לאָזן דרוקן ויל אנדרי ספרים מעין.
די איך האָב גימאכט, די דאָ זיין גאר לוסטיג אונ׳ גאַר שעין,
עטליכי די דאָ עברי זיין גאַנץ אונ׳ גאַר
אונ׳ נישט גירייםט אומז גאַר,
אונ׳ עטליכי זיין גאַנץ טייטש גיריימט גאַר וואָל,
אונ׳ עטליכי זיין עברי אונ׳ טייטש גריימט גאַר שעין אָן צאָל...

יצחק בן מרדכי לאנקוס.

יצחק בן מרדכי לאנקוס פון קראקא — געלעבט אין 16־טען יארהונדערט. האט איבערגעזעצט דעם מחזור אין אידיש. דער דאזיגער מחזור געפינט זיך אין האנטשריפט אינ׳ם בריטישען מוזיי. קיין קלארע דאטע אויף דעם כתב־יד איז ניטא, נאר אויף דעם שער־בלאט איז אנגעשריבען, אז דאס בוך איז געקויפט געווארען פון „אייענער פרוי טעלצע פון ר׳ יוסף חזן פאר 5 טאלער", און דערנאך א צווייטע באמערקונג, אז דאס בוך איז ווידער פארקויפט געווארען אין פערטע אדער גאר ווייטערע הענט אין יאהר 1590. דערפון איז קלאר, אז דאס בוך איז פארפאסט געווארען לאנג פאר 1590־טען יאהר. געבראכט פון ב. באראכאוו׳ס זאמלונגען. (די אויסלייגונג אויסגעבעסערט)

נאכווארט.

(צו א העלפט פונ׳ם מחזור)

נו הארט מיר אויך צו איין ווייניג, איר ליבי לייט,
וואז איך אייך וויל זאגן הייט....
צו לערנן אונ׳ צו זאגן.
אין דעם רעכטן וועג האט אייער אוגן.
אונ׳ פון הקב׳ה זאלט איר ניט ווענקן,
מייני פרומי בחורות אונ׳ ווייבר,
דש וויל איך אייך שענקין...
אויף צו וואש איך וויל אייך יעהין,
אונ׳ מייני רייד זאלט איר ניט פר שמעהין;
אונ׳ איך שאן בין קליין אונטר אנדרי קאיסטליכי מאנין,
נאך זיין מיין רייד אז די גרושן טאנין,
אונ׳ מיין זאג אז די טייטל ביים צווייגן
אונ׳ זים אז האניג אונ׳ גוטי פייגן.
אז איין לייב איין הערץ האן איך
אונ׳ מיט מיינן ווערקן אז איין פוקס בין איך.
אונ׳ צו אייך וויל איך זיסקייט אנטפלעקן
אונ׳ איך פפלעג צו בוישן אונ׳ צו העקן;
צו דען די דא דר ציורנן מיין זין,
דען טו איך אז איין שטעכינדיגי בין...
קינדר די דא ווערן זיין פול חכמה אונ׳ תורה,
דש איז בעסר אז איין עם הארץ,
דר דא האט נאך טעם נאך סברה.
אונ׳ פורכט גאט אויך מיט גאנצם הערצן,
עס זיי אין שיומפפן אדר אין שערצן.
אונ׳ וויסט דז ער איז דער לעבינדיג גאט,
דער הימל אונ׳ ערד בישאפן האט,
דער איניג אונ׳ דער ערשט אונ׳ דער לעסט.

אנטאלאגיע.

מיט חכמה ער די וועלט גיגרונדיט בעסט.
אין אלר שטאט איז זיין עיר,
אויף דער טריקניש אונ׳ אויף דעם מעיר.
קיין שטאט קאן קיין לויב אונ׳ עיר ניט טראגן.
זיין גינאד אונ׳ ווארהייט קאן מאן ניט זינגן נאך זאגן.
ראש אויך זאלט איר טאן.
דא ווערט איר האן גרושן לאן דר פאן:
דען ארמין לייטן צדקה צו געבן,
זא ווערט אייך גאט דר לענגין אייער לעבן.
אונ׳ אין די שול צו געין זאלט איר אייך איילן
ביהענדר אז פון איינם באגן די פפיילן.
אונ׳ איר זאלט אכטן וריו אונ׳ שפאט
צו טאן אייער תפלה אונ׳ צו לאבן גאט.
אונ׳ מיט גרושר פורכט זאלט איר פר אים בוקן,
דיין הויבט, דיין נאקן אויך דיין רוקן.
אונ׳ ווען אייער לייב ווערט געין צו דער גראבן,
זא ווערט די זעיל געין אין הימל אבן.
דש ערשט פון אלן דינגן מאכט אייך איין גוט ווארט,
מיט אלם דז דר צו גיהאירט, —
דש זעלביג איז בעסר ווען זילבר אונ׳ גאלד.
אכט דז אייך גאט אונ׳ די וועלט ליב האט.



ר׳ הוסלן.

ר׳ הוסלן (האסלין) — ביאגראפיע אונבאַקאנט. דאס פאלגענדע ליעד, וואס האט ניט קיין נאמען, געפינט זיך אין א האנטשריפט אינ׳ם ראַבינער סעמינאר, אין ברעסלוי. אנשטאט א נאמען שטעהט אויפ׳ן ליעד: „חרוזה של מהר״ר הוסלן זלה״ה“. דאס ליעד איז אן איבערזעצונג פון שלמה בן גבירול׳ס „שיר על המים“. געבראכט פון ב. בארקאוו׳ס זאמלונגען. ביבל. א. נויבאווער, אין „איזראעליטישע לעטטערבאדע“, אמסטערדאם, 1888. (די אויסלייגונג אויסגעבעסערט).

*
*   *

מיין גוטר אלטר שטערקר וויין,
וואסר וויל דיין מיינסטר זיין.
קיין גיזאנג וויל אין מיין מויל היניין,
וואל וואסר, וואל וואסר.

איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין.
איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין
רינן וואסר, ריינן וואסר.

ווי וויל דש בראט אין מיך געין,
מיין גישפייז האט קיין גישמאק מעין,
ווייל די בעכר ור מיר שטעין
מיט וואסר, מיט וואסר.

איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין.
איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין
רינן וואסר, רייגן וואסר.

שפיולט משה אונ׳ טרינקט דש מער,
דען ווייאר בון מצרים דען שטענקט
ער
אבר אונזר הויז העד
דער שעפט וואסר, שעפט וואסר.

איך האב קיין וויין,
דיא אויגן מיין
איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין.
רינן וואסר, ריינן וואסר.

לייכט בין איך גלייך צו דיזר וריסט,
אז דער וראש אים וואסר איסט.
מיין מויל, אז ער איז, גריסט
מיט גיזאנג וואסר, מיט גיזאנג וואסר.

איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין.
איך האב קיין וויין,
דיא אויגן מיין
רינן וואסר, ריינן וואסר.

גזיר ווערט ער צו זיינם ענד,
אז קינט רכב אין זיינם עלענד.
ער אונ׳ זיין הויז גיזינד
שעפען וואסר, שעפן וואסר.

איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין.
איך האב קיין וויין.
דיא אויגן מיין
רינן וואסר, ריינן וואסר.

משה שטענדאל.

משה שטענדאל — געלעבט אין 16טען יאר־הונדערט. איז דער אויטאר פון אן אידישער תהלים־איבערזעצונג, פון וועלכער דאס פאלגנדע איז דאס ערשטע קאפיטעל. אין 1586 האט זיין פרוי, רייזעל פישעלס, די איבערזעצונג ארויסגעגעבען מיט א געגראמטער פאררעדע, וואס זי אליין האט געשריבען. ערשינען איז עס אין קראקוי. קאפירט לויט גרינבוים. ביבל. פ. גרינבוים „יודיש־דייטשע כרעסטאמאטיע", ז. 96; א. שולמאן „שפת יהודית־אשכנזית וספרותה", 24—26.

אַשרי.

וואול דעם מאן דער ניט אין דר רשעים ראט געט,
אונ' אין דער וועג דר זינדר ניט ער שטעט,
אין גיזעש דר שפעטר ניט ער זיץ,
נייארט אויף רעכט דר תורה גיבט ער זיין זין אונ' וויץ,
דיא רעכט דער תורה האלט ער אין גרושר אכט,
דא אינן לערנט ער טאג אונ' נאכט,
דער זעליביג ווערט זיין אז איין בוים
דער פון וואשר ניט שטעט וויט,
וועלכר זיין אופס גיבט אין זיינר צייט.
זיין בלאט ווערט ניט ור ולבן*) אודר ווערן טרוקן,

אליש וואש ער טוט ווערט אים גוט באגליקן,
אבר דיא רשעים מן זיא זו ניט פינט,
זיא ווערן זיין איין שפרוייאר דען דא פור וויעט דער ווינט,
זיא ווערן אויך ניט זוכה זיין אויף צו שטען אם יונגשטן גיריכט,
דיא זוינדיגר מיט זאמלונג דר צדיקים זא ווערן אוף שטען ניכט,
גאט האט ליב דען וועג דער צדיקים אויש דער קארן,
אבר וועג דר רשעים איז עביג פור לארן.



---

*) פארוועלקען.

אולמא זעליגמאן.

אולמא זעליגמאן (שטאמט פון דער משפחה גענצבערגער) — שריפטשטעלער. געלעבט אין 17טען יארהונדערט. אין 1610 איז אין פראג צום ערשטען מאל ארוים פון דרוק זיין באריהמ־טער מוסר־ספר „צוכטשפיגל" אין אידיש. דער פאלגענדער אויסצוג איז קאפירט לויט דער לאַ־טיינישער טראנסקריפציע נאך ל. סענעאן, פון ESSAI SUR LE JUDEOALLEMAND 116-117 ז. רייזען „לעקסיקאן".

צוכטשפיגל.

די ווארהייט איז געשטארבען,
די פרומקייט איז פערדארבען;
לאסטער און שאנד
האט גענומען אויבער האנד,
שעם און צוכט
נימאנט זוכט.
פרומקייט און גאט'ס פורכט
טראגט ני מער פרוכט;
קיינער טוט זיך שעמען
צדקה צו נעמען,
די שאנד איז גראס,
די גאבע איז קליין איבער די מאס.
די פריינדשאפט
איז פיינדשאפט,

און די געזעלשאפט
איז מיט נייד בעהעפט;
די ברידערליכע ליב
איז גאנץ טריב,
איין געזעץ איין ערען דיב.
טוגענט און ער
בעגערט נימאנט מער;
נאר געלט הער —
דער עס האט איז איין העלד.
דען מען אויבען אן שטעלט.
דאס איז דער לויף אויף ערדען:
א, גאט, וואס פאר גוטעס וויל
דארויס ווערדען!



אלחנן העלן.

אלחנן בן אברהם העלן — אידישער דיכטער. געבארען ארום דער צווייטער העלפט פון 16טען יארהונדערט אין פראנקפורט אויפ'ן מיין. אין „שע"ב" (1612), דאס יאהר פו'ם היסטארישען פאגראם און גירוש אויף אידען אין פראנקפורט, זאל ער האבען אנגעשריבען די באריהמטע פאעמא „מגילת וינץ", אין וועלכער ער שילדערט די אידישע טראגעדיע, וואס ער האט אליין דורכגעלעבט. אין י. י. שודט'ס „יודישע מערקווירדיגקייטען", פון וואנען דער פאלגענדער אויסצוג ווערט געבראכט, געפינען זיך צוויי געדרוקטע קאפיעס פון דער זעלבער פאעמא: איינע — געדרוקט אין העברעאיש און אידיש צוזאמען, א פערז העברעאיש און א פערז אידיש, ארויסגעגעבען אין אמסטערדאם אין ת"ח (1648). די צווייטע — געדרוקט אין א צוויי קאלום־פארם, איין קאלום אידיש אין רש"י־שריפט, דער צווייטער — אידיש אין אלט־דייטשען שריפט „נדפס פה ק"ק פרנקפורט דמיין, בדפוס של יוזפא טריר כ"ץ תנ"ו" (1691). אין זיין פארווארט צו דער פאעמא זאגט דער מחבר צווישען אנדערעם:

„מגילת וינץ זאל מען עש היישן איבראל
דען עש הא אזוי פיל אלז מגילת אנטיוכס
אין דער צאל

די נאטען, וואס איך ברינג דא, איז דער אנהייב פון דער מעלאדיע מיט וועלכער דער מחבר הייסט זינגען זיין ליעד: „דער ניגון אישט דרויף גיטראכט אז ווי פון פאביא די שלאכט". און געפינט זיך אין דער „אלגעמיינער צייטונג דעס יודענטהומס", (1877, נום. 20) און ווערט אויך דערמאנט אין אן ארטיקעל פון דר. ב. פלאצעק (ראבינער פון ברין, מעהרען) „פערקלונגענע רייםע" (נום. 28), וואס באהאנדעלט די פארלארען־געגאנגענע, אלטע אידישע מעלאדיען. געבראכט פון דער אויבען דערמאנטער שריפט, וואס געפינט זיך ביי מר. יוסף מארגאשעס — ביבליאפיל, מיטארבייטער פון דער טעגליכער צייטונג: „דער טאג". אויסער איהר היסטארישער באדייטונג איז „מגילת וינץ" אויך פון א באדייטענדען פאעטישען ווערט. ביבל. י. י. שודט, „יודישע מערקווירדיגקייטען", באנד 1—3, נאך בוך 6, נום. 2, ז. 10; ז. רייזען, „לעקסיקאן".



מגילת וינץ.

א.

דא מן צילט שע"ב אין דער זעלבינן צייט.
אין שטאט פרנקפורט דער ווערדן.
דער וועקט זיך איין גרושר שטרייט.
אז מיר אי גיזעהן האבן אוף ערדן.
זו'לכש ווארן מיר דער שראקן זער.

דא מיר זולכש ווארדן אינן.—
אלמעכטינגר גאט דיין שטרייט פאר שטער.
הובן מיר אל אז צו בגינן.

ב.

מיר האבן גיהאט איין גרושי עת צרה.
אז אי אישט גיוועשט אין אונזרן טאגן.
דען מיר האבן גיהאט קיין שררה.
דאש מן אינן דער פאר העט קינן פר קלאגן.
דיא מורדים האבן גיהאט דיא איבר האנט.
דיא אונז האבן ווען פר שניידן.
נימאנט האט קינן אינן דאש מויל אויף גישפאנט.
מיר האבן אלז וואול מוזן ליידן.

ג.

דא עש וואר צייט מנחה אורן.
פאר גינג אונז זעהן אונ׳ הערן.
דען דאש פאלק זמלט זיך פאר דען טארן.
אונזר טרויארן וואר זיך מערן.
צו דער גאשן צו ווארן זיא דרינגן.
דיא פפארטן טעטן מיר צו שליסן.
אין דיא שול מיר דאך גינגגן.
מיר מיינטן דער תפילה צו גנישן.

ד.

וויא מן די הפטורה האט אויז טון זאגן.
איין גרוש יעמרליך גישרייא מיר הארטן.
דיא שונאים ווידר דיא פפארטען שלאגען.
זיא צו ברעכן זיא אן אלי אורטן.
דער שונא וואר אונז אויף דעם האלז.
אויז דער שול טעטן מיר אל לאפן.
וויא דעם דער דאש האט גיזעהן אלז.
וויא דיא זאך איז גיוועשט גישאפן.

ה.

עטליכי זיינן גישטאנדן מיט גרושר ווער.
ביז איינר פון אונז איז ווארדן דערשוסן.
אך עטליכי זיין ווארדן פר וואונד זער.
דא זיין מיר אל ווארדן פר דרוסן.

דא זיין מיר אל גילופן אנוועק.
אונזר קיינר אישט מער גיוועשט פר האנדן.
דא האבן זיא גיפילט גיפעק אונ' זעק.
עש איז אין נימנט אנטגיגין גישטאנדן.

ו.

וויא גרוש זיין גיוועשט אונזרי זינד.
וויא וואול מירש ניט וועלן אר קענן.
דיא רשעים האבן איין גרוש פייאר אן־גיצינד.
אונ' האבן דיא ספרים דינן טון פר ברענן.
זי האבן גיברוטן איבר דען ספרים.
דויר פלייש דאש זיא אונז האבן גינומן.
דאש האבן גיטון דיא מורדים דיא עוקרים.
אזו איז עז אינן אך ביקומן.

ז.

עטליכי האטן זיך גינומן אין אירן ווילן.
ווייבר אונ' מיידליך אונ' יונגן.
נאטש דינשט צו אר פילן.
דאש זיא איבר אירן ווילן ניט זאלטן ווערדן ביצוואונגן.
זיא וואלטן שפרינגן אין איינן ברונן.
צו זיין ביררייט צום איביגן לעבן.
דאך האטן זיא זיך ווידר ביזונן.
גאט האט אונז אזו ווידר איין גיגעבן.

ח.

דיא מורדים האטן איין צאנק איין גרושן.
אי איינר ווידר דען אנדרן.
איינר זאגט מן זאל זיא ניט לעבן לושן.
דער אנדר זאגט מן זאל זיא לושן וואנדרן.
השי"ת אין דיא וואג שאל בליז.
דאש דיא זכיות טעטן איבר ווענן.
דאש מן אונז אונזר לעבן ליש.
איין גירש זאלטן מיר האבן דער קענן.

ט.

נאך איינש האטן זיא זיך בידאכט.
צו דען שרדות אום אונז ארום טעטן זיא ציהן.
האטן ליגן גיטראכט אונ' פארגיבראכט.

דאַש זיך קיין שררה מיט אונז זאָלט בימיהן.
דאַש אונז קיין שררה איז נעמן זאָלט.
דאַש זיא אונז ווייט וואָלטן פאר יאָגן.
אַבר הש"י עש ניט האָבן וואָלט.
נאָב אונז לייט זעליגקייט אין אירן אויגן.

י.

אַלז וואַש מיר טעטן אַז זיא ביגערן.
אַז די (פירשט) אונ' אַך הערן.
אונזר גיבעט טעטן זיא גיוועהרן.
אונ' ניט לער ווידר קערן.
מיט אַלר גרושר דעמוטיגקייט.
האָבן זיא אונז אַלז גוטש פר גאַלטן.
צו אַלר בינערונג זיין זיא אונז גיוועשט בערייט.
מיר טעטן וואונז וואו מיר וואָלטן.

יא.

עש זאָל אונז ניט קומן אויז אונזרן זין.
דאַש זיא אונז צו אינן האָבן טון גינעהן.
מיט פריד זאָלן זיא וואַנדרן אויס אונ' אין.
קיין לייד זאָל אינן גישעהן.
וואו זיא זיך הין קערן זאָלן זי ביגליקן.
אונ' אירי לעבן זולן זיך אר לענגן.
אירי פיינד זאָלן זיך קינן אינן בוקן.
אונ' אירי צייט מיט פריידן פולברינגן.

יב.

אַלי מייני ריד וואַש איך האָב גירעט.
אַלז וואַז איך האָב גיזונגן.
קיין ליגן האָב איך דאַ אינן פארצעט.
נייארט דיא ווארהייט ביצייגט מיט איינר צונגן.
נייאָרט קערט אַב פון אַלם בויזן.
אונ' דאַש גוט ביפסט מיטביידי הענדן.
זאַ ווערט אונז הש"י פון אַלי צרות דער לייזן.
אונ' משיח בן דוד זענדן.

אמן וכן יהי רצון.

אייזיק וואליך.

אייזיק בן משה־אברהם וואליך — אידישער דיכטער. געלעבט אין ווארמס צווישען 16טען און 17טען יארהונדערט. (געשטארבען אין יאהר 1632) אויסער א בוך מיט אייגענע ליעדער האט ער אויך צוזאמענגעשטעלט א זאמלונג פון פאר־שיידענע אידישע און אידיש־דייטשע דיכטער, וואו עס געפינען זיך אויך אייניגע פון זיינע אייגענע ליעדער. דער מאנוסקריפט פון דער דאזיגער זאמלונג, פון וועלכער די פאלגענדע ליעדער זיינען גענומען, געפינט זיך אין דער באדליעא־נא־ביבליאטעק אין אקספארד. ביבל. פעליקס ראזענבערג, „איבער איינע זאמלונג דייטשער פאלקס אונד געזעלשאפטס־ליעדער אין העברעאישען לעטערן", „צייטשריפט פיר די געשיכטע דער יודען אין דייטשלאנד", 3, 14—28; י. ל. כהן, איינלייטונג צו זיינע „יודישע פאלקסליעדער"; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

פון תהלים.

מן המיצר, איך טו אנרופען גאט,
דער אונז הילפט אוים אלער נאט,
אונד שפייזט אונז דאס טעגליך ברויד,
לויבען וועלען מיר אין פריי אונד שפאט.
דרום שטע איך דא אונד זאג אלזא :
כי גיבור עלינו חסדו !

כל הגוים, זיע אונז אומרינגעלט האבען,
זענען קומען פאר ירושלים צו טראבען,
האבען עטליכע ברידער די הויט טון אבשאבען,
דאך זענען זיע געבליבען ביי אירעם גלאבען.
דרום שטע איך דא אונד זאג אלזא :
כי גיבור עלינו חסדו !

לא אמות אי[illegible] וויל לעבען,
וויל השם יתברך ערע געבען,
אונד לערען גמרה, תותפות אויך דארנעבען:
עווינער הער, צו דיר וויל איך מיך קערען,
דרום שטע איך דא אונד זאג אלזא :
כי גיבור עלינו חסדו !

מאת יהוה היתה זאת איך וואל אלעם בעסער וואס,
עס מאכט אין דיע צייט וואל קומען,
איך מאכט זא וואל לערנען אלס רבי יוסף אשכנז.

אייזיק וואליך

אדער מאכט אלזא רייך זיין אלס מייסליין וואס.
דרום שטע איך דא אונד זאג אלזא:
כי גיבור עלינו חסדו!

א פורים ליעד.

געזונגען פון א לוסטיגער חברה
ישיבה בחורים.

פומעי, (?) איר ליעבען געזעלען,
גאט געב אייך איין גוט פורים!
איך קום העריין מיט מיינען שעלען
וועגען דעם קיניגס בחורים.
דרום ריסט אייך צו,
טראגט מיר צו אקסענפלייש, בעהאלט די קו!
יוהאשי האביטעי (?).

אונד לאזט אייך ניט פערדריעסען,
ליעבען לייטליך צארט,
לאזט אונז דען נאבוט געניעסען,
ע ער קריעגט איינען בארט.
דען מיר זיין אלע לאבעסווערט,
מיר עסען איין האסיטה וויא איין פפערד.

איזט דאס ניט איין שאנדען,
וועז איר עס ניט טוט אלזא גלייך,
דיע בחורים זיין פארהאנדען,
געבט אונז דען וויין אלזא רייך;
דען מיר זיין וואל געראטען,
קורצע דרשים אונד לאנגע בראטען!
יוהאשי האביטעי.

ברענגט הער דאס בעסטע עסען,
דאס איר האבט אין דעם הויז.
דען וויין געבט אונז אונגעמעסען,
מיר זויפען אין דאך אלער אויס;
ווײדליך געשפיעזען, וויעדער געצעכט,
גאנצע טעג אונד גאנצע נעכט!
יוהאשי האביטעי.

ברענגט הער אוף דען טישע
נאבוט אונד פייגענמוס,

קרעננגעלן דיע דא זיין פרישע,
פלייש אום דעם רום.
פיל פלייש, וועניג ברוט,
עה דאס הייליג פורים וועג צום.
יוהאשי האביטעי.

דער קיניג לאָט איך ביטען,
מיט דען ציגען צו האלטען איינען טאנץ;
פון איינעם זאָלם צעהען שטיקען,
איין ריקבראטען אלזו גאנץ.
איצונדערט קומט אונזער קיניג צו קריעבען,
ער האט איין בויך אלם וויע איין קיסענציעבען.
יוהאשי האביטעי.

די בחורים וואלען שטודירען
מיט איינעם גלאָז אלזו זער,
דער קיניג וויל דורניערען,
דריי ריקבראטען איזט זיין שפער.
ער זיצט אם טיש אלם איין רייטער,
ער זויפט זיך פאָל, ער קאן ניט ווייטער.
יוהאשי האביטעי.

מיר וועלען חלקים זאגען
וואל אין דער שיסעל גאנץ בלאָז
דער בעל־בית וערט דען חסרון טראגען,
ער ווערט אונז שעלטען איין פראש;
איין פאָלער פרעסער אונד איין פוילער,
אין דער שיסעל וועלען מיר זאגען דען קוילער.
יוהאשי האביטעי !

נאך איינעם וויל איך זינגען
דען פרויען אונד אויך דען מאן,
ברענגט הער דיע בעסטע דינגען,
פיש מיט דער וואו העבט אן,
פיל פיש, פרישע וועך, פלייש, פיער פיערטייל פירנעוויין,
דרום מוז די ואו פון ויזתחה זא לאנג זיין.

פנים מוים.

(די דאָזיגע פראגמענטען ווערען צוגערעכענט צו וואליך׳ס
אייגענער פעדער).

אך עדעלהייט, אך עדעלהייט,
עס איזט דאך ניט איין עדעלהייט,

אייזיק וואַליך

אַלעס, דאָ איזט אויף ערדען.
אַלע דינג פאַרגאַן זאָ שנעלינגלייך,
וויר אדם קינדער, ארעם אונד רייך,
מוזען אַל צו עשען ווערדען.

דער ביטער טאָד, דער טוט אונז דראַנג,
ער שלייכט אונז נאָך וויע איין שלאַנג,
ער לאָט זיך ניט דערבאַרמען:
זיין אורטייל שטרענג האָט קיין גענאַד,
דעם איינען פרי, דעם אַנדערן שפּאָט,
דעם רייכען אַלס דעם אָרמען.

אַך יאַמער, עלענד אונד ווע,
מיר פאַרגען אַלס וויע דער שנע,
מיר מיגען וואָל האַכטראַבען:
הייט איזט דער מענש אין פאַלער מאַכט,
מאָרגען איזט ער טאָט אונד גאָר פעראַכט,
ווערד אין דיע ערד בעגראָבען.

וואו זיין דיע הערען אונד פירשטען אַל,
קיניג, קאַיזער, פּאַפּסט אונד קאַרדינאַל,
דיע דאָ זיין געוועזען פאַר הונדערט יאָרען?
איר נאָמען וואר אַל דיע וועלט בעקאַנט,
זיע מוזטען אין איין אַנדער לאַנד,
דאָ זיין זיע הינגעפאָרען.

דעסגלייכען וויל אונז אויך געשעהען,
מיר שטערבען אַל אונד פאַרען הין,
מיר מיגען ניט לאַנג ווערען:
אונד קעגען דען טאָד איזט קיין קרוט,
נאָך הונדערט יאָרען זיין אַנדרע לייט,
אונד אונזרער קיין אויף ערדען.

רעכט אַלס דיע בלום, רעכט אַלס דער רייף,
זאָ איזט פאַרוואַר אויך אונזער לעבען:
אַך, וואָס זאָל איך לאַנג שרייבען:
אַל אונזער צייט האָט קיין בעשטאַנד,
מיר מיזען אין איין אַנדער לאַנד,
דאַרינען איזט איין עוויג בלייבען.

וואָס הילפט דיך דען דיין שטאָלצער מוט,
דאַרצו דיין געלד אונד גוט,

אנטאָלאָגיע

ווען דו פון היער זולסט שיידען:
אך, האסטו דען פיל גוטס געטאָן,
זאָ ווערד דיך גאָט ענטפאנגען שאָן
אונד אין זיין רייך אונלאָזען.

ווארסטו איין מענש, איין מאכטיגער הער,
אונד אלע דיע וועלט דיין אייגען ווער
אָלס קיניג אלעקסאנדער,
וואָס העלפט דיך דען דיין הערליכקייט,
ווען דו דורך פיין אונד ביטערקייט
מוזט שטערבען אלס איין אנדרער.

אָ ווע דער גרויסע אנגעסט אונד נויט,
ווען זיך גענעהעט דער ביטער טויד,
ווען לייב אונד זעל זולען שיידען:
דען זיכט איין מענש פאר זיך שטאן
אלעס, וואָס ער זיין טעג האָט געטאָן,
גאָט יתברך אורטעל מוז ער בייטען.



לייב קוטנים.

(פון אייזיק וואליד'ס דערמאַנטער זאַמלונג)

כלה-ליעדער.

א.

איך עפען מיין מונד מיט זיסעם געזאַנג
דעם חתן צו ער, דער כלה צו דאַנק;
איך וויל עס אייך ניט מאַכען לאַנג:
גאָטעס-פורכט זאָל זיין דער ערשטע אַנפאַנג!

אַלעס בעשוף ער מיט קלוגהייט,
אונד אם זעקסטען טאג וואר אַלעס בערייט,
די ערד האָט ער אויף נישט געשפּרייט,
דארוף בעשוף ער די מענשקייט.

ב.

נימנאַלד טוט זיך פירבלייבען
וואָל פיר דער כלה צאַרט,
זיע איזט זאַ צוכטיגלייכען — —

ג.

עס איזט קיין גרעסער פרייד אוף ערדען,
אַלס ווען צוויי ליעב צוזאַמענגעבען ווערדען;
צו דיזער פרייד זאָל זיך יעדער מאַן זיין בערייט,
קנעכט אונד מאַיד,
חתן אונד כלה צו ערען.
הארט צו, חתן אונד כלה, וואַס איך אייך זאַג,
אייער זינד ווערדען אייך פירגעבען אוף דיזען טאַג.

וועלט איר פריי זיין פון דער העלע פּיין,
זאַ טוט נאָך דען ווארטען מיין,
וואַס איך אייך טו לערנען.

הארט צו, חתן אונד כלה, האלט עס ניט פאַר איין שערץ,
נעמעט עס פאַסט צו הערץ,

אנטאָלאָגיע

איבער די ארמען טוט אייך דערבארמען,
ענטפאנגעט זיע ליעבליך מיט דען ארמען,
טיילעט גיטליך אונד גערען.

דאמיט וויל איך עס לאָזען בלייבען צום טייל,
איך ווינש אייך אלען גליק אונד הייל:
זאָל אונז גאָט געבען די פרייד, דאָס משיח זאָל זיין בעריים.
— ווען עס שאָן חתן אונד כלה וואר לייד —
אונד פירען אונז ווידער אין ארץ ישראל מיט ערען!

דער אונז דאס ליעדליין ניי האָט געמאכט,
חתן אונד כלה האט ערס צו ערען געמאכט,
ער איז וואָל בעקאנט אין אַלע לאנד,
לייב קוטנים איז ער גענאנט,
זיין האָפנונג שטעט צו גאָט דעם הערען.



יוסף בן בנימין. (פון אייזיק וואליך'ס דערמאָנטער זאַמלונג)

פורים-ליעד.

אסתר, דיע ליעס זיך ניט לאנג ביטען,
זיע טראט פיר דעם קיניג מיט גאנצען זיטען.
אוף אירע קניע טעט זיע פאַלען,
דריי טאג האַט זיע איר שפייז פירמיטען,
נאך טעט זיע אים וואל געפאַלען.

ער שפּראך, ליעבע אסתר, דו קינעגין מיין,
וואס איזט דיין לייד אונד גרויסע פיין?
דאס וועלט איך וויסען גערען.
ביז אן דיע האלפט דעם קיניגרייך מיין,
דאס וויל איך דיר געווערען.

גענעדיגער קיניג, איך מוז אייך זאגען,
איבער דען ליידיגען המן מוז איך קלאַגען,
דער מיר מיין פאַלק וויל אומברענגען
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
פעטרען וויל ער לאַזען הענגען.

מרדכי שפילט מיט המן אלס דיע קאץ מיט דער מויז,
מאַן הונג זי אלע איר פרייד וואר אוס,
המן אונד אל דיע זיינען,
מרדכי קרעג זיין שאנעם הויז,
גאָט הולף אינען אוים אלען פיינען.

דרום זאַל מאַן גאָט דען הערען לויבען
דאס ער יעקב זיין קינדער האָט דערהויבען,
זאַ גאר מיט אלען שטיקען:
זיין גענאַד איזט אונטען אונד אָבען,
אונזערן משיח וערט ער אונז באלד טון שיקען.

דער אונז דאס לידליין ניי האט געמאכט,
ער האט עס געמאכט ביי איינער נאכט,
גענאנט מיט זיינעם נאמען,
דעם פורים האָט ער עס צו ערען געמאכט,
גענאנט יוסף זאַן בנימין.

ר׳ שלמה פון פראג.

(פון אייזיק וואליד׳ס דערמאַנטער זאַמלונג. פראַגמענטען).

אַ רעטעניש-ליעד.

הארט צו, איר ליעבען לייט,
איין וואונדער אונד איין נייע צייט,
וואָס נייליך איזט געשעהען:
איין נביא לאָזט זיך זעהען,
ער איזט נאָך פאַרהאַנדען
אין הינערבערגענלאַנדען.

דער נביא שרייט מיט מאַכט
איבער די וועלט טאַג אונד נאַכט —

זיין בארט איזט ציעמליך גרויס,
מיט זיין קאָפּ געט ער גאַר בלויז,
באָרפיס מיט זיינע פיסען;
קיין קעלט טוט אין פערדריעסען,
זיין ראָק פון פיל פאַרבען
מאַכט זיין לייב פיינפאַרבען.

געב מאַן אים דיע גאַנצע וועלט,
זאָ רירט ער אָן קיין געלד;

דאָך פיר הונגערנויט
עסט ער יע טרוקען ברויט;
קיין מעט, קיין ביער, קיין וויינע
קומט אין זיין לייב הינאיינע,
קאָן ער וואַסער האבען
מיט דעם טוט ער זיך לאַבען.

האלט זיך צומאָל ניט שטאָלץ,
שלאָפט יע אויף דעם הארטען האָלץ,
קיין בעט טוט ער בעגערען,
שלאָפט יע אויף דער ערדען,
וויים וואונדערליכע דינגען,
אין ליפטען טוט ער זיך שווינגען.

איין טאָג איזט אים יאָר,
ווארליך, דאָס איזט וואר,
קאָן ער דיע זינד פערגעבען,
דאָס זיע ניעמאַנד מען אַנקלעבען,
טוט זיע אויף זיך נעמען,
דאָס זיע דען מענשען נימער
ערקענען.

ווייע איך פון לייטען הער,
שטעט מען אים נאָך זער,
אויך שווארען האָך אונד טייער,
מאַן דרייט אים נאָך מיט דעם פייער.
אונד אַל דיע נאָך שטענען,
מאַכט איר וואָל קענען.

נון איר ליעבען ווייבער אונד מאַנען,
דער נביא איזט איין האָן,
ווען ער זיך לאָזט הארען,
טוט איין ניי וועטער ווערען;
אום מיטערנאַכט טוט ער זאַגען,
ווען עס העבט אָן צו טאַגען.

דער דאָ האָט געמאַכט דאס ליעד,
דער הייסט דער פראַליך יוד;
ווען איך אין וועלט נענען,
מאַכט איר אין וואָל קענען;
דאָך וויל איך אייך זאַגען,
ער הייסט ר׳ שלמה פון פראגען.

דוד בר׳ מנחם הכהן.

דוד בר׳ מנחם הכהן — שריפטשטעלער. געלעבט אין אמסטערדאם, אין אָנפאנג פון 17טען יאָרהונדערט. אין 1649 (לויט דער יוד. ענג. ענצ. 1644) האָט ער אין א געריימטער פאָרם איבערזעצט איינינע שטעלען פון דער תורה און די מגלות, אויסער איכה און האָט עס ארויסגעגעבן אין אמסטערדאם מיט פאָלגענדער פאָררעדע: „וואָל גיטראכט פון בראשית ביז ואלה המשפטים אויף טייטש גימאכט, אין פּאַפּיר אונ׳ אותיות גר בשיידליך, פר ווייבר אונ׳ יונגן מיידליך, דר דרינן ווערט טין לייאן, ווערט זיך אין גאָטש דינשט דר מייען (פרייען)“, און אויף דער צווייטער זייט: „טייטש גימאכט אויף פיר מגלות, מאג זיך באוויזן אין אלי קהלות, זונדר איכה הוט ער לוזן שטין אויף אבזייט, פון וועגן עש בעט פון לייד אונ׳ טרויארקייט...“ איך ברענג דאָ איינינע פערזען לויט א. שולמאן. ביבל. א. שולמאן, „שפת יהודית־אשכנזית וספרותה“, 3, 33—34; יוד. ענג. ענצ. 4, 466; ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

פון „מזמור לתודה“.

זאָג מיר דאָך אל ליבשטר מיין,
וויא ווײדשטו דוך דיין למבליין...
וויא איז מויגליך דש דוא מיך הושט זוי פר געשן,
אונ׳ אלש אנדרי הירטן דייני גיזעלן זיך אָן מעשן...
ביט פרוינטליך וואָלש מיר זאָגן,
ווילשטו וויזן וויא זולכש מאָג זיין,
דוא שוינשט אונטר דען יונג פרויאליין...

אי זיך דער טאָג ארהיצט מיין הייטר זון
אונ׳ אי דער שאָטן גנץ פליגט דוא פין,
וויל איך גין דיינר אל דאָ וואָרטן...
מייני גיזעלין, וואו בישטו זו שוין אונ׳ פיין
קיין מאָנגל אָן דיר ניט קיין זיין,
דרום קאָן איך דיך ניט פר לושן.
גישטו הין אונ׳ הער מיין ליבשטר שאַץ,
איך בלייב בייא דיר אין אלן פלאַץ,
ווערשטו מיך זעהן אין אלען הויכען שטורשן...

זאָרגט ניט, מיין פריינט גנגן אין זיין גאָרטן,
זיין בעשטי גיווירץ צו הויט (היטען) און וואָרטן,
רויזליך דרינן צו פפליקן.
מיינס פריינד בין איך איינן גאנץ אונ׳ גאָר,
אונ׳ ער איז מיין פריינד, זאָג איך פר וואָר
מיט רויזן טוט ער מיך ארקוויקן...

ר׳ גימפל סג״ל.

דער מחבר פון דעם אריגינאל פון דעם ליעד „מזמר שיר ליום השבת", איז „מאיר טשעבר־שין". דאס ליעד איז געשריבען און געדרוקט גע־ווען אויף תרגום לשון אין יאהר 1639, אין ווע־נעדיג. אין יאהר 1654 איז עס איבערזעצט גע־ווארען אין אידיש פון ר׳ גימפל סג״ל. דאס ליעד, פון וועלכער דאס פאלגענדע איז א טהייל, געפינט זיך אין דעם ספר „לקורות הגזרות על ישראל" פון ח״י גורלאנד, קראקוי.

מזמור שיר ליום השבת.

אײן שײן גיזנג וויל איך אַז היבן צו זינגן,
מיט פרישן פריליכן העליר שטימן.
צו ערין דיא הייליגה מלכה דיא דאַ איז וואול ביקנט,
שבת איז זי מיט אירן נאמן גינגט.

גאָט דער מיט אים דאָז ליכט רואט,
אין מײן הויז זאָל ער שיקן דיא מלכה גוט,
ווארום טוט זי אזו לנג דרוישן זוימן,
פאַן אירנט וויגן האָב איך דאָז הויז טון אויש רוימן.

פר וגלין טוט זי גנצי זעקש טאָג
אז אײן מענש דער אין גלות איז געפלאָגט,
אז אײן פויגעל פון אײן דך צו דעז אנדרן טוט זי פליהן,
בים דיא צייט דז דער הייליג שבת קומט אײן הער צו ציהן.

דיא שבת ליכט זאָלט אַז צינדן ניט צו פריא אָך ניט צו שפעט,
נייערט אובנט אז דיא זון נידר גיט
און דיא קליידר דיא איר אַן קליידט זאָלן זיין אז דער שנייא וויים,
דיא מלכה שבת זאָלט איר אנטקיגן גין מיט לוב און מיט פרייז.

אלי שדים און מזיקים מוזן אַן שבת אוועק פליהן,
אין דעז טיפסטן אַפ גרונד מוזן זיא אײן הין ציהן,
אַז שבת איז אייטל רוא אין פיל פרייד,
אין וועדט ניט גיפונדן אַז אים אײן לייד.

אײן חתונה טוט זיך צו דעז קיניג הקב״ה גרישן
אין דאַ ער מיט ווערן אלי ביזי דינים פר געשן,
אײן נשמה יתירה ווערט גימערט צו דיא פרומה לייט,
זיא איז אײן גישטעלט פאַן עולם הבא דז צו דיא צדיקים איז בירייט.

ר' גימפל סג"ל

אין הימל טוגין זיך פר זמלן אלי מלאכים אין חיילות,
פאן ווענן דיא הייליגע נשמות יתירות,
צו הערן פאן זיא אויז דיא תורה חידושים
וואז דא האבן מחזיק גיוועזן דיא פרושים.

און אז השי"ת טוט זיא פרעגן וואש האט איר גילערינט זאגט מירשעבן
ווען זיא שווייגן שטיל און ווישן קיין ענטפרט צו געבן,
וויא גרוש איז דיא שנד פאן דיא זעלביגן נשמות,
און זיא מאכן שלאף דיא פליגל פאן דיא מלאכים דיא דא היישן חיות.

זייט לושטיג אין פריליך איר רינה אין פרומה,
דאז איר זייט זוכה צו אזו איין מעלה צו קומה,
צו אזו איין גוטן לוין דער דא איז גר פיל,
דאז איז דיא נשמה יתירה דאז האט קיין מאס קיין ציל.

דער טיש זאל זיין בירייט פר אלי זאכין,
אין דרויף זאל ליגן דיא חלות פאן שבת דאז מן דריבר טוט המוצי מאכן.
אין דיא לאמפ מאכט רעכט אן דאז זיא שין ברענט,
דער נאך גיא אין דיא שול גר ביהענט.

אין ווען דוא בישט פארטיג מיט דיין לובן אין בעטן,
אזו קומן צווייא מלאבים צו דיר צו טרעטן,
אין בלייטן דיך אז דוא גישט אויז דיא שול ארויז,
אין היטן דיך פר אלן ביזן אין גענין מיט דיר אין דיינם הויז.

אין דיא זעלביגה הובן דיך אן צו לובן אין בענשין,
עס זאל אך זיין אזו דר ווילן פאן הש"י, צו דען דאזיגן מענשין.
דאז זיין טיש זאל דען אנדערן שבת אך זיין אזו בירייט,
אז וויא אצונדר אזו זאל אך זיין אלי צייט.

דיא חלות מוזן אוף דען טיש ליגן ביצייטן,
אין גאנץ מוזן זיא זיין אוף אלי צווייא זייטן,
מיט דר איבער צוועהל זאלן זיא צו געדקט זיין דארויף זאלשטו האבן אכט.
ביז דוא האשט גאנץ אין גאר קידוש אויש גימכט.

אלי גלידר פאן מענשין דיא רעכטין און דיא לינקן,
זיא האבן אלי צייט הנאה פאן דען מענשין זיין עשין אין טרינקן,
אין איינש היישט נסכוי דאש קליין גליד,
האט קיין מאל קיין הנאה נייערט פון דיא סעודה דיא דריט.

זיא זאלן זוכה זיין דיא פרומן יונגן אין אלטן,
דיא דען היילינן שבת טוגין רעכט האלטן.

צו זעהן דיא אידלי ווירדיגה שטיין דאָז וועל איך אף זעהן גערן,
דז דאָש בית המקדש ווערט באַלד פונ זיא גיבויט ווערן.

דר אַלמעכטיג גאָט זאָל אינז בלד ברינגן דיא צייט,
דז ער האָט אונש צו גיזאָגט מיט דער ווארהייט,
אין דורך זיינה נביאים האָט ער אָן גישריבן,
דז ער וויל אונש דער ליזן דיא דאָ זיין פר טריבן.



דיכטער אונבאקאנט.

דאס ליעד „צו באדעקענס“ האט ניט קיין מחבר. עס איז אן אלטע אידישע פאלקס־ליעד, וואס פלעגט אין איהר צייט געזונגען ווערען צווישען די דייטשע אידען צו באדעקענס. (אין יענער צייט איז ביי די דייטשע אידען געוועזן א מנהג צו באדעקענס, פריהער דער כלה'ס האר צו פארפלעכטען און דערנאך זיי אבצושערן, דעביי פלעגט מען זינגען פארשיידענע ליעדער). דאס דאזיגע ליעד געפינט זיך אין א זאמלונג פון דייטשע פאלקסליעדער: „טוגענדהאפטער יונגפרויען אונד יונגגעזעלען צייטפערטרייבער דורך הילאריום לוסטיג פון פריידענטאל“, 1690, וואו עס איז איבערגעארבייט פון אידיש אין אלטדייטש. א צייט שפעטער איז דאס זעלבע ליעד ערשינען אין א זאמלונג: „גאנטץ נייער האנס בוך אין די וועלט“. אין 1890 איז עס אין א פארקירצטער פארם איבערגעדרוקט געווארען אין דער „צייט־שריפט פיר די געשיכטע דער יודען“, פון וואנען עס ווערט געבראכט. ביבל. י. באלטע, „איין יודיש־דייטשעס ליעד דער 17טען יארהונדערטס“, אין „צייט־שריפט פיר די געשיכטע דער יודען אין דייטשלאנד“, 4, 22—93, בערלין 1890.

צו באדעקענס.

עס גינג איינמאל איין יונגר העלד
אלזא פעקסירעט אין דעם פעלד,
זא גאר פעראירעט אין זיינר זאך,
וואו ער מאכט פינדן זיין הויזגעמאך,
אן דעם אבענד.

אך גאט! ווי בין איך זא איין פעקסירטער מאן,
דאס איך מיר זעלבר ניכט ראטן קאן
וואו איך מיך הינקר אדר ווענדע,
בין איך אליין און גאר עלענדע,
אן דעם אבענד.

דער מענש איז זונדר הולף אונד ראט,
דער ניכט האט איין עוויגע שטאט,
אלס אונזרע שריפט אנגעצייגט האט,
עס ניכט גוט צו זיין איין מענש אליין
אן דעם אבענד.

איך רוף דיך, גאט! פון הערצנגרונד,
לאז מיך ערלעבן דיזעלביג שטונד
דאס דו אנהארעסט מיין געבעט

אלס אונזר פאָטר איציק טעט
וואָל אָן דעם אבענד.

דאַ אים בעגעגנעט די רבקה צאַרט.
די אים צו איים ווייב געגעבן וואַרד
זי ערפרייט מיט איר (?) אין זיינר מוטר הויז,
זיין טרוירן וואר באלד אויס
אָן דעם אבענד.

ער האָטע זי ליב, ער האָטע זי ווערט,
דאַן זי וואר אים פון גאָט בעשערט.
הער גאָט! גיב מיר דאס גליק
דאסגלייכען מיר אויך יעצונד שיק,
אָן דעם אבענד.

עס בעגעגנעט אים צור זעלביגן פאַרט,
איין יונגפריילײן, וואר אלזאָ צאַרט,
ער שפּראך: גאָט גרים אייך יונגפריילײן,
וואָס שאַפט איר היר אליין
אָן דעם אבענד.

וואר מיר אייער זין און הערץ באַקאַנט,
איך געב איך היר מיין טריי צו פּפאַנד,
וואן איר אייך מיט מיר וואָלט פארלאָבן
מיין הויזגעמאך וואָלט איך מיט אייך האבן
אָן רעם אבענד.

זי שפּראך: איר זייד איין עהרליכר מאַן,
די יוגענד איז נאָך מיט מיר דאראַן,
דאָס איך מיך זאָל בעגעבן אין עהליכן שטאַנד,
דאר בין איך נאָך ניכט בארייט
אָן דעם אבענד.

אלע צייט מיסטע איך אינשטאָן,
מיסטע זיין אונטערטאָן מיינם מאַן,
און קינדר געבארן מיט שמערצן,
דאָס נעם איך מיר גאָר צו הערצן,
אָן דעם אבענד.

נון בין איך יא מיינם לעבנם פריי,
האָב מיין זין און ווײן אויך דאַביי,
פאָטר און מוטר־צאַרן ווארעט ניכט לאַנג
עס איז נור איין איבערגאַנג
אָן דעם אבענד.

אך פריילײן! ווי זייד איר זאָ ווייז,
גינג דאך אייער מוטער איבער גרייז,

צו באדעקענס

מיט דער האפט איר אייער היימליכקייט,
מיט מיר האבט איר וואוינונג און פרייד
אן דעם אבענד.

איין ארם קרעאטור איז דאך אומב איין ווייב,
איין ריפ וואר זי גענומן אוים זיינם לייב,
וואן זי ניכט זאל האבן אירם מאנס געגאם
זא ווארע זי אלער פריידן בלאז
אן דעם אבענד.

איר זייד ווי איין שאפליין פאראירעט,
עס איז פון גאט געארדינירעט
דארומב געבט מיר באלד איירן באשייד
איך וויל אייך ערגעצן פון איירם לייד
אן דעם אבענד.

מיט שטילשווייגן פאר, ערפארעט מאן פיל,
שענע כלה איך זינג דיר דאס ביישפיל,
דאס מאן דיך האט געזוכט זא וויים,
ביז מאן דיך האט געפונדן הייט
אן דעם אבענד.

ער דיך האט אלזא לאנג פארלארן,
פיר אלע דער האט ער דיך אויסערקארן,
אויף ערדן באגערט קיינע מעהר
דו ווירסט געפירעט מיט גראסער עהר
אן דעם אבענד.

זיי אים טריי, זיי אים האלד
פאר זילבר און פאר רויטם גאלד,
פאר אים זאלסט דו פארהוילען ניכט,
דעסגלייכען דיר אויך פון אים געשיכט,
אן דעם אבענד.

אלצייט זאלסטו פאלגען זיינם ראט,
זאלסט אים אויך ביישטען אין זיינר נויט,
אלס צפורה, משה רבינו ווייב,
דא אים וואלט דער מלאך נעמן זיין לייב
אן דעם אבענד.

זי באשירמט אים וואל פון זיינם לייד,
דא זי איר יונגס קינד באשנייד.
דאס עקזעמפל טו איך זינגן דיר,
דאס דו זאלסט פאלגן מיר.
אן דעם אבענד.

יוסף וויצענהויזען.

יוסף בן אלכסנדר **וויצענהויזען**, אדער ווי וואגענזייל רופט איהם: „יוזלן וויצן הויזן" — אידישער דיכטער און איבערזעצער. געלעבט אין 17טען יארהונדערט אין אמסטערדאם. געווען א זעצער אין דער באוואוסטער בוכדרוקעריי פון יוסף עטיאש (אטיאס) צווישען די יאהרען 1664 און 1686. די מעשה אין ריימען מיט'ן נאמען „איין שין מעשה פון קיניג ארטיש הוף" איז א באארבייטונג פון דאס בארימטע **דייטשע פאלקס־מעשה 'WIGALOIS'** פון ווירנט פאן גראפענבערג (אנפאנג 13טען יארהונדערט) און געפינט זיך אין וואגענזייל'ס „בעלעהרונג דער יודיש־דייטשען רעד־ אונד שרייב־ארט". אין זיין פאררעדע צו דער דאזיגער בעארבייטונג שרייבט וויצענהויזען:

„איך האב בייא אל מיין טאגן,
פיל פון קיניג ארטיש הוף הערן זאגן,
דאך האב איך אויז גירייזט גאר מעניך לנט,
אונ' האב מיין טאג ניא קריגן אין מיין הנט.
קיין בוך דז איך עש העט גילעזן,
אדר וואו עש ווער גיוועזן,
ביז איך האב איינש גיפונדן גישריבן אויז,
אין מיינש פאטרש הויז,
דא האב איך מיך ניט לאנג טאן זיימן,
אונ' האב דיז בוך גישטעלט אין ריימן,
צו ערין אלין מאנן יונגן מיידליך אונ' ווייבר,
גישטעלט דורך אייערן דינשט וויליגן יוזלן
וויצן הויזן דען שרייבר".

יוסף וויצענהויזען האט אויך געמאכט אן אידישע איבערזעצונג פון גאנץ תנ"ך, וואס איז ערשינען אין דער אויבענדערמאנטער דרוקעריי אין 1679. די פאלגענדע פערזען זיינען קאפירט פראגמענטענווייז. ביבל. וואגענזייל, בעלעהרונג דער יודיש־דייטשען רעד־ אונד שרייב־ארט, 157—292; יוד. רוס. ענצ. 3, 389—391 (אטיאס); ג. קארפעלעס, די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור, 1008־1009; ז. רייזען, „לעקסיקאן"; שטיינשניידער, קאטאלאג באדל. נו. 2024; לעא לאנדוי. "ARTHURIAN LEGENDS", XLII.

איין שין מעשה.

(פון קיניג ארטיש הוף)

מן לובט ביליך דיא אידלי קיניג אונ' פירשטן אונ' הערן,
וויא זיא טון אירי הערשאפט פור מערן,
דוך איז עז אלז איין וויכט,
און גאטש הילף קענן זיא עש פולן ברענגן ניכט,
נון וויל איך אייך זאגן פון איינם קיניג רייך,
אין דער וועלט פונט מן דא ניט זיינש גלייך.
קיניג ארטיש וואר ער גינאנט
ער וואר גיוועלטיג איבר פיר אונ' דרייסיג לאנט.

דער זעלביג קיניג האט גרושי הערשאפט,
אונ׳ איין גיוואלטיגי ריטרשאפט,
אונ׳ אויז דער מאשין איין שוניש ווייב,
מיט טוגנט וואר גיצירט איר לייב,
פון איר שונקייט ווער פיל צו זאגן,
דאז וויל איך איצונד שטיל פור איבר שלאגן,
אונ׳ זאגן אייך פון דעם קיניג מער,
אונ׳ פון זיינם גרושן גיוואלט און ער,
ער האט אן זיינם הוף,
מענכין אידלין ריטר אונ׳ גרוב (גראף)
אונ׳ גאר פיל עפט אונ׳ בישוף אונ׳ פרעלאטן,
דר צו גאר פיל רייטר אונ׳ זולדאטן,
אונ׳ זונשט נאך וואול פיר הונדרט אידלי ריטר אודר מער
דיא דעם קיניג אן צייט ביווארטן זיין ער.

נון זא וואר דש קיניגש רעכט אונ׳ זיטן,
ווען איינר קאם גיריטן,
וועלכירלייא ער ביגערט
דאז וואר אים גלייך גיווערט,
אך הט ער אונטר אים ניין קיניג גאר רייך,
דיא מוזטן דש לעהן אנטפאנגן פון אים צו גלייך,
אונ׳ ווען עש קאם דיא ליכטי פפינגשטן צייטן,
זא מוזטן דיא ניין קיניג אלי צו הוף רייטן,
איין איטליכר מיט זיינער קראפט,
דר צו מיט זיינם פרויאן צימר אונ׳ אידלי ריטרשפט,

צו ער קיניג ארטיש אירם הערן,
דער ארצייגט אין גרושי ערן,
מיט ענשין אונ׳ מיט טרינקן,
אלי טרויארקייט לים מן זינקן,
איך וויל אייך וואול פר וואר זאגן,
דער הוף ווערט אלי יאר וואול אכט גאנציר טאגן.

עש וואר אך איין רעכט אן דעם הוף,
ער ווער ריטר אודר גרוב,
אונ׳ אך דר קיניג זעלברט אונ׳ דיא קינינן פיין,
אונ׳ אל דיא אויף דעם הוף מוכטן זיין,
דא וואר קיינר דר זיך דורפט פר מעסין,
צו טרינקן אודר צו עשין,
פר וואר איך אייך דז זאג,
ביז מן ערשט הורט נייאי מער אלי טאג.

און׳ ווער דאז גיבוט איבר טראט דער מוזט פר לירן זיין לעבן.
און׳ העט ער אל דר וועלט גוט צו געבן.
אזו גרוש וואר נון צו אלן צייטן,
אויף דעם הוף דז גין און׳ דז רייטן,
נון וואר נאך ניא קיין טאָג קומן,
מן האָט פור טאָג נייאי מער פר נומן.

וואר דז ניט איין גרושי הערשאפט ביזונדר,
דז נימאנט הונגר ליידן דורפט דז וואר איין גרוש וואונדר,
דען עש וואר זיין טאָג קיינר ניא זא פריא אויף גישטאנדן,
עש ווארן שון נייאי מער אויף דעם הוף פר האנדן,
דז האָט גיווערט גאָר פיל מענכי יאר,
דז זאָג איך אייך פר וואר,
נון אויף איינן טאָג דש נישאך,
דש מן קיין פרעמדי מער הורט אודר זאך
וויא עש זיך נון ווייט אויף דען טאָג פור צוג,
דער פאָלק פור הונגר איין וועק פלוג,
דז וואר ניא מער גישעהן,
קיין מענש האָט עש מער גיהערט אודר גיזעהן:

דא עש נון דען אנדרן מארגן צו טאָגן ביגאן,
דיא קיניגן ניט לנג ווארטט אן דיא צינן גינג זיא שטאן
מיט אירי יונג פרויאן און׳ דינשט מיידן,
באט זיא גאָט מיט פריידן,
דש איר הייל דאך מעכט גישעהן,
דז זיא נייאי מער מעכט הערן אודר זעהן.
וויא זיא נון זאך פער אין דש לאנט,
דא קאם דורט הער גיראנט,
גאָר מיט ריטליכם זיטן,
איין ריטר צארט הער גיריטן,
דער וואר דער אליר קוינשטי מאנן איין,
דען וואול אי דיא זון איבר שיין,
ער וואר ביקלייד און׳ גיהארנשט וואול,
אלז איין ריטר פון רעכט זאל,
זיין שילט און׳ העלם גאבן ליכטן שיין,
פון פיינם גאָלד און׳ אידל גישטיין.

דאָ ער דיא קיניגן אן דער צינן זאך שטאן,
אין איר קינגליכי קרון,
ער ריף הוך און׳ שפראך אלזו
שטיט מיין אליר גינעדינשטי קיניגן דאָ,
דער הוף מיינשטר אנטווארטי אים שיר,

יא אידלר ריטער וואז וואלט ער איר,
ער פיל באלד פון זיינם ראס,
פור דער קיניגן צו פוס,
ער נייגט זיך צו איר גאר טוגנטליך אונ׳ בידר,
דיא קיניגן היס אין אויף שטין ווידר,
ער שפראך גינעדיגי הוך גיבארני קיניגן מיין,
מעכט עז מיט אייערן הולדן דאך זיין,
איך וואלט אייך ביטן איין בעט,
דז אירש דורך אליר פרויאן ערין טעט,
אונ׳ וואלט מיך מיינר בית גיוועדן,
דען איך אום אייארנט ווילן האב גיליטן גרוש בישווערן.

ביז איך צו אייך בין קומן,
פון אייער טוגנט האב איך פיל פר נומן,
אונ׳ אייער לוב טוא איך פאשט הערן,
דרום וויל איך אייך אך פר ערן,
אונ׳ דז איך אייך נון ביטן וויל,
אל היא צו דיזם ציל,
דאז זאל אייך גינעדיגי קיניגן אונ׳ אייערן הערן,
דעם קיניג ניקש שאדן אן דען ערין,
נאך אן לייב אודר אן גוט,
דיא זיל מיין גינעדיגי פרויא זאל אייך אך זיין ביהוט,
איך וויל אייך עטווש געבן דאז איז בעשיר אז איין לאנט,
דא צוג ער אב צו הנט,
איין שינן גירטל פון זיינם לייב,
מיט זיינם שפער רייכט ערש דעם שינן ווייב,
דיזן גירטל טראגט דורך דען ווילן מיין,
זא ליב אייך אלי ריטרש טוגנט זיין.

דער נאך וויל איך מיך ניט לענגיר זיימן,
ביז איך בין ווידר קומן אן הייכן,
אויף אייער אנטוואָרט וויל איך היא,
גוארטן ביז מארגן פריא,
עש זאל אויך זיין און צארן,
שפראך דער ריטר אויז ארקארן,
גענן איר ניט וואלט נעמן דען גירטל דורך דען ווילן מיין,
זא וויל איך אייך אך ניט דעשטר פיינטר זיין,
דיא לייט ווארן פרוא איבר אל,
דז דיא נייאי מער ווארן קומן אויף דען זאל,
מן הים פרייא טאפפיר צו טיש טראגן,
דאז פרייאט זיך אידר מאן אם זעלבן טאגן,
דא זיא נון ווארן אם טיש גיזעסן,

און׳ האטן וואול גיטרונקן און׳ גיגעסן,
דיא קיניגן גינג צום קיניג און׳ שפראך,
מיין הער גיט מיט מיר אין אייער גימאך.

און׳ נעמט מיט אייך אייערי רעט,
וויא באלד ער דאז טעט,
דא זיא נון אל דאר גיקומן ווארן,
דיא דעם קיניג דיא טרייא האטן גישווארן,
דא זאגט אין דער קיניג דיא מער,
וויא דער ריטר דאר גיקומן ווער,
און׳ די קיניגן גיבעטן דען גירטל צו טראגן,
זאל איך אים אב אודר צו זאגן,
דער קיניג זאגט נון ראט אן איר ליבה גיטרייאי הערן,
אוב עש קאן זיין מיט ערן.
ער הוב דען ערשטן צו פראגן אן,
ער שפראך אלזו פיל איך פר שטין קאן
מאג מיין גינעדיגי פרויא דען גירטל וואול טראגן,
מיט מיינם ראט זאל זיא אימש ניט פר זאגן,
ער מוז יא זיין איין קעשליכר הערן,
דש ער דיא קיניגן דא מיט וויל פר ערן.

דאך דא דיא פראג קאם אן דען זעלטן מאן,
דער וואר גאר איין קוינר ריטר לוביזאן,
ער וואר דער אידלשטן ריטר איינר,
דש מן ניט קאנט פינדן דז גלייכן זיינר,
דער צו וואר ער פר איין ווייזן מאן ארקאנט,
ריטר גאביין וואר ער גינאנט,
דער קיניג שפראך צו אים ריטר גאביין,
וואז ראט איר ער זאנט גינעדיגר הערי מיין,
איך ריד דאז גאר אפן בארן,
אויף מיין טרייא דיא איך גינעדיגר קיניג האב גישווארן,
דש מיין גינעדיגי פרויא קיניגן דען גירטל ניט מיט ערן מאג טראגן,
אז איך אייך גינעדיגר קיניג וויל זאגן.
איך מיין דש עז אייער מיישטאט בעשיר אן צעמי,
דז איר גאבן געבט און׳ קייני נעמי.

דער קיניג שפראך אלזו
ריטר גאביין אייערן ראט בין איך פרוא,
איך וויל אייערם ראט בייא שטאן,
איך פאלג אייך און׳ קיינם אנדרן מאן,
דא עש נון דז מארגינש טאגט,
צו דער קיניגן וואורד גיזאגט,

דש זיא גינג ווידר אן דיא ציגן,
דא זיא געשטרן וואר גישטאַנדן אינן,
אונ׳ ווידר געב דעם ריטר דען גירטל זיין,
דאז וואָלט גיהט האבן דער קיניג פיין,
דיא קיניגן דר שראק גאר זער,
דאך מוזט זיא טון וואז דא גיבוט איר הער,
זיא גינג ווידר אן דיא זעלביג שטאַט,
דא זיא געשטרט דען ריטר גיזעהן האט.

דש זאָל מן אייך וואול געבן,
דען אזו שטיט אונזר רעכט אונ׳ לעבן,
דש מיר זאָלן גאבן געבן אונ׳ ניט נעמן,
דאז דערפין מיר אונז ניט שעמן,
אך מעכט איך דען גערטל וואול גיטראגן האן,
זא האט עש ווידר ראטן איין איינציגר מאן,
דא שפראך דער ריטר פר וואר,
דיא שמאכהייט וויל איך רעכנן אַפן באר,
אן דעם דער דאז גיהינדרט האט,
זיכר און אלי שפאט
אונ׳ דער צו אן אל אייערן רעקן,
וואש גילטש איך וויל זיא אויף וועקן,
היא אויף דיזם פלאן,
וויל איך איינן נאך דעם אנדרן בישטאן,
אל וויל איך אירי בייטן,
היישט זיא אן הירוויש רייטן.

פון וועגן דש אייניגן ריטר דער דען ראט האָט געבן,
ער מוז מיט מיר פעכטן אונ׳ זאָלט עש קאשטן מיין לעבן,
דיא קיניגן טעט דאַ ניט לאנג ווארטי,
אונ׳ גינג צו דעם אידלן קיניג צארטי,
זיא זאָגט אים דיא מער,
וויא דער ריטר זאַ צורניג ווער,
איין אנדר מאָל זאַ פאָלגט מן איינם איינציגן מאן,
אונ׳ לאָזט דיא אנדרן אלי שטאן,
דער קיניג באלד נאך אלי זייני ריטר זאנט,
ער שפראך איך טוא אייך אלי טרייא צו האנט,
דש איר מיר הייט מיין ער ביוואַרט,
אונ׳ דאז נים לענגיר שפארט,
וועז איר פר נעמט וואול דש ריטרש מער,
ער איז דרום קומן הער,
דש ער אונש אל שענדן וויל,
נון טוט עש אין קורצען ציל.

ריטר גאביין שפּראך הער קיניג איך ביוואר אייער ער הייט.
דאז זאָלן זעהן אלי לייט.
איך וויל מיט אים פעכטן שיר.
אונ׳ ווער ער שטערקר אז מיינר פיר.
דאָ ער נון אויז דער בורג ראנט,
דאָ גינגן אלי ריטר צו האנט,
אובן אָן דיא צינן שטין.
אונ׳ וואָלטן זעהן וויא עש איך ווערט גין,
דאָ ווארד אים נאָך גיזאָגט פיין.
פיל זיסי זעגן פון מענכים שונן יונגפרויא אליין.
אונ׳ פון דען לייטן איבר אָל.
דיא דאָ ווארן אויף דעם זאָל.
דאָ נון ריטר גאביין קאם אויז דער בורג גיריטן,
דער פרעמדי ריטר מיט אדליכם זיטן.
האָט זיינר טון ווארטן.
דרוישן וואול בייא דעם גארטן.
וויא אין ריטר גאביין אן זאך.
הערט וויא ער שפּראך.

זייט מיר גאָט ווילקום ריטר אויז פרעמדן לאנט.
ווער האָט אייך איין באטן גיזאנט.
דש איר וואָלט שענדן דען אידלן הערן מיין.
דער צו אָל דיא מאנהאפטי ריטר זיין.
איך טוא אייך פר וואר זאָגן.
אייער איבר מוט קאן איך ניט פור טראָגן,
וואז איר זוכט דאז זאָלט איר פינדן.
דר וייל איר אלזו גאר גישווינדן,
גריטן גאָר פרעבליך אין זיין לאנט.
דרום ווערף איך אייך היא מיין הענשיך צו פפאנט.
דש איך מיין אידלן הערן דען קיניג אן אייך וויל רעכן.
אונ׳ וויל מיט אייך איין לאנץ צו ברעכן.
אונ׳ זאָלט עש זיין מיין לעצט ענדי,
זאָ רעכין איך אלי ריטרש שמאך ביהענדי.

פון דען צווייאן הילדן ווערט,
הורט מן קלינגן איר שארפי שווערט.
איבר בערג אונ׳ טאָל.
נאבן זיא גרושן שאָל.
דיא ווארן אלזאָ גוט.
דז האטן דיא צווייא הילדן איין פרישן מוט.
דער שטרייט וואר אלזאָ גרוש.
דש עש קיניג ארטיש פר דרוש.

וואַז זאָלן דיא ריד נון מיא,
דער פרעמדי ריטר טעט ריטר גאַביין גאַר וויא,
פר וואר זאָג איך אייך דאַז,
ער שלוג אין נידר אויף דיש גראז
ער מוזט זיך גיפאנגן געבן,
אַדר עש האָט אים גיקאָסט זיין לעבן,
ער שפראך צו אים דוא זאָלשט מיינר היא בייטן,
איך וויל צו דעם קיניג רייטן,
און צו דער קיניגן,
אונ׳ וויל נעמען ארלויב פון אין.
דער נאָך רייטן מיר,
מיט אַנגדר שיר,
הין צום קיניג ער דאַ רייט,
גון הערט וויא ער צו אים זייט,
קיניג ארטיש איך האָב דיר גיזיגט אן,
אונ׳ האָב גיפנגן דיין בעשטן מאן,
דער אן דיינם הוף איז גיוועזן,
צוואר ער קאָן ניט גינעזן,
דיא גרושי שמאכהייט דיא אן מיר היא האט אן גיטאָן,
האָב איך היא גירעכנט אויף דיזם פלאָן,
גאָט גיזעגן אייך קיניג אונ׳ קיניגן,
ריטר גאַביין פיר איך מיט מיר הין,
דא וואורד דער קיניג דא וויינען זער,
אונ׳ אל דיא דאַ שטונדן אום אין הער,
ער זאָגט לאָזט אין לעבן
איך וויל אייך מיין האלב קיניגרייך געבן.

דער פרעמדי ריטר שפראך וואז זאָל דיין לאנד מיר,
איך האָב מער אז דיינר פיר,
דער ווייל איך נון האָב דען זיג ביקומן,
אונ׳ גאָט האָט מיר גיהולפן וואז איך האָב אין מיין זין גינומן,
דיש איך נון מיט דער פיקטורייא,
ווידר ציא אין מיין לאנד מיט גרושר גלורייא,
דעם פרעמדן ריטר וואר צו רייטן גאָך,
ריטר גאַביין מוזט אים פאָלגן נאָך,
זיא ריטן דורך פיל גרושי וועלד,
אונ׳ איבר מענך וויט פעלד,
דאַ ניא קיין שטראָס הער שלוג,
אך קאמן זיא ניא אין איין קרוג,
אודר ניא אונטר קיין דאך
דאז וואר גאַר איין וואונדרליכי זאך

אנטאָלאָגיע

דא נון דיא צווייא הילדן ווארן גיריטן שיר,
מער ווען גאנצר וואוכן פיר.

דא׳ זעצטן זיא זיך נידר אין דיא גרויני היידן,
אונ׳ רואטן דא אליביידן,
דער ערשט ריטר צו ריטר גאביין שפּראך,
קענט איר ניט דז שין גימאך,
דש איר דאָ פור אייך זעכט,
אונ׳ דאז שין לאנט דש איר האבט גיזעהן רעכט,
אונ׳ ווער דער הער דריבר מאג זיין,
ניין איך ליבר הערי מיין,
אלזו שפּראך דער זעלביג גיפאנגן מאן,
שעניר לאנט איך ניא גיזעהן האן,
דא שפּראך ער צו ריטר גאביין איר זאָלט ניט פור צאגן,
איך וויל אייך דיא רעכטי ווארהייט זאָגן,
דש לאנט דש איר דאָ גיזעהן האט,
אונ׳ דר צו מענכי שיני שטאט,
דאז איז אלז מיין פרייא אייגן,
פיר מאָל זא פיל לנט וויל איך אייך נאָך צייגן

דאָז איז אליש מיין פעטרליך ערב נון,
דר ווייל איך לײדר האָב קיין זון,
זאָג איך אייך מאנהאפטן ריטר אייער גיפענקנים לידג אונ׳ לוס,
אלהיא אויף דיזר שטרוס,
דז איר מעכט ווידר היימן קערן,
נייארט איין ביט זעלט איר מיר גיווערן,
נון זאָג איך אייך פור וואר איר אידלר קוינר מאן,
דז איך קיין ערבן האן,
דען נייארט איין איינציגי טאָכטר דיא איז דער שענשטן אייני,
דיא דיא זון טוט איבר שײַני,
זיא איז אלט זעכצעהן יאָר,
דש זייא אייך גיזאָגט פור וואר,
איר זייט איין קוינר מאן,
ווען איר זיא ווערט זעהן אן,
אייער שרעקן ווערט זיך מערן,
אייער פארב ווערט זיך פר קערן.

ווייטר קאן איך אייך ניט זאָגן מער,
דא קאם דער גאסט אונ׳ אך דער הער,
אין דז שטיבליין גינאנגן,
דא ווארדן זיא גאָר שין אנטפּנגן,
דא זוימט זיך ניט לנג דיא יונגי קינינן,

און׳ טראט צום פאטר הין,
און׳ שפראך ליבר פאטר מיין,
איך היים אייך גוט (גאָט) ווילקום זיין,
און׳ פיל אים אום דען הלז און׳ קושט אין,
דר נאָך זא גינג זיא הין,
און׳ אנטפינג ריטר גאביין אך גאָר שון,
אויף אירם הייבט טרוג זיא איין קרוז,
אזאָ באלד ער זיא זאך,
פון שרעקן ער ניכט שפראך,
זיין פארב וואר אים גאָר פור בליכן,
זיין קראפט וואר פון אים גיוויכן,
פון וועגן אירי שונהייט גרוש,
און ציל און׳ און מוט.

דאָ שפראך דער קיניג הוך גיבורן,
צו דעם גאסט אויז ארקורן,
איר שטרייט בארי העלד,
עש איז אלש אן גישטעלט,
זאָגט מיר אוב אייך מיין טאָכטר וואול ביהאגט,
איר קוינר דעגן און פרצאגט,
אוב איר זיא צו איינםווייב ביגערט,
איר שטולצר ריטר ווערד,
דא שפראך ריטר גאביין,
גינעדיגר ליבר הערי מיין,
איך זיך וואול עש איז קיין שפּאָט,
העט איך עש נייארט פר דינט פון גאָט,
זינט דעם מאָל דש איר ביגערט מיין,
ווייא קענט איך עש פור זאָגן דעם יונגפרויאליין,
נון דער האנט שלאק גישאך,
דער קיניג צו ריטר גאביין שפראך,
נון וויל איך אייך מאכן אונטר טאָן,
לאנד און׳ לייט אלש וואז איך האן,
מן שיקט אויז אין אלי לאנדן איבראל,
און׳ לים אויז רופן מיט גרושם שאל,
ווער דאָ וויל עשין און׳ טרינקן און׳ וואול לעבן,
דער קיניג וויל זיינר טאָכטר איין מאן געבן,
דאש עשין און׳ טרינקן זאָל ווערן גאנציר וואוכן פיר,
דא קאָמן נון שיר,
אלז וואָז אים לאנד דאָ וואר אין אייל,
דא זאך מן גאָר מענכי שיני קורץ וייל,

דאָז ער נאָך דעם טוט מיין,
איין קיניג און׳ איין הער זאָל זיין,

איבר אלז דז איך הון
מאך איך אים אונטר טון,
איך שווער אויף דעם שווערט,
ער איז עש אלש וואול ווערט,
דא אנטוואָרטן זיא אים אל,
נימיין מיט איינם שאל,
גינעדיגר קיניג מיין,
וואָז איר ביגערט דש זאָל זיין,
דיא ווייל ער איז זאָ פרום אונ׳ אָון פר צאנט,
אונ׳ אייך אלזון וואול ביהאנט,
זאָ וועלן מיר דען אידלן קוינן מאן,
גערן פור איינן הערן האן,
זיא הולדיגטן אים אל דש וואר ער פרוא,
דש ער וואר גיווארדן איין הער אלזאָ,
ניא קיינם קיניג בעשר מוכט זיין,
אלז אים וואר בייא דער יונגי קינינן פיין.

דיכטער אונבאקאנט.

אחד מי יודע דאס דאזיגע אלטע אידישע פאלקס־ליעד געפינט זיך אין וואגענזייל׳ס „בע־לעהרונג דער יודיש־דייטשען רעד־ אונד שרייב־ארט״, 105, ארויסגעגעבען אין קעניגסבערג, אין יאהר 1699.

אחד מי יודע.

איינש דאז ווייש איך אייניג איז
אונזר גאט,
דער דא לעבט אונ׳ דער דא שוועבט
אים הימל אונ׳ אך אויף דער ערד.

צווייא אונ׳ דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
צווייא טאבל (לוחות) מאזיש
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

דרייא אונ׳ דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
דרייא זיין דיא פעטר (אבות),
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

פיר אונ׳ דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

פינף אונ׳ דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
פינף זיין דיא ביכר (חומש),
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

זעקש אונ׳ דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
זעקש זיין דיא לערנונג (משניות),
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

זיבן דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
זיבן זיין דיא פייארונג (שבת),
זעקש זיין דיא לערנונג,
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

אכט דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
אכט זיין דיא בשניידונג (מילה),
זיבן זיין דיא פייארונג,
זעקש זיין דיא לערנונג,
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאט וכו׳.

ניין דאז איז אבר מער,
אונ׳ דאז זעלביג ווייש איך,
ניין זיין דיא געווינונג (ירחי לידה),

אכט זיין דיא בשניידונג,
זיבן זיין דיא פייארונג,
זעקס זיין דיא לערנונג,
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין די פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאָט וכו'.

צעהן דאָז איז אבר מער
אונ' דאָז זעלביג ווייש איך,
צעהן זיין דיא צעהן גיבאָט.
ניין זיין דיא גווינונג,
אכט זיין דיא בשניידונג,
זיבן זיין דיא פייארונג,
זעקס זיין דיא לערנונג,
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר.
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאָט וכו'.

אײלף דאָ זאיז אבר מער
אונ' דאָז זעלביג ווייש איך,
אײלף זיין דיא שטערן,
צעהן זיין דיא צעהן גיבאָט,
ניין זיין דיא גווינונג,
אכט זיין דיא בשניידונג,
זיבן זיין דיא פייארונג,
זעקס זיין דיא לערנונג,
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר.
דרייא זיין דיא פעטר,
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאָט וכו'.

צוועלף דאָז איז אבר מער,
אונ' דאָז זעלביג ווייש איך.
צוועלף זיין דיא גשלעכט (שבטים),
אײלף זיין דיא שטערן.
צעהן זיין דיא צעהן גיבאָט,
ניין זיין דיא גווינונג,
אכט זיין דיא בשניידונג,
זיבן זיין דיא פייארונג,
זעקס זיין דיא לערנונג.
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר.
דרייא זיין דיא פעטר.
צווייא טאבל מאזיש,
אייניג איז אונזר גאָט וכו'.

דרייצעהן דאָז איז אבר מער,
אונ' דאָז זעלביג ווייש איך,
דרייצעהן זיין דיא זיטן (מדות),
צוועלף זיין דיא גשלעכט,
אײלף זיין דיא שטערן,
צעהן זיין דיא גיבאָט
ניין זיין דיא גווינונג.
אכט זיין דיא בשניידונג,
זיבן זיין דיא פייארונג,
זעקס זיין דיא לערנונג.
פינף זיין דיא ביכר,
פיר זיין דיא מיטר,
דרייא זיין דיא פעטר.
צווייא טאבל מאזיש.
אייניג איז אונזר גאָט,
דער דאָ לעבט אונ' דער דאָ שוועבט
אים הימל אונ' אך אויף ערדן.



דיכטער אונבאַקאַנט.

די דאַזיגע „חד גדיה", פונקט ווי „אחד מי יודע", געפינט זיך אויך אין וואגענזייל׳ס „בע־לעהרונג דער אידיש־דייטשען רעד אונד שרייב־אַרט", 108, ארויסגעגעבען אין קעניגסבערג אין יאַהר 1699.

חד גדיה.

איין ציקליין, איין ציקליין,
דאַז האַט געקויפט דאַז פעטרליין,
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דא קאַם דאַז קעצליין
אונ׳ אס דאַז ציקליין.
דז דאַ האַט גיקויפט מיין פעטרליין,
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דאַ קאם דאַז הינטליין,
אונ׳ בים דאַז קעצליין,
דז דאַ האַט גינעשן דאַז ציקליין,
דז דאַ האַט גיקויפט מיין פעטרליין.
אום צווייא שילונג פענוג.
איין ציקליין, איין ציקליין.

דא קאם דאַז שטעקליין,
אונ׳ שלוג דאַז הינטליין,
דז דאַ האַט גביסן דאַז קעצליין,
דז דאַ האַט גיגעשן דאַז ציקליין,
דז דאַ האַט גיקויפט מיין פעטרליין,
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דא קאם דאַז פייארליין,
אונ׳ פר ברענט דאַז שטעקליין,
דז דאַ האַט גישלאַגן דאַז הינטליין,
דז דאַ האַט גביסן דאַז קעצליין,
דז דאַ האַט גינעשן דאַז ציקליין,
דז דאַ האַט גיקויפט מיין פעטערליין.
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דא קאם דאַז וואשרליין,
אונ׳ פר לעשט דאַז פייארליין,
דז דאַ האַט פר ברענט דאַז שטעקליין,
דז דאַ האַט גישלאַגן דאַז הינטליין,
דז דאַ האַט גביסן דאַז קעצליין,
דז דאַ האַט גיגעשן דאַז ציקליין,
דז דאַ האַט גיקויפט מיין פעטרליין.
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דאַ קאם דער אָקסן,
אונ׳ טראנק דאַז וואשרליין
דז דאַ האַט פר לעשט דאַז פייארליין,
דז דא האַט פר ברענט בּאַז שטעקליין,
דז דאַ האַט גישלאַגן דאַז הינטליין,
דז דאַ האַט גביסן דאַם קעצליין,
דז דאַ האַט גיגעשן דאַז ציקליין,
דז דאַ האַט גיקויפט מיין פעטרליין.
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דא קאם דער שוחט,
אונ׳ שעכטעט דען אָקסן,
דער דא האַט גיטרונקן דאַז
וואשרליין,
דז דאַ האַט פר לעשט דאַז פייארליין.
דז דאַ האַט פר ברענט דאַז שטעקליין,
דז דאַ האַט גישלאַגן דאַז הינטליין,
דז דאַ האַט גביסן דאַם קעצליין,

דז דאָ האָט גינעשן דאָז ציקליין,
דז דאָ האָט גיקויפט מיין פעטרליין.
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דאָ קאם דער מלאך המות,
אונ' שעכט דען שוחט.
דז ער האָט גישעכט דען אקס'ן,
דז ער האָט גיטרונקן דאָז וואשרליין.
דז דאָ האָט פר לעשט דאָז פייארליין,
דז דאָ האָט פר ברענט דאָז שטעק־
ליין.
דז דאָ האָט גישלאָגן דאָז הינטליין,
דז דאָ האָט גביסן דאָז קעצליין,
דז דאָ האָט גינעשן דאָז ציקליין,
דז דא האָט גיסיי־ט דאָז פעטרליין,
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.

דאָ קאם אונזר ליבר הער גאָט,
אונ' שעכט דען מלאך המות,
דער דא האט גישעכט דען שוחט.
דז ער האָט גישעכט דען אָקסן,
דז ער האָט גיטרונקן דאָז וואשרליין.
דז דאָ האָט פר לעשט דאָז פייארליין.
דז דאָ האָט פר ברענט דאָז
שטעקליין.
דז דאָ האָט גישלאָגן דאָז הינטליין.
דז דאָ האָט גביסן דאז קעצליין,
דז דאָ האָט גינעשן דאָז ציקליין,
דז דאָ האָט גיקויפט מיין פעטרליין.
אום צווייא שילונג פענוג,
איין ציקליין, איין ציקליין.



אלחנן הענלע קירכהאן.

אלחנן הענלע קירכהאן אז איידעם פון ר׳ צבי הירש קיידענאווער, מחבר פון ספר „קב הישר". געבארען אין דער צווייטער העלפט פון׳ם 17טען יארהונדערט, אין פראנקפורט אויפ׳ן מאין. אין 1706 איז ערשינען דער ערשטער טייל פון זיין אידיש־דייטשען מוסר־ספר „שמחת הנפש". אין 1727 איז ארויס פון דרוק דער צווייטער טייל „שמחת־הנפש", פון וואנען די פאלגענדע סטרא־פען זיינען גענומען, קאפירט נאך לעווענשטיין לויט דער לאטיינישער טראנסקריפציע. ביבל. דר. לעווענשטיין „בלעטער פיר יודישע געשיכטע און ליטעראטור„; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

שבת-ליעדער.

דאס ליעד און ג׳זאנג איז געמאכט,
צו זינגען פרייטאג צו נאכט.

א.

דער הייליגער שבת וועלין מיר,
אנטפאנגען מיט פריידען,
איהם אנטאן זיין געביר,
וועלען מיר ניט פערמיידען,
גוט עסען, גוט טרינקען, וואס גאט טוט בעשערען,
קיין צער, קיין רוגז צו ווייזען אונד לאזען הערען,
אונד תורה לערנען דען ליעבען גאט צו עהרען.

ב.

אזוי זאלען טאן אללע געמיין,
אם שבת פיעל פערצערען,
לוסטיג אונד פרעהליך זאל מען זיין,
גאט טוט אללעם וויעדער בעשערען,
גוט ביער, גוטען ווין זאל מען אנבערייטען,
גוט פלייש, גוטע פיש מאך פערטיג ביי צייטען,
אונד ליכט צו ברענען אויף אללע זייטען.

זינג אהנע זארגען,
דאס געזאנג שבת צו מארגען.

יום שבת איז די הערליכע כלה גענאנט,
דרום זאמעלט אייך איין,
אללע געמיין,
גרוים אונד קליין,

גיבט צו גאָט לויב אונד זעגען:
יום שבת איז די מלכה פון גאנצען לאנד.
ליעבער גאָט מיין,
עס איז אללעס דיין,
עס איז נייערט איין שיין
אללעס וואס מיר האבען אונד פערמעגען.

זינג דאָס געזאנג,
אָן שבת צום אויסגאַנג.

א.

דער הייליגער שבת איז איין שאהנע רוה,
דען עס קומט דעם מענשען איין נשמה יתרה צו,
איין צדיק טוט עס ביי זיך שפירען, —
אונד מוצאי שבת טוט זיך ווידער פערליערען.

ב.

ליעבער גאָט דו טוסט די גאנצע וועלט ערנערען,
אָן דיר זיינען מיר פערזיכערט,
דאָס דו אונזער ברויט טוסט בעשערען,
נייערט מיר ביטט דיך גאָט פון דיינער הענד אליין טו אונז שפייזען,
אונד נים דורך לייטען הענד,
די פערשעמען אונד טונען אָב ווייזען.



דיכטער אונבאקאנט.

דאס ליעד מיט'ן נאמען „איין נייא קלאג ליד", אדער ווי עס הייסט אין עקזעמפליאר: „איין נייא קלאג ליד בניגון „אני הגבר" אויף א משרת פון פראנקפורט", איז אן אלטער דאקו־מענט פון אויבינגען אידישען ווער. געדרוקט איז דאס ליעד אין א בעזונדער אויסגאבע, אין באזיל, 1708, און געפינט זיך אין דעם נויארקער אידיש־טהעאלאגישען סעמינאר. עס ווייזט אויס, אז דער מחבר האט מורא געהאט צו פארעפנטליכען זיין נאמען אום ניט פארפאלגט צו ווערען. אין זיין שלוס־ווארט זאגט ער: „וואלט איך ווישן ווער דאז לידליין האט טאן מאכין איין מענץ אויף צוויא פים האט עש טאן דרטראכטן."

איין נייא קלאג ליד.

הערט צו איר ליבן לייט
וואז דא פר גיט אין דיזר צייט
וועז מיר נאך פראנקפורט זיין ברייט
אך מיר ארמי לייט.

וועז מיר אורחים נאך פראנקפורט טונין מארשירן,
זא לאט מען אונש ניט פר דיא טירן
דא קומט יעקב פול וואשיר מיט זיין שטאק איין רויז צו לאווירן
אונ טעט איינם נאך דעז אנדרן אין דער וואך שטוב אניין פירן.

אונ דא מיר טונין אין דער וואך שטוב אניין גין
דא מאכין דיא גבאים אויף דש בוך אונ יעקב פול וואשיר טעט איין הער גין
ער שפראך וויא לנג בישטו היר גיוועזן אונ ווי איז דיין נאמן
דז יעקב פול וואשיר זאל מיט גאט וויל פר לאמין.

וועז מיר אורחים שון מיט חרפת האבין אונזר צערנג ביקומן
זא האט ער גימאכט דז מז האט אונש דז פלעטי געלט אב גיצוגין אונ וועק גינומין
אבר מיר אורחים זעהין דז זיך די ק"ק מיט דעז מסור טונין פר זינדן
מיר האבין גרושה מורא ח"ו דז דארך אירה צדקה ווערט איר עשירות בלד פר שווינדן.

אך טונין זיא זיך מיט איר עשירות איבר נעמן
אלז וועז זיא זיך העטין אליין בישאפין אונ וועלין גאט ניט דר קענן
אונ לאזין אונש אורחים פר דעז מקום שטין אין דר זונין
דז מיר בלד פר שמעלצין אונ פר ברעניז.

אבר ווייל מיר ארמן לייט זעהין דז זיא דען מסור דז טונין ניט ווערין,
קענין מיר וואול גידענקין דז זיא אים האבין אף גערין.
דרום וועלן מיר שוויינן שטיל
הש"י ווערט פר זיך נעמין דז ביזה שפיל.

דרום אלי גוטה לייט גידענקט אן הש"י אונ נעמט דז צו הערצן,
וויא מיר דארף דען רשע ליידן שמערצן,
אונ מיר בעטין בייא נאכט אונ בייא טאגין
דז אים דער דוניר זאל במהרה דר שלאגין.

אבר הש"י לאט אים זיין זכות אויף דען עולם גניסן,
אבר אויף ע"ה ווערט מן דען רשע בראטין אונ ברענין מיט גלידיגי שפיסן.
הש"י ווערט אים אויף ע"ה דין לון טאן געבין.
מיר פר האפין דז ער ווערט זיין רוח רעה אונ ווערט אים עולם ארום שוועבין.

אבר דער רשע טעט ניקש דר נאך פראגין,
ווייל ער האט בייא דיא ק"ק גוטה טאגין,
ער שפראך איך וויל מיך מיט דיא אורחים צענקין אונ רייסן,
ווען איך בין גישטארבין לאז מיר דער הונט אויף דז גראב שייסן.

דרום איר לייט קענט איר וואל גידענקין,
וויא זיך דר רשע אין גאטש וועק וויל ניט לענקין,
דרום ווייל ער וויל זיך ניט קערן צו גאטש גיבאט
דא זאל ער קרענקין פריא אונ שפאט.

דז איז פון זומר אליין
אבר אם ווינטיר טעט ער פיל ערגיר אום גין מיט דיא ארמן גימיין.
ער לאט אונש פר דען טאר שטין גרויש אונ קליין,
און לאט קיינם פר דיא גבאים ביז אונש טוט אויף פרירן הענט אונ ביין.

אונ מיר שרייאן מיט גוואלט,
אך דוא ליבר גאט וויא איז אונש אזו קלט.
אונ דיא ערילים בעו"ה טעטין דר בייא שטין
פר גרויש רחמנות טעטין זיא אן דען ריקס בעטין דז זיא זאלין אונש
אנייןווארמן לאזין גין.

אונ דא מיר זיין פר גרויש רחמנות צו ווארמן גיקומן,
דא קומט דר יעקב פול וואשיר אונ טעט איינים נאך דען אנדרן ארויז
שלאגין דז מיר שרייאן און ברומן.
ער טעט ניקש דר נאך פראגין,
אונ טעט אלז פארט צו שלאגין.

איין נייא קלאָג ליד

דאָ מוזן מיר ווידר שטין פר דען טאר רדוישן.
איינר שרייאט איך האָב קיין קלייד אונ אך קיין הויזן.
דר אנדר שרייאט אך דוא ליבר גאָט וויא קאָנשטו אזו איין רשע צו זעהין.
וויא ער מיט אונש טוט אום געהין.

אבר הקב"ה איז איין מאריך אף אונ לאָט אים פאָרט מאכין.
אָבר אויף ע"ה ווערט מן אים זיין גלידר צו בראכין.
דיא מ"ח ווערין אים זייני גלידר צו שמעטרן.
אונ ווערין אים בכף הקלע שליידרן.

דרום איר ליבן לייט דז לידליין זאָלט איר צו איין גידעכניש האָן
אונ זאָלט מיט אונש ניט אזו אום גין טאָן.
דר מיט אז מיר ניט שרייאן אונ קלאָגין
אזו ווערט במהרה משיח קומן אין אונזרן טאָגין
דרויף ווענין מיר אמן זאָגין.



דוד זוינגערש.

דוד בן הרב שמעי ז״ל זווינערש — דיכטער. געלעבט צווישען 17טען און 18טען יארהונדערט אין קרוינבורג. שפעטער געווען אין פראג. דאס ליעד מיט'ן נאמען „איין נייא קלאג ליד", איז געשריבען אויף דער גרויסער פראנקפורטער שריפה, דעם 14טען יאנוואר, 1711, וואס ער האט אליין בייגעוואוינט. קאפירט טיילוויז, פון י. י. שורט'ס „יודישע מערקווירדיגקייטען", באנד 1—3, נאך בוך 6, נומ. 3, ז. 63.

איין נייא קלאג ליד.

איכה וויא זאל איך אן היבן צו זינגן אינ' קלאגן פון דען גרושן וועזין.
וויא צו פרנקפורט אן מיין איז איין גרושה שריפה גיוועזין.
קיין הויז נאך קיין שטאק איז אין דער גאנצה גאס ניט ווארן גיוועזין.
אזו איין חורבן איז זינט חורבן בית המקדש ניט גוועזין.

בליל ד' כ״ד טבת האט השי' איין אש מן השמי' אין דען רב זיין הויז אן גיצונדן.
אי מן עש רעכט אויף דער גאסין האט אנט פונדין.
אזו ווארן גלייך דיא אנדרה הייזר אן גיצונדין.
אונ' דיא הייליגי שול גלייך אז ווען זיא ווארן צו זאמן גיבונדין.

גרושי יללה איז גלייך אין דער קהילה גיווארין.
מן האט גלייך מיט איילן פאר שלאסין דיא טארין.
אבר זיא העטן דיא מיא אונ' ארבייט וואול קענין שפארין.
דען זיא זיין דאך גיעפינט אונ' פאר ברענט גיווארין.

דוריך דער גאסן זיין דיא לייט אז דיא משוגעים אהין אונ' הער גלאפן.
אונ' האבן אליז צו איין בעשרונג טאן האפין.
אבר דש פייאר איז אליז פון איין הויז צו דען אנדרן גילאפין.
דש האט ארם אונ' רייך בעו״ה בטראפן.

הינט הייזר אונ' פעדיר הייזר זיין אלי צו גלייך אין בראנט גישטאנדן.
דא איז קיין הילף נאך ראט ניט גיוועזן פאר האנדן.
ביז דיא גאנצי קהילה קדושה איז גיגאנגן צו שאנדן.
דאש מן ניט מין ווייסט וואו איין הויז איז גישטאנדן.

וויא נון דיא שריפה האט איבר האנט גינומן
זיין דיא טאר אויף גיגאנגן אונ' פיל לייט ארין צו הילף גקומן.
אבר עש איז בעו״ה פיל ממון של ישראל אוועק גיקומן.
וואש ניט פר ברענט איז דאש איז גווארין אוועק גינומן.

דוד זויגערש

כלי קודש וכלי כסף, ציין, מעס, קופפער איז אליז איין פרנקפורט פולל **גיוועזן.**
אלז פר ברענט אונ׳ פר גשמאלצן אונ׳ וועניג דער פון נינעזן.
זעלכה צרה איז איין עולם נאך ניא גיוועזן.
מיר האבן לאנג דער פון צו שרייבן אונ׳ צו לעזן.

ווייל מיר אך איין דען שריפה האט טאן פיל פר ברעניז.
דרום האב איך דאש ליד גימאכט אונ׳ מיין נאמן דרינן טון **נענן.**
דוד זויגרש מפראג מן טוט מיך גאר וואל קענן.
וואן הפטיג איין קרוניבורג טוט מן דיא קהילה נענן.

משה אייזנשטאט.

דאס ליעד „איין נייא קלאג ליד" איז געשריבען פון „משה אייזן שטאט איבר דען גרושן ערשרערעקליכן עיפוש (מגפה), וועלכר פה פראג אן גיהובן האט כ"ח תמוז תע"ג (1713) אונ רעגירט עד ר"ח טבת שנה הזאת תע"ד לפ"ק", וואס ער אליין האט ביינעוואוינט. דאס ליעד האט איבער הונדערט פערזען, פון וועלכע איך נעהם נאר א טייל. אין ענדע פון דאס ליעד איז פאראן א לאנגע ליסטע מיט איינצעלהייטען וויפיעל מענשען עס זיינען יעדען טאג אויסגעשטארבען. דער סך הכל איז: „ג' אלפים ד' מאות מו"א". די קאפיע פונ'ם דאזיגען ליעד געפינט זיך אין דעם נויארקער אידיש-טהעאלאגישען סעמינאר.

איין נייא קלאג-ליד.

אלמעכטיגר גאט אין דיין הימלרייך
דו הילפשט אונש אלי צייט ווען עז אונש גיט אום גלייך
אויז גלות מצרים האשטו אונש טאן ארליזן
אין גלות בבל האשטו אונש אויך גהיט פון ביזן.

ברם הרציגר גאט אין דען דריטן גלות האשטו אויך פר אונש גשטריטן
אין דען פירטן גלות טושטו אונש אויך בהיטן
אלזו טונן מיר צו דיזן צייטן האפן
דז דוא אונש אויך ניט אזו הרט ווערשט שטראפן.

גרוש שרעקנים אונ' ציטרנוש טוט איבר מיך קומן
מיין זיל טוט אין מיר וויינן אונ' ברומן
דש איך זאל דר צילן וויא עז אין אונזרה קהלה קדושה צו איז גיגנגן
אן כ"ח תמוז האט דיא צרה בונו"ה אן גפנגן.

דא מן טוט צילן תע"ג צו בשעפנש דר וועלט
אין בענ"ה אין אונזר קהלה ווארן גאר איבל בשטעלט.
גאר קיין חולה האט מן פאר אין דער קהלה טאן שפירן
קיין ביזר לופט האט טאן רגירן.

האט זיך ליידר איין גרושה ענדרונג ביום ב' כ"ו תמוז אן גפנגן
וויא איבל איז עז אין דער קהלה קדושה צו גינגנגן
וויא איז אונז ליידר גווארן אזו בנג
זעקש אין איינר שטוב אויף איין מאל זיין גווארן קרנק.

וויא האט דער עיפש זא הרט אונש פר דארבן
דרייא טאג דר נאך זין שון פיר פון אינן גשטארבן

דיא אנדרן זיין אויך קומן אין דר העכשטי נוט
אין ב׳ ימים דר נאך זיין זיא אויך גיוועזן טוט.

זא באלד אלש מן זולכש אין דר קהלה האט פר נומן
וויא גרוש שרעקנים איז אויף איטליכן נקומן
איין יעדר ווער נערן תכף וועק נצוגן
איין יעדרר ווער נערן נפלוגן.

חז האבין פיל יהודים בייא שכרות בקומן
וועלכי זיא אויף דען לנד אין אירן שוץ האבן גנומן
דא האט מן ניקש אנדרש גזעהן אן אלין גאסין אונ׳ עקין
אלז איין פאקין אונ ציהן איין וועקין.

טרואן אונ׳ קשטן טראגן האט מן דען גנצן טאג פר זיך גזעהן
וויא וויא איז דענן ארמן לייטן גשעהן
דען זיא גדענקן דיא עשירים ציהן אלי אוועקן
אונ׳ מיר מיזן היר בלייבן אין דער צרה שטעקן.

כמה וכמה אלפים האט זאלכש גשטאנדן
ממש קיין עושר איז מער אין דער קהלה פאר הנדן
דער גלייכן פיל לומדים אונ׳ זונשטן חשובי לייט
האבין זיך גמאכט אלי אויף א זייט.

לא עליכם עוברי דרך וויא וויא איז אונז גישעהן
דז הגאון אב״ד ור״מ איז אוועק נצוגן דז האבן צו גזעהן
דז דיא שונהייט אונ׳ ליכט דער גאנצי יודן גמיין
ווער ווערט איצונד אויף אונס מגין זיין.

קערן וויל איך אייך ווייטר צו דר ציילן וויא דיא צרה הט איברהנט גינומן
אזו פיל נפשות כעו״ה דורך דען דבר ב״מ זיין אוועק גיקומן
צום ערשטן האט מן וואול גמיינט צו לעשין דיא שריפה
אבר עז האט דאך איבר הנט גנומן דיא מגיפה.

יום טוב אונ׳ תשעה באב איז גוועזן צו גלייכן
מן הט ניט ער קענט ארים אלז רייכן
אלז איז מיט גביקטן קאפף גינגנגן
דען ער האט ניע גווישט אוב ער דן מרגדיגן טג׳ ווערט ערלנגן

קיגן הונדרט קינד בעטרין זיין אויף גינגנגן
קיין היבאם איז דא גוועזין דיא דאז קינד האט זאלן עמפפאנגן
דער מאן האט פיל מאל דיא היבאם זעלבשטן מוזן זיין
דיזש האט אלי בוידי גברכט אין דער ערדן אניין.

ניט קענין מייני אויגן פון טרעהרין טרוקן ווערין
אכט אָבר נייַן הונדרט מתים זאָלן מיט איין מאָל ליגן אויף דר ערדן
גנצי גזינדר זיין ווארן אויזגריסן
איבר דיזן מייני אויגן בעך טרערין פליסן

קרוב נאָהנט בישטו אָל מעכטינר גאָט צו אַלין דיא דיך אָן רופן טונן
דרום זאָלשטו אונז פון דיזן צרות מאַכין אנטרונן
דיא רייני נשמות גיב דש איבגי לעבן
אונ' אונז זאָלשטו גיזונד אונ' שלום געבן.

רחמים צדיק דיין גרוש רחמנות זאָלשטו אויף אונז ערוועקין
אונ' לאָז אונז אין דיזר עלענט ניט שטעקן
אונ' טוא אונז מיט דיינר גרוש הילף ווידר ער פרייאַן
דיזש טונן מיר צו דיר גאָט אלי שרייאַן.

דוד אפּענהיים.

דאָס פּורים־שפּיעל „אסתר מיט אחשורוש אקטאַ“ איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אייניגע ישיבה־בחורים און איז, ווי עס ווערט מיטגע־טיילט אין דער פאָררעדע, דורכגעגאַנגען די הענט פון „אדונינו מורינו ורבינו האגון המפורסם מוהר"ר דוד אופנהיים זצ"ל“. דוד אפּענהיים — גרויסער תלמוד'יסט און אידישער ביבליאָפיל. געבאָרען אין וואָרמס, אין יאָהר 1664, גע־שטאָרבען אין פּראָג דעם 12טען סעפּטעמבער, 1736, האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע ביבליאָטעק מיט איבער זיבען טויזענד ביכער. דאַרונטער איין טויזענד מאַנוסקריפּטען. צום ערשטען מאָל איז דאָס פּורים שפּיעל געדרוקט געווען אין 1720. דאָס ביכעלע צייכענט זיך אויס מיט אַ זעלטענעם פּאָעטישען שוואונג און מאָדערנער אויפפאַסונג, וועדליק פאַר יענער צייט, אזוי, צום ביישפּיעל, איז דער פאַרביסענער „רשע“ המן, אין זיין קלאָג־ליעד אזוי טראַגיש, אַז ער רופט ארויס מיטגעפיהל. אין 1780 איז דאָס זעלבע פּורים־שפּיעל איבערגעאַרבייט געוואָרען, אָדער בעסער געזאָגט, שטעלען־ווייז איבערגעדרוקט גע־וואָרען אונטער'ן נאָמען: „אסתר אונד מרדכי טרויערשפּיל“, פון יאקב כה' יחזקאל מפּוזנן“, אָבער מעהר ווי די שפּראַך איז דאָרט קיין זאַך ניט אַנדערש. אַ קאָפּיע פוןביידע דערמאָנטע אויסגאַבען, געפינט זיך אין דעם נויאָרקער אי־דיש־טהעאָלאָגישען סעמינאַר. וועגען דוד אפּענ־היים זעה: יוד. ענג. ענצ. 9, 410—411; יוד. רוס. ענצ. 12, 109־110 ; ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

פּורים-שפּיעל.

ושתי'ס קלאָג-ליד.

פעלזן קליפּן האָכי בערגן
פינשטרי וועלדר אונ' טיפי טאָל
ווילדי טיהרן וואַשיר וואלין
פאָגיל לופט אונד עכאָשאָל
העלפט מיר מייני שמערצן בוויינן
שויאט דאָך מיין יאָמר אָן
העלפט פעלזן העלפט שטיינן
העלפט וואָז נור העלפן קאָן
העלפט, העלפט, העלפט
וואָז נור העלפן קאָן.

איך וויל אייך מיין און גליק קלאָגן
איך בקען עש אין דער שטיל
דש וואָש מיך זאָ זעהר טוט פּלאָגין
אונד וויא מיר גשיכט צו פיל
דער וויל איך מוז פון איר
מייעסטעט אָב שיידן

זאָגט נון וויא קאָן איך פריליך זיין
זאָגט נון אוב איין גרעשרי ליידן
אויף דער גנצי וועלט קענט גזיין
אויף דער גנצי, אויף דער גנצי,
אויף דער גנצי וועלט קענט גזיין.

קומט איר פיגל אויז דער ליפטן,
אונד פר לינדריט מייני פּיין.
העלפט פעלזן, העלפט קליפּן,
אונ' בטראַכטיט דן לייד מיין.
איבר מייני זינדי
איך אלזאָ פר שווינדי.
אָך דיא יאָמר אונ' גראָשי נאָט.
איך ווייש קיין אנדרי אורזאַך צו
פינדן,
וואָרום דש און גליק מיך אלזאָ
פּלאָגט.

אסתר.

אַ אליר העכשט הויבט דער גנצי ערדן,
איך בין ניט ווערדיג דז מיך איהרי מ"ט פאר איין גמאהלין בגעריין
דיא פאַהר פאַהריגי איזט גוועזין פאַן האַהן געשלעכט.
אונ' האַט דאַך איהרי מייעסטעט ניכט קאַנין בדיענן רעכט.
נון וויא זאָלט דאַן איך בשטין.
אודר וויא וואָלט עש מיר ערגיהן.
דרום וואָלט איך אונטר טעניג ביטן.
דש דיזון זאָלט בלייבן פר מיטן.

דער קעניג.

שטיט אויף איהר אליר שענשטי פרינצעסין.
איר האבט דיא שענשטי ליר.
פאַר אנדרי אליין גפאלט איר מיר.
איהר הבט דיא רעכטי גינאַד,
ווײלין איהר פאר אלין אנדרין דען פאַר צוק האַט.
דארום זאַג איך נאַך מאַהלין שטיט אויף אליר שענשטי ברויט.
אייך איזט גראַשי עהר אונד ליב פר טרויאַט.

המן׳ס קלאָג-ליד.

נון מייני טרייאי הערן וואז זאָל מן אויף יעמנטן ווײנן אונ' קלאַגן
וואן מן אין ערליך פון זיין בעט צו דער גרוב טוט טראַגן
דאַן דיזש ווייש מן וואול דש וואַז פלייש איז מוז ענטלך שטערבן
אונ' מושט צו טייל ווערדן דענן ווירמן.

העלפט מיך ליבר צו קלאַגן אונ' צו בווײנן.
וועלכן ניט צו גראב קומן מיינן ביינן.
איין זאלכר מיניסטר דער דאַ האַט גהבט צו בפעלן איבר אלי הערן.
זאָל יעצונט דען ראבן צו טיילט ווערן.

וואו איזט זאלכש ווארן גזעהן אַדר ער הערט.
עז ווער פיל בעשר דש איך קינן דען פיינט גפאלין ווער אין דש שווערט.
זאַ ווערי איך ערליך צו גראַב קומן אלש איין האַהר האפיציר.
און איין ערליכן נאַמן גלאַזן הינטר מיר.

אביר יעצונד זאָל איך ליידר דען שרף ריכטר ווערן איבר געבן.
אַה ווע פר פלוכט איזט זאַלכש לעבן.
ווי זים ווערי דער נאַטירליכי טאַט וואן מיר מיין זיל זאָלט ווערדן גנומן.
אלזאַ שפריכט ווע דעניז דיא דען טאַט האַפן אונ' ער וויל ניכט קומן.

דוד אַפּענהײם

מײַני פּיס זײַנין שוואַך אַלי בײדן.
מײַני אױגן זײַן פֿר טונקלט פֿר גראַשי לײדן.
מײַני אהרין קענין פֿר גראַש שרעקן ניכט מער הערן.
מײַני אױגן פֿליסן גנצי בעך מיט טרערן.

דוא פֿר פֿינסטרדי ערדן טוא דײַן װײַט מונד אױף מאַכין,
אונ׳ זאַלשט מיך פֿר שלינדן אין דײַן װײַטן רכין.
אַלש דוא האָשט דען קרח אײַן גנומן.
דז ער אהני שנד איז פֿון דער װעלט הין װעק גקומן.



געליע.

געליע, די קוים צוועלף יאהריגע דיכטערין פון דער אונטען קאפירטער, וואונדער־שעהנער תפלה, איז געבארען געווארען אין יאהר 1702. איהר פאטער משה בן אברהם, א בעוואוסטער אידישער מחבר און דרוקער, איז געווען א געבארענער קריסט פון ניקאלסבורג, וואס האט זיך שפעטער מגיר געווען. אין 1714 האט ער אין האלע ארויסגעגעבען אן אידישע סדור־איבערזעצונג אונטערן נאמען „תפלת משה", צו וועלכער די יונגע געליע, וואס האט געארבייט אין איהר פאטערס דרוקעריי, האט צוגעגעבען איהר תפלה אלס פאררעדע. ווי קייזערלינג וויל האבען אין זיין בוך „די אידישע פרויען אין דער געשיכטע, ליטעראטור און קונסט", איז געליע קיין פולע צעהן יאהר ניט אלט געווען ווען זי האט דעם דאזיגען שיר געשריבען. ביבל. קייזערלינג, „די אידישע פרויען אין דער געשיכטע, ליטעראטור און קונסט; ז. רייזען, „לעקסיקאן"; א. שולמאן, „שפת יהודית אשכנזית וספרותה", 3, 58.

תפלה.

דיזי שינה נייאי תפלה פון אָן פאנג ביז צו ענד,
האב איך גיזעצט אלי אותיות מיט מייני אייגני הענד.
געלה בת הר"ר משה המדפיס
ואמי מרת פריידה בת הר"ר ישראל כ"ץ ז"ל,
דיא האט מיך צווישן צעהן קינדר ש"י גיבארן,
איך בין איין בתולה נאך עטוואש אונטר צוועלף יארין.
נעמט אייך קיין חידוש, דאש איך מוז ארבייטן,
הרכה והענוגה בת ישראל זיצט אין גלות לאנגי צייטן,
איין יאר גיט אהין אונ' דאש אנדרי טוט קומן,
אונ' מיר האבן פון קיינר גאולה נאך ניט פר נומן,
מיר שרייען אונ' מיר בעטין אָן גאט אלי יאר,
ער וואלט דאש אונזרי תפלות בייא השם ית' זולטן קומן פאר.
וויא ווייל איך מוז שווייגן שטיל,
איך אונ' מיין פאטערש הויז טארין ניט רידן פיל,
וויא עש כל ישראל ווירט דער גין,
אלזו זאל אונז אויך גישעהן.
דען דער פסוק טוט זאגן, עש ווערין זיך פרייען אלי לייט,
דיא אויף דאס חורבן פון ירושלים האבן גיטון קלאגן,
אונ' דיא אויף דאש גלות האבן פר טריבן גרושי לייד,
דיא ווערין מיט דער גאולה האבן גרוש פרייד...

דיכטער אונבאקאנט.

די זעלטענע תפלה „געבעט פון א געווינע־רין" האט ניט קיין מחבר. זי איז אבער ארומ־געוועבט מיט א מערקווירדיגער מעשה'לע. י. י. שודט, דער זאמלער פון די „יודישע מערקוויר־דיגקייטען", פון וואנען דאס געבעט איז ארויס־גענומען, דערצעהלט פאלגענדעס:

א קריסטליכע העב־אמע האט מיר דער־צעהלט, אז זי האט איינמאל בייגעוואוינט א פאל, ווען די דאזיגע תפלה איז געזאגט גע־ווארען פון אן אידישער געווינערין, אויף וואס אלע אנוועזענדע האבען געענטפערט „אמן". נאכ־דעם ווי די געווינערין האט געענדיגט איהר גע־בעט, האט זיך די קריסטליכע העב־אמע צו איהר געווענדעט: „האט איהר עס געבעטען?" דערויף האבען די אנוועזענדע אידישע ווייבער געענט־פערט „יא".

— דאן בעט איצט אויך מיט מיר.

— מיר פערשטעהען ניט אייער געבעט.

— דאן מוזט איהר עס לערנען צו פער־שטעהן, האט די העב־אמע געענטפערט און האט אנגעפאנגען צו זאגען איהר געבעט, וואס ענדיגט זיך:

„אונד אויב עס גועהעט ביז אין דער נאכט;
אונד וויעדער אן דען מארגען,
זאל דאך מיין הערץ אן גאטעס מאכט
פערצווייפלען ניכט נאר זארגען.
ער איז אליין דער גוטער הירט,
דער ישראל ערלייזען ווירד,
אויף זיינען נויטען אללען".

די ווייבער האבען זיך אויפמערקזאם צו־געהערט און ווען זיי האבען צולעצט דאס ווארט ישראל געהערט, האבען זיי אלע פריילאך אויס־גערופען: „אויב אזוי איז דאס א גוטע געבעט".
געבראכט לויט דער לאטיינישער טראנסקריפציע.

י. י. שודט, וועמעס בילד איך ברייננ דא— באריהמטער קריסטליכער אריענטאליסט, געבא־רען אין 1664 אין פראנקפורט אויפ'ן מיין, דאר־טען געשטארבען אין 1722. מיט זיין זאמלען די „יודישע מערקווירדיגקייטען" האט ער פיעל ביינעשטייערט צו דעם גרויסען אוצר פון דער אידישער געשיכטע. ביבל. י. י. שודט, „יודישע מערקווירדיגקייטען", (ארויסגעגעבען אין 1715) באנד 1—3, בוך 6, קאפ. 26, ז. 9. וועגען שודט: יוד. רוס. ענצ. 16, 135; יוד. ענג. ענצ. 112.

געבעט פון א געווינערין.

אויף מיין רעכטען פוס טרעט איך.
גאט דען העררן בעט איך.
דאס ער ענטבינד,
מוטער אונד קינד. —
געבארען זאל עס ווערען
צו גאטעס עהרען.

אויף דעם בערג כרמל
שטעהט איין הינדין אונד שרייהט,
זא קומט איין ענגעל פום הימעל
אונד שפריכט: „ווארום שרייהסטו
זא?"
— איך בין איין געווינערין,
איך בין איין געבאהרערין.
— גאט וויררד דיר אונד אלען
בענשען העלפען.

ישׂשכר בערמאַן.

ישׂשכר בערמאַן פון לימבורג — מחבר פון דעם פורים־שפּיעל „מכירת יוסף“ און אָרגאַניזאַטאָר פון אידישען פאָלקסטעאַטער אין דייטשלאַנד. געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 17טען יאָרהונדערט אין פרידבערג. אין 1708 האָט ער אין פראַנקפורט אויפ'ן מיין איינגעאָרדענט אידישע פאָרשטעלונגען, וואו עס איז אויך אויפגעפיהרט געוואָרען זיין „מכירת יוסף“, פון וועלכען דער פאָלגענדער אויסצוג איז אַרויסגענומען. (עס געפינט זיך אין י. י. שודט'ס „יודישע מערקווירדיגקייטען“ באַנד 1—3, נום. 10, 226.) דאָס דאָזיגע טעאַטער־שטיק איז געווען זעהר פּאָפּולער און איז געשפּיעלט געוואָרען ביז אין דער צווייטער העלפט פון 19טען יאָרהונדערט.
ביבל. יוד. רוס. ענצ. 4, 282; ז. רייזען, „לעקסיקאָן“; נח פּרילוצקי, אין „טעאַטער־וועלט“, 1909, 6—7.

מכירת יוסף.

פּאַסטוך - ליעד.

חאַטש דען ניכט איין שעפּר גוט
ער ליגט אויף דיא ווײַדן אונ' רואט
זיין שאָף אונ' זיין ווידר
לאָזט ער ווײַדן אויף אונ' נידר
ווען זיא האָבן אויז גיוויייד
זאָ פאַרט ער נאָך הויז אין לויטר פרייד.

ער קאָן זיך שון רייכליך יער נערן
ווען ער אַלי יאָר זיין שאָף טוט שערן
שערט ער זיא ניט קאָל
האָט ערש אים יאָר צווייא מאָל
מן פינד ווייניג דיזר האַנדלשאַפּט אירש גלייכן
דיא איר הערן מאַכן זאָ רייכן

צום איבר פלוס האָט איינר איין גליק
פאַנגט אַן צו פאַסלן איין יעדר שטיק
דער מיט איין גאַנצי קלייני הערד
און איבר ווינדליך גרוש ווערט
מוז דאָש ניט איין נוט האַנד ווערק זיין
ער בירייכט זיינם הערן אינש גימיין.

ישׂשכר בערמאַן

יוספֿ׳ס קלאָג-ליעד אויף רחל׳ס קבר.

הערץ אליר ליבשטי מוטר וועלכי מיך אונטר אירם הערצן האָט ניטראָגן
מיין נאָטפאַל מוז איך דיר קלאָגן
וויא מירש ליידר זאָ איבל גיט אין אלן זאַכן
ווערטישטי מוטר איך בית דוא זאָלשט אנטוואַכן

אנטוואַך אונ׳ זיך אוב דוא עש קאָנשט ביפינדן פאַר רעכט
אַלש מיך מיין און ערבערמליכי ברידר האָבן פאַר קויפט פאַר איין קנעכט
איך בית דוא זאָלשט פון דיינם שלאָף אנטוואַכן
אונ׳ אָן מייני מערדרליכי ברידר זוכן ראַכן

צו דעם בעט איך דיך ניט מיינר וועגן אליין
זונדרן מיינן פאָטר צו טרישטן פון זיינר שמערצן אונ׳ פיין
וועלכי ער מיינט וועגן ווערט ליידן
פון זולכן אָב צו האַלטן אונ׳ פר מיידן.

רחל פון קבר.

ליבר זון דייני קלאָגליכי וואָרט זיינן מיר צו אורן גאַנגן
דורך דר העכשטי און מוט האָב איך זיא אנטפאַנגן
דייני טרענן האָבן מיך אנטוועקט אויז מיינם שלאָף
אָך אונ׳ וויא זאָל איך זעהן דיך האַלטן אַלז איין שקלאַף.

יעדאָך בית איך דיך מיין קינד דוא זאָלשט ניט פר צאָגן
אונ׳ דיר אלי מלאנקאַלייא אויז דיינם זינן שלאָגן
איך וויל אויז מיינר גרוב אויף שטין אונ׳ פאַר גאָט דען אַלמעכטיגן טרעטן
אונ׳ אין דיינט וועגן ביטן.

אלש ער דיך זאָל היטן אין אלין שטיקן
אונ׳ דאָש דוא אין אלין ווערקן מעכשט ביגליקן
דרום אויך מיין קינד מיין ליבשטר זון יוסף זייא ניטרישט אונ׳ וואָל גימוט
דען וואָש גאָט איינם צו שיקט מוז מן אָן נעמן פר גוט.

יעקב׳ס קלאָג-ליעד.

מיין זון יוסף מיין ליבשטר זון
וואָז ווערדי איך פר גרוש לייד אָן פאָנגן נון
איך בין אורזאַכר אן דיינם טאָט
איך האָבי דיך גיבראַכט אין דיזר נאָט.

אך מיין זון יוסף פיל ליבר ווער איך גישטארבן
און׳ דיר דיין יונגש לעבן ערווארבן
וואז האב איך בייא דיינם לעבן גיהאט פאר פר גניגן
אבר נאך אב שטערבן דיינר ווערט איך קיינר קריגן.

שטיא אויף וואו דוא ליגשט און׳ קום צו מיר
און׳ זיך מייני שמערצן וועלכי איך טראג איבר דיר
קום און׳ ציל דיא טרענן וועלכי אויף מייני באקן הענגן
און׳ טוא זיא פר דען הימלישן פאטר ברענגן.



דיכטער אונבאקאנט.

„די בישרייבונג פון גזירות ק״ק פוזנא״, איז צוערשט געדרוקט געווען אין א בוך צוזאמען מיט אן אידישער איבערזעצונג פון תרגום שני אין בערלין 1717. שפעטער איז עס איבערגעדרוקט געווארען אין דער האלענדיש־אידישער וואכען־שריפט „איזראעליטישע לעטטער־באדע“ אין אמסטערדאם, פון וואנען עס ווערט דא געבראכט, אויסלאזענדיג איינינע אונפאר־שטענדליכע פערזען. ווי עס שיינט האט דאס ליעד אויך אין איהר ערשטער אויסגאבע ניט געהאט קיין אויטאר. ביבל. „לעטטערבארע“ 11, 166.

גזירות ק״ק פוזנא.

מיר האבין גימיינט מיר זיינן פויגיל פרייא
עז זיינן יהודים ווידר אוים דעם מקום גיגאנגין.
ערשט האט מן זיא ווידר טאן אויף פאנגין:
אריין האבין זיא בפעלין טאן.
עז זאל זיך קיין יהודא ווייזין אונ׳ קומין צו גאן.
דען זיא קענין קיין יהודי פר זיך זעהן:
זיא זאגן זיא קומין נאר אויש שפעהין:

וואש האבין מיר זיך דא גיזעלט גידענקין.
וואול גאוו וושט (געוואוסט) זיא ווערין אונש דאש ניט שענקין:
אבר מיר הובין גמיינט זיא ווערן נעמן אונזר הוב אונ גוט:
מיר האבין אבר ניט גיטראכט זי ווערן נעמן אונזיר בלוט:

האלופי ראשי קציני קהילה האבן פר דיא ענים ואביונים טון זארגין.
אונ פעולות גיטאן דז איין שררה האט זיא הונדרט שעפיל קארין טאן בארגין:
איז דאז פאלק נאהינט אן מקום גיקומין,
אונ׳ האבין דיא מילן אוועק גינומין:

וויא ביטר איז גיוואזין אונזיר לעבין.
מיר האבן ניט גיהאט איין קינד איין שטיקל ברויט צו געבן.
וויא זיינין מיר אין צרות גיזעסין.
איינר הוט דעם אנדרן שיר לעבדיגר הייט אויף גינעשין:

אויך האבין מיר נישט גיהאט צו טרינקן
צייטן (סיידען) וושר וואש דא האבין טון שטינקין.
דען דאז פאלק האבין אוועק גיטראגין:

זיינין דער נאָך אנדרי גיקומין
מן זאָל ווייזין וויא גנעלט איז פר גראבין.
איינר דען אנדרן האָבין זיך ביגעבין אין דיא טיר
צו שרייבן אלש ווער צו וויניג אָל דאָז פּפּיר :

האָבין גיזאָגט צום ערשטן ווילן מיר נעמן אייער געלט :
דער נאָך מיזט איר קומין פון דיא וועלט
ווערט דען אראָפּ קומן פון הימל אייער גאָט,
מיר ווילן אייך מאכין צו שאנדין אונ׳ צו שפּאָט :

...איין גזירה איז דאש גיוועזין
דז איין פאטר האָט נישט גיוואושט פון זיין קינד.
אונ׳ אז דאָז קינד האָט גזעהן
מן וויל זיין פאָטר אונ׳ מוטר הרג׳ין
איז עז אַוועק גלאָפּין גשווינד.
אונ׳ האָבין זיך אין לערכער טון פר שטעקין.
מיט שטרויא הובין זיא זיך טון צו דעקין :

וויא האָט דאָז קענן גאָט צו זעהן.
זינד טיטוס רשע איז דאָש ניט גישעהין :
זיא האָבין גישפּראָכין וואו איז אייער גאָט ?
לאָז ער זיך אן נעמין אז איר קומט צו שפּאָט.

ווען מיר וועלטין דעם חילול השם שרייבין פון דיא שול.
מעכטין זיין גאנצי ביכר פול.
ווילן מיר דערפון פר מיידן.
איין טייל וואש זיא האָבין פון דיא כלי קודש גינומין ווילן מיר בשיידן:

עם זיינין גיוועזין קרוינין אונ׳ בלעך אונ׳ פּרכת׳ן פין פר צייטין הער :
וואָש דאָ האָט מקדיש גיוועזין דער רייכיר ר׳ הירש אונ׳ דער רייכיר ר׳ בער
אויך מיין פעטיר ר׳ ישעי פלאָצקער אונ׳ די אַנדרי מיכטנים.
דאָס איז גיוועזין פון כמה שנים :

אויך הקצין ר׳ בעריל האָט גיגעבין איין פּרוכת אין שול.
עז איז רייך גיוועזין אין זילבר אונ׳ גאָלד גאר פול.
וויא פיל טויזינט גילדן הוט עס אן גיטראָפּן,
זיא זיינין דער מיט אין קלוסטר אריין גילאָפּין:

אונ׳ גשפּראָכין יודן פר פייאר זאָלט איר אייך היינט היטן:
וואשיר זאָלט איר אייך לאָזין טראָגין אויף די דעכיר
איר ווערט בקומן פייאר דאָז איר ווערט אייך פר שטעקין אין דיא לעכיר :

איבר דיא יהודים איז ליידר וואָרן אן געבן איין מסירה
וויא זיא ברעננן אויף דער שאַנץ קוגלין אונט פולוויר צו נו פירן

גזרות ק"ק פוזנא

דרום האבין זיא גילאזט אויש רופין מיט פוקין אונ' טרומיטן
דיא וואש דאש מקום ווערן איין נעהן זאלין דיא יורן טיטן:

דרייא טאג האט זיא געבן צייט זיא זאלן זיין אן גבריית
דען זיא ווילן זיך איר לעבן אין שטארים וואגין
דו וואש ווערין פון זיא איבר בלייבין
זאלין די פול מאכט איבר דיא יהודים האבין.

זיא האבין גיטאן אויף ביטן
אל דיא פויארין פון דיא דערפיר:
זיא זאלין זיך איר העק וואל אן שארפין
זיא זאלין זיך דאן דיא יהודים נוקם ונוטר זיין.
צו פר טילגן גרוש אונט קליין.

דען פירדן טאג אין חודש אב בייא נאכט
האט הקב"ה אונזיר זינד גידאכט.
דיא טורין פון דיא תפילה האט ער גיטאן צו שליסן.
אויך פון דיא טרערין וואש מיר האבין גיטאן פר גישן.

אוי נא לנו כי חטאנו, וויא האבין מיר זיך גיטאן אל חורבן...



אברהם משה לאץ.

אברהם משה בן דוד לאץ — מחבר פון „איין שריפה ליד מפראג", האט געלעבט צווישן 17טען און 18טען יארהונדערט. דאס שריפה־ליעד פון וועלכער איך ברייננ נאר אייניגע פערזען איז אין א בעזונדער אויסגאבע געדרוקט געוועז אין פראג 1754, מיט פאלגענדער פאררעדע: „אירה ליבה לייט מאנין אונ' ווייבר אונ' יונגין אונ' מיידין, קומט איר צו לויפין אום איין שריפה ליד מיר אב צו קויפן. דרום קויפט איטליכר א יינש אין הויז ווייל זיא נענין מיר בלד אויז". אן עקזעמפליאר פון דעם דאזיגען ליעד געפינט זיך אין דעם נויארקער אידיש־טעאלאגישען סעמינאר.

איין שריפה ליד מפראג.

הערט מיר צו פון פראג דיא קהלה הקדושה
וויא עז אונז איז גיגאנגין ביום ו' פרשת בחקתי,
אום י"א אור בלילה איז דאש אש ארויז קומין,
דא איז אויף אונז קומין איין פר וואגלונג אונ' איין מהומה.

צו ברענין האט עז אן גיהובין אויף דרייא אדר פיר זייטין,
מן האט ניט גקענט לעשין מן האט ניט גיהאט קיין כלים צו ארבייטין.
דא האט מען גיזעהין אלז גזרה איז מן השמים,
וויא דוחק האבין מיר גיהט אין דען מים.

דיא לייט זייניז צו דער רער קאם גילאפין וואשיר צו הולין,
ווייל קיין וואשיר איז דריניז גיוועזין איז זיא פר ברענט גיווארין אויף קולין.
וויילין מאן האט מוזין וויט נאך וואשיר לויפין,
דער וויילין זייניז דיא הייזר פר ברענט אונ' זייניז גיפלין אויף איינעם הויפין.

דא זייניז מיר גיוועזין ערשט אין העכשטין גיפאר,
מענחה זעניז גילאפין מיט ווייב אונ' קינד אויף דער קליין זייט,
מענחה אויף דער נייא שטאט
מענחה צו דען ווישראדר טאהר.

ד' בתי כנסת זייניז פר ברענט גיווארין
וויא איז אויף אונז אויז גיגאנגין פון גאט איין גרושר צארן,
וויא זייניז פר ברענט גיווארין דאש בגדי קודש אונ' דיא ספר תורת
וויא האבין מיר גיזעהין פר שמאלצין לינן דיא הענג לייכט אונ' דיא מנורת.

פון רב גס איז אונש פון גאט גישענקט גיווארין איין צייל.
דאש פייאר האט מען גיזעהן אויף פיל מייל.

אברהם משה לאַץ

דיא אלט נייא שול איז מיט גאַטש הילף וואַרין גינעזין.
דאַש פייאר איז שון אויף דער פאליסה דאך גיוועזין.

דאָ הערט נאָר צו איין אנדרי זאך
דאָ האָט מען גיפונדין שוועביל אונ׳ פעך אויף שמואל בומסלא זיין דאך.
דוא האָט מען וועלין אהן צינדן דיא איבריגה הייזר ווידר.
דאָ זיינין אונש אויף נייא דער שטארבין אלי אונזרי גלידר.

אל מיין זיננין טוהט ביז דאטאָ גאָר נישט קלעקין.
אלי רגע זיינין אונש צו הענדין גיקומין אנדרי שרעקין.
יהודים האָט מען אויף גיפאנגין פון דער גאסין צו דער הויף ליפליכי קומסיאָן
חושד האָט מען אונש גיוועזין מיר האָבין עש זעלבשטין ח״ו גיטאָהן.

דאָז ליד האָב איך אברהם משה טאָהן מאַכין מיט צו בראַכנין הערצין
יוען איך נידענק אן מייז הויז אונ׳ האָב אונ׳ גוט וויא קאָן איך עז פר שמערצין
ווייליז איך בין אָב גיברענט גיוואָרן דארך דאָש גרושה פייאר.
דרום קויפט איר מיר אָב דאָש ליד דז איך האָב עטוואָש צו שטייאר.

דיכטער אונבאקאנט.

„קינה על גזרות תקכ"ח", אדער ווי דער פולער נאמען איז: „קינה בשפת יהודית־אשכנזית על גזרות תקכ"ח", איז איינע פון יענע היסטארישע מארטירער־דאקומענטען, מיט וועלכע דער אידישער גלות איז לײדער אזוי רייך. דאס קלאג־ליעד איז געשריבען געווארען אין יאהר 1768, דאס יאהר פון דער מורא'דיגער אידען־אויסשלאכטונג דורך די היידאמאקען, און שילדערט מיט בלוטיגע, הארץ־פארגליווערנדע פארבען יענע רציחות און יסורים, וואס זיינען אזוי מורא'דיג בארימהט געווארען אין דער אידישער געשיכטע. ווי דאס פאריגע קינה־ליעד האט אויך דאס פאלגענדע ניט קיין אויטאר. ווי וויט עס איז באוואוסט, האט עס באלאנגט צו דער פעדער פון איינעם, וואס האט די גרויסע געשעהעניש אליין בייגעוואוינט. אין 1893 איז עס אײבערגעזעצט געווארען פון דובנאוו'ן אין רוסיש, און איז געדרוקט געווארען אין „וואסכאד" אגוסט נומ. פון דעם זעלבען יאהר. ביבל. נ. מ. ליטינסקי, „קורות פאדאליא".

קינה על גזרות תקכ"ח.

לויט'ן דאפעלטען א"ב.

אבינו שבשמים, ווי אזוי קענשטו דאש צו זייען,
אוקריינער אידען זאל אזוינע גרוישע צרון גישיין.
בטל מעלינו, די גרוישע גזרה פון די היידאמאקין,
באלטער אידען האט דער רשע סילה גיטאן טרייגקין, בראקין אין האקין
גזרות קשות, אזעלכע ווי איז גיערט גיווארען אין דער וועלט.
גאנטע האט אויך קליינע קינדער ממית געוועזין אין נאך דעם גינעמין געלט.

דם רב, האט זיך ווי רישקים וואסיר אין די גאסין גיגאסין.
דראזניר אידען האבין נאך מעריר פון באלטער גינאסין.
הרג רב, האבין די היידאמאקין אין פיל שטעט גימאכט,
הומאניר אין הייסיניר אידין האבין זיי ביז איינעם אומגיבראכט.
וגם,, אין הויך קליינע קינדער האבין זיי גישטאכין אין פארברענט
וואביר האבין זיי גיבינדען אין לעבעדיק דעם בויך גיטרענט. א.)
זעם, א גריישער צארען איז אויף זאבאטיניר אידין אוישגיגאסין גיווארין,
זעליזניאק ב) האט זיי פריר בארויבט דער נאך אלע פארלוירין.

א.) דעם בויך צושניטען.

ב.) מאקסים זשעלעזניאק איז פריהער געוועזן א רייכער, העלדישער קאזאק. אין דער יוגענד האט ער געדיענט אין שטשיגרינער קלויסטער. שפעטער איז ער געווארען הויבטמאן איבער די זאפאראזשנע קאזאקען. איינמאל איז ער פלוצלונג געקומען מיט א באנדע קאזאקען קיין סמעלא, און האט אויפגעפאדערט אן אונגעהייערע צאהל פויערים צו באוואפנען זיך און צוזאמען מאכען א שחיטה אויף אידען און אויסראטען זיי פונ'ם לאנד. די הויבט שחיטה איז געשעהן אין אומאן. יענע הריגה איז אין דער אידישער געשיכטע באקאנט אלס „די אומאנער שחיטה".

חרון חאטשי אמאל איז הויך אזא גרושער צארין גישייז,
חמילם גזרות האבער א קייגין איצטיקער זיינין גאר נישט גיווייז.
טפינו, האבין די היידאמאקין גיקוילים, זיך גיבווידין אין זייער בלוט,
טולציניר גזרה אקייגין טיטיווער איז א גאר נים.
יה, גאט ווי האסטו דאש ביי זיך גיקענט פוילין,
יעדער איד זאל אליין זיין ווייב און קינדער קוילין. ג)
כלם, האבין זיך אין די שולען פארזאמעלט אין זיך אליין גיטייט.
כלות זייערע חתנים ווייבער זייערע מאניז האבין דערצו גיגייט.
להרוג, האבין די היידאמאקין אין ליסאנקי אין אין טיטויב אנגיאויבין,
לדיזיניר אין ליפוויוצער אידען זיי נאך דעם בייגראבין.
נשים ענו, די וואביר האבין זיי אומיטים צו זנות גינייט,
נאך דעם גיטרענט דעם בויך אין לעבענדיקע קעץ פארנייט. ד)
סררנו, מיר האבין פון דיין גיטען וועג גיקיירט זיי אונז נישט מאשם,
סמעליר סאווראניר אידען זענין אלע אימגיבראכט גיווארין על קידוש השם.
על גזרות ת"ח מאכט מען א תענות בק'סיון אין מען טיט סליחות זאגין.
על גזרות אוקריינה מעג מען וואכ'ן מאכין תעניתים סדרא מער צי קלאגין.
פלגי מים תרד עיני, בויכין טריירין טיען פין מיינע אויגען רינען,
פאהראבישטשער אידען האבין די הייד'אמאקין דער טרינקען אין א ברינען.
צדיק אתה. וואס דו גאט טיסט מיזין מיר אנעמין פאר ליב און רעכט.
צעקיניוווער אידען האט מען גינעמין בשבי אין פארקויפט פאר קנעכט. ה)
קראנו לך בעת צרה. מיר האבין דיך גאט גירופין איינגשאפט פארנעם,
קראסנער, קאסטוטינער אין קאלישער אידען זייגין גיטיט גיווארין על קידוש השם. ו)
רבונו של עולם, הער פין דער וועלט ווי האסטי דאש גיקענט צו זייען,
ראגראדער אידען האבין איינש דאש אנדערע גיקוילים אליין. ז)
שמע צעקתנו, גאט אונזיר גישריי זאלסטי הערין און פארנעמין,

ג.) דאס זעלבע ווערט באשטעטיגט פון ר' אריה ליב עפשטיין — רב אין קעניגסבערג. פארפאסער פון „האגרת", וואס איז געדרוקט אין „ספר הפרדוס". ער שרייבט פאלגענ־דעם: „אין די שטעט טעטיאוב, ליפאוויטש ופאהראבישטש זענען נהרג גיווארין אלפים גדולים יהודים, און אנדערע האבען ממיר דת געווען בעוה"ר, און האבין געמוזט זייער אייגען וואב אין קינדערלאך קוילען פאר די פחזימס אויגען: דאס איז די פרוב (בחינה וניסיון) געווען, אז ער האט רעכט ממיר גיוועזין און דער נאך האט מען דעם זעלביגען ממית געוועזין".

ד.) אזעלכע אכזריות ווי אויפצושניידען בייכער פון פרויען און לעבעדיגע קעץ איינ־נעהען, האבען די היידאמאקען געטאן אין מעהרערע שטעדט.

ה.) פיעל פון די, וואס מען האט ניט גע'הרג'עט האט מען פארקויפט פאר קנעכט.

ו) אין די דאזיגע שטעט האבען די אידען מקדש השם געווען, אויסקלייבענדיג זיך בע־סער דעם טויט, אדער געפייניגט צו ווערען איידער צו שמד'ען זיך.

ז). אין דער דאזיגער שטאט האבען אידען מקדש השם געווען מעהר ווי אין אלע אנ־דערע שטעט. ווען זיי זיינען געוואויר געווארען, אז די היידאמאקען קומען או, האָ־בען זיי זיך אלע פארזאמעלט אין שוהל און האבען איינער דעם צווייטען אויסגע־קוילעט: כלות האבען געהאלפען חתנים און מאמעס זייערע קינדער, געקוילעט צו ווערען.

שאַרעגראַדער דוכס באַרניצקי ח) בענש, ער האָט זיך פאַר אונז
אנגינעמען.
תבוא לפניך כל רעתם, דאָס שלעכין פון די הײדאַמאַקין זאָל קומען פאַרין
הער פון דער וועלט.
תושיע, אין העלפין זאָלסטי אלע וואָס האָבין זיך פאַר אינז גישטעלט.

ח.) דער פוילישער דוכס באַרניצקי, איז געווען זעהר א גוטער מענש און פלעגט שטענ־
דיג אידען טובות טאָן. זיי האָבען שטענדיג אין די שוהלען פאַר זיין געזונד געבע־
טען. ער איז שפּעטער געווען דער פאָרזיצענדער ביים געריכט אין מאָהילעוו־פּאָ־
דאָלסק, וואָס האָט דעם הײדאַמאַקישען אנפיהרער, גאָנטאַ, פאַראורטיילט צום טויט.



דיכטער אונבאקאנט.

דאס דאזיגע ליעד ווערט געבראכט אין נח פרילוצקי'ס „יודישע פאלקסלידער" מיט פאלגענדער ביבליאגראפיע: „מיטטיילונגען", 4. — איבערגעדרוקט פון דר. ה. ב. לעווי'ס קאד. (אמסטערדאמער אויסגאב. 1791) אין וועלכען ס'טראגט דעם נאמען: „דאס איז איין שען נאכט לייען פאר ווייבער און מיידליך, ע זי זיך וועללען שלאפען לעגן".

קריאת-שמע.

איך בעפעל מיין זעל אים גאטס האנד,
דער מיך האט פאן מוטער לייב געזאנד,
דער איז מן העלפר און מיין ביי שטאנד,
זיין הייליגן נאמן איז אים דער גאנצע וועלט גאר וואל בעקאנט.

מיין פאר זיכרונג האב איך אויף דיך, מיין גאט:
לאז מיך ניט ווערען מיין פיינט צו שפאט,
גיב מיר הילף צו האלטען דיין הייליגען געבאט, —
דיין בארמהערציקייט קיין ענד ניט האט.

...בין איך אן בערייט ליגען צו גען, —
דיין הייליגער נאמן זאל שטען ביי מיר שטען,
ער זאל מיך בעהיטען און בעווארן, און עדער מען (?),
לאם מיך האבען אין דיין אויגען חסד און חן.

איך לעג מיך נידער צו ראסט און רו,
אויף דיך, מיין גאט, מיין פאר זיכרונג טו:
דו זאלסט אונז היטען און בעווארן פאר אלען בעזן,
און דו זאלסט אונז באלד אויס אונזרען גלות דערלעזן.

לאס מיך ווידער דער וואכען פריש און געזונד
אז איך דיך קאן לאבען מיט מיינעם מונד,
דאס בית איך דיך אויס הערצען גרונד,
דער הערע מיך, דאך צו דיזער שטונד.

האב איך היינט, דיזם טאג, גיזינדיגט,
איך אוידער איינס פאן מיינעם הויס געזינדי,
זאלסט מיר פאר געבן, ווי מען געשריבן פינד,
אז ווי דו פאר גיבסט איין ערליכס פראמן יידען קינד.

דיין כבוד איז פאָל אין דער גאַנצען וועלט, אים אַלע פיער עקען:
ליבער גאָט, לאָס מיך אין דער פינסטער נאַכט ניט שטעקן,
לאָז מיך קיין בעזע חלומות, נאָך רוחות דער שרעקן.
מיט דיין הייליגן נאָמען לאָס מיך ווידער אויף וועקען.

אוף גאָט, זיין לאָב, איז דאָס ליד וואָרען געמאַכט,
דאָס זאָל ווערן געזונגען היינט, און אַלע נאַכט,
אז דו זאָלסט אונז נעמען אין דיינער אכט.

אמן, אין גאָטס נאָמן, עס זאָל ווערען וואָר
דיין בנין בית המקדש זאָל מיר זעהן מיט אונזרן אויגען קלאָר.
דאָס זאָל במהרה ווערען וואָר.

גוטע מלאכים שיק אונז פאָן הימעל, און פיל גוטע שר׳ען,
די זאָלען אונז ב׳היטן און בעווארן,
פאַר איין בעזן און פאַר שאדן,
דאָס אונז ניקס בעז זאָל ווידער פאַרען אמן סלה.

דיכטער אָונבאַקאַנט.

דאָס ליעד „איין שען נייעס קאַפע ליעד פערפאַסט אויף די טייערונג (יקרות) דעם קאַפעס אין טייטשלאַנד אים יאָהר 1808" פון וואַנען איך ברייננ דאָ נאָר צוויי פערזען (צווייטער און לעצטער), געפינט זיך אין א העפט פון דער „מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעם יודענטומס" (1915), וואו עס ווערט פאַרעפענטליכט פון פּראָפעסאָר דר. מ. בראַן, וואָס האָט עס מיט א קורצער צייט צוריק אויסגעגראָבען. ליידער איז דאָס דערמאַנטע העפט ניט צו באַקומען צוליעב דער מלחמה, און איך באַנוץ מיך דעריבער מיט די צוויי פערזען, וואָס דער „איזראַעליט" פון פראַנקפורט אַם מיין ברייננט פון דאָרט. ווי דער נאָמען פונ'ם ליעד זאָגט, איז עס נעשריבען געוואָרען אין 1808, אויף דעם גרויסען קאַפע־יקרות אין דייטשלאַנד, וואָס איז געקומען דורך דעם, וואָס נאַפּאָלעאָן דער 1טער האָט אָבגעשניטען דעם פאַרקעהר צווישען ענגלאַנד און דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט. דאָס פעהלען פון דעם באַליבטען געטראַנק אין דייטשלאַנד האָט באַוואויגען אַן אונבאַקאַנט־געבליבענעם אידישען דיכטער צו „פאַרפאַסען" א ליעד אויף דער דאָזיגער טהעמא, נאָכמאַכענדיג די פאָרם פון א געוויסער „סליחה", וואָס פלעגט געזאָגט ווערען אין דייטשע קהלות. דאָס ליעד איז זעהר לאַנג און איז געשריבען געוואָרען אין דאַמאָלסטדיגען סטיל: האַלב אידיש־דייטש און האַלב העברעאיש און איז, ווי פּראָפעסאָר מ. בראַן זאָגט, מעהר קולטור־היסטאָריש ווי פּאָעטיש.

איין שען נייעס קאַפע ליעד.

בכה, מיר בדערפן וויינען אונד קלאָגן.
איין בעל הבית זאָל עס דעם אנדערן זאָגן.
וואָס פיר איין מכה האָט אונס געטראָפן
עס ווער בעסער מיר וערן נאָך האָלאנד געלאָפן.
קאָפע איין צו קויפן אויף עטליכע יאָהרן.
טאָג אונד נאכט גערינט אונד געפאָהרן
הן ווי ווערע עס זאָ שעהן
ואן מיר וויעדער ווערדן ביי אונזער ווייבר זיין נושא חן.

תבוא, עס זאָל קומן די גאולה אונד שלום אין די גאנצע וועלט
העלפע ליעבער גאָט, אונזרע מענער צו רעכט פיעל געלד
דאָס מיר קענן וויעדער קאָפע טרינקן אין טאָג דריי מאָל
די שאָלען אָנשענקן אונטן אונד אבן גאנץ פאָל.
אויף עטליכע גראָסע פיינע צוקער היט דערנעבען.
אונס ווייבר נעביך בעקאָמן זאָל דאָס גוטע זיסע לעבן.
הן, דאָס ווערד זיין רעכט שעהן
ווען אלעס די ווייבר איהרען וואונש אונד קאָפף ווערד נאכגעהן.

יוסף הערץ.

יוסף הערץ — מחבר פון דעם פורים־שפיעל „אסתר אדער די בעלאהנטע טוגענד“, פון וואַנען דער פאלגענדער אויסצוג איז גענומען, איז געבארען געווארען ארום דער צווייטער העלפט פון 18טען יארהונדערט. די ערשטע אויסגאבע פון זיין פורים־שפיעל, איז געווען געדרוקט אין פיורדא, אין 1828. אין 1854 איז ארוים א צווייטע, פארגרעסערטע אויפלאגע פון דעם זעלבען ביכעלע, מיט „איינינן נאך ניכט געדרוקטען געדיכטן“. אין זיין פאררעדע צו דער ערשטער אויסגאבע פארענטפערט זיך דער מחבר, אז אנגעשריבען האט ער עס אוים צייטפארטרייב און האט עס נים געדענקט צו דרוקען, ווייל ער האט עס געהאלטען פאר „צו גערינגפיגיג“ „אונד נור דורך דאז דרינגענדע ביטטען מיינער פריינדע מיך ענטשלאס עז דעם דרוקקע איבער געבען“. פאלקס־ליעדער.

פורים-שפיעל.

אסתר.

וויא, אונקעל! איך זעללט אייך פערלאססען?
ווער זאלל אייך דען דיא וואטטשאפט פיהרען?
ווער אייער קאפיה מאכען? דאאז פייער שיהרען?
ווער אייך, קאבען ניהע שטריקקען שטאפפען?
אייער בראדעהויב און קלאאדער אויז קלאפפען?
ווער אייך וועשען, בעהגלע, מאנגע?
אללע פרייטיג נויכמיטטאג רויז לאנגע
אייער שוהלמאנטעל און קראהגען?
און ווער דאז עססען אין איהפעלע טראגען?
א, נא — בייא אייך וויל איך בלייבען
עוויג פרימפעל וועלקערן — און פארבעל — רייבען.

מרדכי.

וואאז זאל איך טוין, ס'איז א גזירה!
איך מוס דיך אבער הינשיקקען. האב קאהן ברירה.
דרום שטיה נאר א ביזלע פריה אויף,
איך גיה זעלבסט לטובה, מיט דיר נויף
זאאג אבער בייא לייב ניט, ווער דו ביסט,
א ייד, אדער א קריסט,
א טאררוק אדער א האאד,
א פרינצעססין, אדער א מאאד.

יוסף הערץ

אסתר.

גיה איך ניט?
גיה איך יוי?
גיה איך מיט?
בלייב איך דוי?
וויא איכ'ס מאך,
זאאג אהנ'ס מיר,
אב דיא זאך,
איך פראביער?
פראביער איכ'ס
און גיה פאטט!
פערליער איכ'ס,
איז פון גאטט!
קען אאך זיין
איך געווינג'ס,
נעממ'ן איין,
און איך בינ'ס.
נו מיינט וויהגעז,
איך גיה פאטט.
דיינען זיעגען
גיב מיר — גאטט! —

בוך
ב
פאלקס:
ליעדער

פאלקסליעדער.

די דאזיגע אבטיילונג פון פאלקסליעדער איז, מיט דער אויסנאמע פון איינינע, אויסגעקליבען געווארען פון די זאמלונגען פון י. ל. כהן, גינזבורג און מארעק און נח פרילוצקי. דאס ערשטע פאלקסליעד איז געפונען געווארען אין מאנוסקריפט, צווישען די שריפטען פון נ. מ. ליטינסקי, נאך זיין טויט. אין די רוסיש־אידישע זאמעלביכער „פערעזשיטאע", וואו דאס ליעד ווערט געבראכט מיט אידישע בוכשטאבען, ווערט געזאגט, אז דאס ליעד איז אן אלטער דאקומענט פון כמעלניצקים צייט (1648) און באציהט זיך אויף דער קאזאצקער שחיטה אויף אידען אין פאדאליער גוב. און אומגעגענד, בעזונדערס אויף דער שוידערליכער שחיטה אין באר, און אז מ. ליטינסקי האט עס אין יאהר 1884 טאקע דארט פארשריבען פון דעם מויל פון דער אידישער באפעלקערונג, וואס זינגט עס נאך עד היום. ביבל. „פערעזשיטאיע", „דאקומענטי אי מאאבשטשעניא", 3, 378.

רעליגיעז-נאציאנאלע ליעדער.

א.

וועד פון אונז, אידישע קינדער,
ווייסט נישט פון דיא היידאמאקען נקמות?
ווער פון אונז איעדער בעזונדער
ווייסט נישט פון דיא היידאמאקען נקמות?

דענסטמאל אין דער ביטערער צייט
שטעהט אין באר קריוונא דער קאזאקען־העלד,
נעבען איהם ליסענקא מיט דיא גוטע לייט,
און א צלם האבען זיי אנידערגעשטעלט.

פער׳חושכ׳ט, מיט צובראכענע גליעדער,
פון א וויסטען גרוב, א פינסטערע נעסט,
פיהרט מען צו אונזערע אונגליקליכע ברידער,
און קריוונא האט זיי מיט דיא דבורים געטרייסט:

„כ׳האב שוין געשמועסט מיט אייערע ראשים און גבירים,
רופט ער זיך אן און טהוט דערביי א לאך,
אצינדערט זאג איך אייך מיינע לעצטע דבורים
פאר מיינע לייט און פאר אייך:

געווגג האט איהר און אייער ווייב און קינד
געליטען פיעל צרות, הונגער, דארשט און קעלט, —

בוקט זיך צום צלם און זייט נישט בלינד,
וועט איהר לעבען גליקליך אויף דער וועלט!"

„שטום דו, רשע, און רעד נישט מעהר א וואָרט!
האָבען אַלע יודען געענטפֿערט אזוי,
טויט אונז בעסער דאָ אויפֿ'ן אָרט,
אָבער בייטען אונזער אמונה — לאָ, לאָ!

אונזער אמונה שיינט וויא דיא זונן,
ס'וועט דיר, רשע, גאָר נישט געראָטען,
קיין אנדער אמונה נעהמען מיר נישט אין זינן,
מעגסט אונז האַקען און ברענען און בראָטען!"

באַלד האָט מען געזעהען א שרעקליך בילד,
אויף קידוש השם זיינען זיי אלע געשטאָרבען.
דאָס אָרט איז געבליבען פּוסט און ווילד,
פֿול מיט ביינער פֿון'ם יודישען קרבן.

ב.

גאָט פֿין אברהם, פֿין יצחק אין יעקב,
באַהיט דאָן ליב פֿאָלק ישראל אין דאָנים לויב!
דער ליבאַ ארציקאַ שבת גייט־אַוועק, —
אַז די ליבע וואָך זאָל אינז קימען —
צי געזינט, אין צים לעבן, אין צי מזל,
אין צי ברכה, אין צי א גיטע פּרנסה,
אין צי שלום, אין צי גיטע בשורות־טובות,
צי אלעם גיטן געוועזן, (געוויין)
אמן, ואמן,
מלך המשיח בן דוד!

גאָט איז איבאַ אינדז אלע,
צי דיאַר טיען מיאַר האָפֿן,
זאָסט אינדזאָרע תּפֿלות דאַהערן,
זאָסט אינז פֿיל גיץ באַשערן, —
זאָסט אינז באַשערן,
מיאַר זאָלן זאָך קענען ערנערן
פֿין דאָן כשר'ע מילדע האַנט
אמן ואמן, מלך המשיח בן דוד!

נעמט השם־יתברך דעים גילדענעם באַכאַ אין זאָן ראַכטאַ האַנט,
אין עיאַר מאַכט די ברכה איבערן גאַנצן לאַנד, —
זאָגן כל־ישראל: „אמן, אמן!"
דעיאַר אמן זאָל אינדז, ליבאַ גאָט, וואויל אָסגיין!
אמן, אמן — זאָל אינדז ווערן וואָער:
אַז די גאולה זאָל קימען דאָס האַנטיקע יאָער.
אמן ואמן, מלך המשיח בן דוד!

ג.

אין מיטען וועג שטעהט א בוים,
שטעהט ער איינגעבויגען:
פאָהרט א יוד קיין ארץ־ישראל
מיט פערוויינטע אויגען.

גאָט, גאָט, ליעבער גאָט!
לאָמיר דאַוונען מנחה, —
אז מיר׳ן קומען קיין ארץ־ישראל
וועט זיין א גרויסע שמחה!

ד.

שנירעלע, פערעלע, גילדערנע פאָהן,
משיח בן דוד זיצט אויבען־אָן,
אין גאָלד און אין זילבער אנגעטאָן.
האלט ער א בעכער אין דער רעכ־
טער האנד,
מאכט ער א ברכה איבער גאָר
דעם לאנד.
אמן, ואמן, דאס איז וואהר:

משיח וועט קומען היינטיגען יאָהר,
וועט ער קומען צו רייטען,
וועלען מיר האָבען גוטע צייטען;
וועט ער קומען צו פאָהרען,
וועלען מיר האָבען גוטע יאָהרען;
וועט ער קומען צו געהן,
וועלען אלע מתים אויפשטעהן.

ה.

אי, רבינו, טיראַם טיראַם־טאַם, רבינו!
וואס וועלען מיר עסען אויף דער סעודה, אי!
וואס וועלען מיר עסען אויף דער סעודה?
„שור הבר מיט׳ן לויתן, שור הבר מיט׳ן לויתן!
שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען אויף דער סעודה, אי!“

אי, רבינו, טיראַם טיראַם־טאַם, רבינו!
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען,
וואס־זשע וועלען מיר טרינקען אויף דער סעודה, אי!
וואס וועלען מיר טרינקען אויף דער סעודה?
„יין המשומר, יין המשומר!
יין המשומר וועלען מיר אויך טרינקען,
שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!“

אי, רבינו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
יין המשומר וועלען מיר אויך טרינקען,
ווער־זשע וועט אונז שפיעלען אויף דער סעודה, אי!
ווער וועט אונז שפיעלען אויף דער סעודה?
„דוד המלך וועט אונז שפיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!“

אי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
דוד המלך וועט אונז אויף שפּיעלען,
ווער־זשע וועט אונז זינגען אויף דער סעודה, אי!
ווער וועט אונז זינגען אויף דער סעודה?
„שלמה המלך, שלמה המלך!
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!"

אי, רבינו, טיראַם טיראַם־טאַם, רבינו!
שלמה המלך וועט אונז אויף זינגען,
ווער־זשע וועט טאַנצען אויף דער סעודה, אי!
ווער וועט טאַנצען אויף דער סעודה?
„מרים הנביאה, מרים הנביאה!
מרים הנביאה וועט טאַנצען,
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען.
אויף דער סעודה, אי!"

אי, רבינו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
מרים הנביאה וועט טאַנצען,
ווער־זשע וועט אונז תורה זאָגען אויף דער סעודה, אי!
ווער וועט אונז תורה זאָגען?
„משה רבינו משה רבינו!
משה רבינו וועט תורה זאָגען
מרים הנביאה וועט טאַנצען,
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!"

אי, רביניו, טיראַם טיראַם־טאַם, רביניו!
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
ווער־זשע וועט אונז בענטשען אויף דער סעודה, אי!
ווער וועט אונז בענטשען אויף דער סעודה?
„אהרן הכהן, אהרן הכהן!
אהרן הכהן וועט אונז בענטשען,

משה רבינו וועט אונז תורה זאגען,
מרים הנביאה וועט טאנצען,
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!"

אי, רביניו, טיראם טיראם־טאם, רביניו!
אהרן הכהן וועט אונז אויך בענטשען
וואו־זשע וועלען מיר זיצען אויף דער סעודה, אי!
וואו וועלען מיר זיצען אויף דער סעודה?
„בגן עדן גינתא, בגן עדן גינתא!
בגן עדן גינתא וועלען מיר זיצען,
אהרן הכהן וועט אונז בענטשען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאגען,
מרים הנביא וועט טאנצען,
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!"

אי, רביניו, טיראם טיראם־טאם, רביניו!
ווער־זשע וועט דארט זיין אויף דער סעודה, אי!
ווער וועט זיין אויף דער סעודה?
„הקדוש ברוך הוא בכבודו, הקדוש ברוך הוא בכבודו!
גאט אליין מיט זיין כבוד וועט דארט זיין,
אין גן עדן וועלען מיר זיצען,
אהרן הכהן וועט אונז בענטשען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאגען,
מרים הנביאה וועט טאנצען,
דוד המלך וועט אונז שפּיעלען,
שלמה המלך וועט אונז זינגען,
יין המשומר וועלען מיר טרינקען,
שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען,
אויף דער סעודה, אי!"

ז.

— נבאי!
— וואס וויל דער רבי?

— דער רבי וויל, מ׳זאָל דערלאַנגען די חלות ?
— נאָך וואָס טויג די חלות ?
— צו שנאַדן מוציא׳ס לכבוד שבת.
אַך, עונג לשבת, בעם־בעם־בעם־ביי,
אַך, עונג ליום טוב, חאַ־חאַ־חאַ־חאַ !

— גבאי !
— וואָס וויל דער רבי ?
— דער רבי וויל, מ׳זאָל דערלאַנגען די פיש.
— נאָך וואָס טויג די פיש ?
— אַרימטיילן די חסידימלעך, וואָס זיצן ביי׳ן טיש.
אַך, עונג לשבת, בעם־בעם־בעם־ביי,
אַך, עונג ליום טוב, חאַ־חאַ־חאַ־חאַ !

— גבאי !
— וואָס וויל דער רבי ?
— דער רבי וויל, מ׳זאָל דערלאַנגען דעם קיגעל.
— נאָך וואָס טויג די קיגעל ?
— אַרימטיילן די חסידימלעך, וואָס זיצן ווי אַנ׳עיגול.
אַך, עונג לשבת, בעם־בעם־בעם־ביי,
אַך, עונג ליום טוב, חאַ־חאַ־חאַ־חאַ !

וויעג־לידער.

א.

אונטער יאַנקעלעס וויעגעלע,
שטעהט א קלאָהר־וויים ציגעלע,
ציגעלע געפאָהרען האַנדלען,
קויפען ראַזינקעס מיט מאַנדלען,
ראַזינקעס מיט מאַנדלען איז דאָך גוט,

ס׳איז די בעסטע סחורה,
יאַנקעלע וועט לערנען תורה,
בריוולעך וועט ער שרייבען
און אַז עהרליכער יודעלע
וועט ער אויף תמיד פערבלייבען.

ב.

אַמאָל איז געווען א מעשה,
די מעשה איז גאָר ניט פרעהליך :
די מעשה הויבט זיך אַנ׳עט
מיט א יודישען מלך.
ליולינקע, מיין פיינעלע,
ליולינקע, מיין קינד !

כ'האָב אָנגעוואָהרען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

אמאָל איז געווען א מלך,
דער מלך האָט געהאַט א מלכה,
די מלכה האָט געהאַט א וויינגאָרטען. —
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האָב אָנגעוואָהרען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

דער וויינגאָרטען האָט געהאַט א בוים,
דער בוים האָט געהאַט א צווייג,
דער צווייג האָט געהאַט א נעסטעלע, —
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האָב אָנגעוואָהרען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

דאָס נעסט האָט געהאַט א פייגעלע,
דאָס פייגעלע האָט געהאַט א פליגעלע,
דאָס פליגעלע האָט געהאַט א פעדערל, —
ליולינקע, מיין קינד!
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האָב אָנגעוואָהרען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

דער מלך איז אָבגעשטאָרבען,
די מלכה — געוואָרען פערדאָרבען,
דער צווייג איז אָבגעבראָכען,
דאָס פייגעלע אַנטלאָפען...
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האָב אָנגעוואָהרען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

וואו נעהמט מען אזא לייטער
זאָל האַלטען טויזענד איילען?
וואו נעהמט מען אזא דאָקטאָר

זאָל קענען מיין וועהטאַג היילען.
ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האב אַנגעוואָהרען אזא ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד.!

קינדער-ליעד.

אויפ'ן הויכען בארג,
אויפ'ן גרינעם גראַז,
שטעהען א פּאָר טייטשען
מיט די לאַנגע בייטשען:
הויכע מענער זענען זיי,
קורצע קליידער טראָגען זיי,
פּיינען אין די טאַשען,
מעד אין די פלאַשען,
ביער אין די קריגעליך,
קינדער אין די וויעגעליך,
זיי שרייען ווי די ציעגעליך.
קומט חיים דער בלינדער

מיט די צוועלף קינדער;
קומט משה פלעכטער,
מאַכט אַן א געלעכטער;
אוי, חא־חא־חא, אוי, חי־חי־חי!
קומט דער טאַטע פון ניט הי,
ער ברענגט מילך פון די קיה,
ווער וועט טרינקען? איך און ער
שוויגער און שווער,
אברהם דער הויכער,
יודעל דער סוחר.
פידעל די קאַץ, פידעל די מויז, —
די מעשה איז אויס!

שפּיעל-ליעד.

טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאַנג?
קומט א שעהנער פויגעל
און מאַכט א שעהן געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען:
אין דריי יאָהר ארום
דרעהט זיך שרה ארום!

שרה האָט זיך ארומגעדרעהט,
חוה האָט זיך דעם קאָפּ פארדרעהט!
טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאַנג?
קומט א שעהנער פויגעל
און מאַכט א שעהן געזאַנג.

האָט געזונגען, האָט געזונגען:
אין דריי יאָהר ארום
דרעהט זיך חנה ארום!

חנה האָט זיך ארומגעדרעהט,
ביילע האָט זיך דעם קאָפּ פאַר־
דרעהט.
טרעטי, טרעטי, טרעטי,
וואָס די טרעטי זאַנג?
קומט א שעהנער פויגעל
און מאַכט א שעהן געזאַנג.
האָט געזונגען, האָט געזונגען:
אין דריי יאָהר ארום
דרעהט זיך יענטע ארום!

ליעבע-ליעדער.

א.

קליפ־קלאפ אין גאלדען טיר:
— מיין זיס לעבען, עפען מיר!
— קלאפען, קלאפען זאלסטו ניט,
עפענען וועל איך דיר אודאי ניט!
— א רעגען געהט, א ווינד שפרייט,
וואו זאל איך הינטאן מיין זיידען קלייד?
— קעהר עס אום אויף דער לינקער זייט
און לעג זיך שלאפען אויפ׳ן גרינעם גראז!
— מיט וואס וועל איך זיך צודעקען
און ווער וועט מיך דאך אויפוועקען?
דאס בלאט פון בוים וועט דיך צודעקען,
דער שטראהל פון זון וועט דיך אויפוועקען!

ב.

פאפיר איז דאך וויים און טינט איז דאך שווארץ,
צו דיר מיין זיס־לעבען ציהט דאך מיין הארץ!
כ׳וואלט שטענדיג געזעסען דריי טאג נאכאנאנד,
צו קושען דיין שעהן פנים און צו האלטען דיין האנד.

אי דאמאלס וואלט איך געוואוסט פון א וועלט,
כ׳וואלט שטענדיג געארבייט, געאקערט אין פעלד:
מיט פיעל פארגעניגען וואלט איך מיט דיר פארבראכט,
כ׳וואלט געזעסען מיט דיר ביי טאג און ביי נאכט.

נעכטען ביי נאכט בין איך אויף א חתונה געוועו:
פיעל שעהנע מיידלאך האב איך דארט געזעהן;
פיעל שעהנע מיידלאך, צו דיר קומט נישט גאר,
צו דיינע שווארצע אייגעלעך, צו דיינע שווארצע האר!

דיין טאליע, דיין מינע, דיין איידעלע פאסאן,
אין הארצען ברענט א פייער מען זעהט עס נישט אן!
נישטא אזא מענש, וואס זאל פיהלען ווי עס ברענט:
דער טויט און דאס לעבען איז ביי גאט אין די הענד.

אך דו ליעבער גאט, ווארף מיך נישט אראפ,
גלייך מיר ניט צו קיין בוימעלע און נישט צו קיין סלופ!
דאס בוימעלע אז עס בליהט איז דאך זעהר שעהן,
ווי העלפט מיר שוין גאט מיט איהר צו דער חופה געהן!

אך דו ליעבער גאָט, הער אויס מיין פערלאַנג:
דעם עושר גיסטו כבוד מיט א שעהנעם גאַנג:
מיר גיב א שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם,
אז איך מיט מיין זיס־לעבען זאָלען וואוינען דרינען.

ג.

אי די כח'עלעך געהען מיר אויס!
איך קען זיי שוין מעהר נישט דערשפּירען:
דעם צעהנטען מיידעלע וועל איך פארזאַגען,
זי זאָל שוין קיין ליעבע נישט פיהרען.

וועלכעס מיידעלע ס'פיהרט א ליעבע,
ווערט זי דאָך אַן די פארבען:
און אז די ליעבע פיהרט זיך נישט אויס,
קען זי נאָך יונגערהייד שטארבען.

„שטארב ניש', שטארב ניש', מיין טייער לעבען!
אונזער ליעבע וועט קומען צו א צוועק.
מיינע קאָלעגעס האָב'ן מיך אנגערעדט,
אז איך זאָל פון דיר אוועק".

דו פאָהרסט, דו רייזט פון מיר אוועק,
ביי וועמען וועל איך דאָ בלייבען?
אז דו וועסט בשלום אויפ'ן אָרט קומען,
א בריוועלע זאָלסטו מיר שרייבען!

וועסטו נישט קענען קיין בריוועלע שרייבען,
זאָלסט מיר חאָטש לאָזען גריסען.
קום אהער, מיין טייער לעבען,
לאָמיר זיךביידע צוקושען!"

אך, וואס טויג מיר די פאלשע ליעבע,
וואס טויג מיר דאָס פאלשע קישען?
דו מיינסט נאָר מיר דעם קאָפּ צו פארדרייען
און ווייטער ווילסטו ניש' וויסען.

ד.

ווען איך וואָלט געוועזען א פויגעלע אין וואַלד,
וואָלט איך צו דיר געפליגען.
אוי, ווען איך דערמאָהן זיך אַן דיר מיין זיס־לעבען,
טריקענען ניט אין מיר מיינע אויגען.

ווען איך וואָלט געווען אַ פישעלע אין טייך,
וואָלט איך צו דיר געשוואומען.
אוי, ווען איך דערמאָהן זיך אַז דיר מיין זיס־לעבען,
קען איך צו זיך ניט קומען.

אַלע שבתים און אַלע יום־טובים,
זיץ איך מיר איינער אליין.
אוי, אַז איך דערמאָהן זיך אַז דיר מיין זיס־לעבען,
זיץ איך און טרויער און וויין.

ח.

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טון אין אַזאַ וויייטען וועג?
וואָס וועסטו טון אין אַזאַ וויייטען וועג?

איך וועל געהן אין אַלע גאַסען
און וועל שרייען: „וועש צום וואַשען!"
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
וואו וועסטו וואַשען אין אַזאַ וויייטען וועג?
וואו וועסטו וואַשען אין אַזאַ וויייטען וועג?

דו מוזט מיינען, אַז איך בין שוואַך,
איך קען וואַשען וועש ביים טייך!
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
אויף וואָס וועסטו טריקענען אין אַזאַ וויייטען וועג?
אויף וואָס וועסטו טריקענען אין אַזאַ וויייטען וועג?

כ'וועל פאַרקויפען מיין מונדיר
און וועל מיר קויפען אַ לאַנגע שנור,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
וואס וועסטו עסען אין אזא וייטען וועג?
וואס וועסטו עסען אין אזא וייטען וועג?

ברויט מיט זאלץ וועל איך עסען,
טאטע־מאמע וועל איך פארגעסען,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין!

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
אויף וואס וועסטו שלאָפען אין אזא וייטען וועג?
אויף וואס וועסטו שלאָפען אין אזא וייטען וועג?

איך בין נאך א יונגע פרוי,
איך קען שלאָפען אויף א בינטעל שטרוי,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין!

הער נאַר, דו שעהן מיידעלע,
הער נאַר, דו פיין מיידעלע,
מיט וואס וועסטו זיך צודעקען אין אזא וייטען וועג?
מיט וואס וועסטו זיך צודעקען אין אזא וייטען וועג?

דער טהוי פון הימעל וועט מיך צודעקען,
די פייגעלעך וועלען מיך אויפוועקען,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאמען זיין!

ז.

„צי האָסטו נישט דיין עסען,
צי האָסטו נישט דיין טרינקען,
צי האָסטו נישט דיין שעהנעם גאנג?
זאג־זשע מיר, פויגעלע, נאך וועמען טוסטו בענקען,
נאך וועמען טוט דיר אזוי ביטער באנג?“

באנג טוט מיר נאך מיין טייער לעבען,
נאך א יינגעלע מיט שווארצע האאר,
א פייער אין מיין הארץ, א פייער אין מיין הארץ,
א פייער אויף אייביגע יאהר!

דו האָסט מיר דאָך צוגעזאָגט בריוועלעך צו שרייבן.
די בריוועלעך האָבן מיך פאַרדאַרבן.
זאָג־זשע מיר, ליובע, צי ביזטו נאָך ערגעץ דאָ,
צי ביזטו שוין גאָר געשטאָרבן?

צי ביזטו געשטאָרבן, מיין טייער, זיס־לעבן?
צי ביזטו נאָך ערגעץ דאָ?
גאָט זאָל דיר שיינקען אַ גליקליכען לעבן
און מיר אַ גליקליכע שעה.

אַי, מיינע חבר'טעס אַלע
האָבן נישט געשפּיעלט אַזאַ ראָלע:
דריי יאָהר האָב איך אַ ליבע געשפּיעלט
און צום סוף נעמסטו אַן אַנדערע כּלה.

מיין שעהנער, מיין טייערער קורטעזאַנט!
ווי אַזוי וועל איך עס קענען איבערשטעהן,
אַז דו וועסט פיהרען דיין כּלה ביי דער האַנד
און איך וועל פון דערווייטענס שטעהן?

עס זאָל זיך אויפהויבען אַ ווינד,
עס זאָל דיך פאַרוועהען צו מיר:
איך זאָל נאָך איינמאָל זעהן דיין בילד
און נאָך איינמאָל ריידען מיט דיר.

דו האָסט מיר געמאַכט אַ קליידעל ליובע,
דאָס קליידעל איז געווען הימעל־בלאָ:
וואָס טויג מיר דיין בילד, וואָס ליגט ביי מיר אין קאַסטען,
אַז אַליין ביזטו נישטאָ.

ז.

איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט מיר זיכער גלויבען,
כ'קען אָהן דיר נישט לעבען איין מינוט!
דו ביזט ביי מיר טייערער ווי מיין לעבען,
אַי, נעמען, דושעניו, קען איך דיך ניט.

אַי, וואַש דיר אָפּ דיינע צוויי ווייסע הענד,
און דריק זיי פעסט צו מיין האַרצען צו!
אַי, וועסטו זעהן, מיין געטרייע ליובעניו,
ווי איך האָב דיך אמת ליעב.

ליגנדיק, ליג איך אויף מיין געלעגער,
אנטשלאָפן ווערן קען איך, אי ווער, נים!
און דאָס הארץ קלאַפּט דאָרט ווי א זייגער,
אי, צייט דו האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט!

צי געדענקסטו ווי איך בין שיין געווען,
און מיין פּנים האָט ווי די זון געשיינט?
אי, היינט קוק־זשע מיך אָן ליובעניו,
מיין פּנים איז שוואַרץ ווי קויל היינט.

איך האָב אזוי פיל אין דיר געגלויבט,
אלץ אין דיר, מיין פאַלשער גוטער פריינד;
דו האָסט מיר מיט א וואָלקן די אויגן צוגעמאַכט,
און דו האָסט מיך אומגליקליך געמאַכט.

שטעהן שטעה איך, אי ווער, אין מיטן ים,
איך קען ניט קומען צו א ברעג.
דו האָסט מיר מיין חיות ארויסגעצויגן,
און דו גיסט עס מיר ניט צוריק אוועק.

ת.

אי ווער, מאַמע, איך שפּיעל א ליעבע
און ס'טוט מיר ווער מיין הארץ,
ווער עס שפּיעלט א פאַלשע ליעבע,
דער קאָן פיהלען מיין ביטער הארץ.

אויף מאָרגען גער איך צו מיין ארבעט
זער איך מיין געליעבטען מיט א צווייטע גערן;
איך האָב אָפּגעווישט מיינע ליפּעלעך
און בין אוועק מיט א גרויס געוויין.

און שפּעטער גער איך מיר צו מיין ארבייט
זער איך שוין מיין געליעבטען אליין שטערן,
וויפיעל איך האָב מיט איהם איינגע'טענה'ט
האָב איך דאָס פאַלשקייט פון איהם ארויסגעזעהן.

צוועלף א זייגער ביי דער נאַכט
אין דרויסען איז געווען קאַלט,
איך האָב אראָפּגענומען דאָס זיידען טיכעלע
און אנגעטון איהם אויף'ן האַלז.

שפּעט ביי נאַכט בין איך אהיים געקומען,
פרעגט מיך מיין מוטער: וואו ביזטו געווען?

אי וועה, מאמע, דאס זיידען טיכעלע,
דאס זיידען טיכעלע וועסטו שוין מעהר נישט זעהן!

ווי די מוטער האט דאס דערהערט
האט זי זיך באגאסן מיט טרערען.
אי וועה, ערשט נעכטען האט ער מיר צוגעזאגט —
און היינט איז ער אוועק א חתן ווערען.

ווען ער איז אוועק א חתן ווערען א חתן ווערען
בין איך געשטאנען אונטער דער טיר.
אי וועה, מאמע, איך האב זיך איינגעהערט,
רעדט ער נישט קיין שלעכטס אויף מיר.

ט.

מע זאגט, אז א ליעבע איז א קרענק, וועה איז מיר!
א ליעבע איז אן אונגליק אויף דער וועלט:
פון א ליעבע קריגט מען א לונגען־פעלער,
דורך דער ליעבע געהען קינדער פון דער וועלט.

וואס האסטו זיך אין מיר פערליעבט, וועה איז מיר!
צי איז דען נישטא קיין שעהנערע פון מיר?
צי איז דען נישטא קיין שעהנערע מיט געלט?
צי בין איך דען נאר איינע אויף דער וועלט?

געלט האב איך שוין געזעהען, וועה איז מיר!
שעהנהייט מאכט ביי מיר נישט אויס,
אז איך רעד מיט דיר צוויי קלוגע ווערטער
ציהסטו מיר מיין חיות ארויס.

אויף דיינע תנאים האסטו מיר געבעטען, וועה איז מיר!
אויף דיינע תנאים בין איך ביי דיר געוועזן;
דעם מזל־טוב האב איך דיר אבגעגעבען —
און א פייער האט זיך אין מיר צוברענט.

אויף דיין חתונה האסטו מיר געבעטען, וועה איז מיר!
אויף דיין חתונה בין איך ביי דיר געוועזן,
יעדער איינער טוט טייטען מיט די פינגער:
אט דאס איז דער חתן דער פריהעריגער געוועזן!

אז מען נעמט ארויס א בלום פון גארטען, וועה איז מיר!
און מען זעצט עס אויף א צווייטען ארט,

קען עס שוין קיין מאָל נישט בליהען
אזוי ווי אויף דעם ערשטען אָרט.

י.

אין דרויסען איז א טריעבער טאָג,
אין שטיבעלע איז א פּאַרע;
כ'האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָהרען
ווי אין א פינסטערע כמארע.

ווי אַ פינסטערע כמארע
איז דער טאָג פון מיין געבוירען;
איך האָב געהאַט א טייער'ן דימענט
און האָב איהם אָנגעוואָרען.

איך האָב איהם אָנגעוואָרען
און קען איהם נישט געפינען;
שטעהן שטעהט ער פאַר מיינע אויגען,
נאָר איך קען צו איהם נישט קומען.

איך קען צו איהם נישט קומען,
כ'קען מיט איהם נישט ריידען;
אי, פון אונזער הייסע ליעבע
מוזען מיר זיך צושיידען!

מיר מוזען זיך צושיידען,
יוי דער גוף פון די נשמה;
אי, קיין גוט'ס זאָל דער נישט האָבען,
ווער עס דערלעבט אַן אונז נקמה!

איך וועל זיצען און קלאָגען
ביז אין מיין גראָען צאָפּ,
ווייל מע האָט מיר צוגענומען
דעם קרוין פון מיין קאָפּ.

דעם קרוין פון מיין קאָפּ,
די צווייגען פון דעם בוים;
מ'האָט דאָך מיר צוגענומען
דעם שעהנסטען פאַרשוין!

אַלע וואַסערלעך לויפען אוועק,
די גריבעלעך בלייבען ליידיג;
אוי, וואו נעמט מען אַזאַ מענטשין,
וואָס זאָל פאַרשטעהן מיין וועהטאָג?

אזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען די שטערן איבער־צעהלען;
אזוי איז אויך נישטאָ קיין מענטש,
וואָס זאָל קענען מיינע וואונדען היילען.

יא.

צוויי טייבעלעך זענען איבער'ן וואַסער געפלויגען,
אין די פיסקעלעך האָבען זיי זיך געקישט;
פאַרשאָלטען זאָל ווערען יענער מענטש,
וואָס האָט זיך אין אונזער ליעבע אריינגעמישט...

און אַז דו וועסט קומען אין אַ פרעמדע שטאָדט, ליובעליו,
מיינע רייד זאָלסטו בעדענקען;
און אַז דו וועסט קומען איבער אַ וואַסער, ליובעליו,
פאַר צרות זאָלסטו דיך נישט דערטרענקען.

אז דו וועסט קומען אין א ווייטער שטאדט, ליובעליו,
מיינע רייד זאלסטו בעקענען:
און אז דו וועסט קומען איבער א פייער, ליובעליו,
פאר צרות זאלסטו דעך נישט פארברענען.

צוויי טייבעלעך זענען איבערן וואסער געפלויגען,
מיט די פליגעלעך אזוי צושפרייט.
קיין גוטען סוף זאל דער מענטש נישט האבען,
וואס האט אונז פון דער ליעבע אזוי גער צושיידט!

יב.

דארטען אויף דעם בערגעלע שטעהט נאך א ביימעלע,
דאס ביימעלע איז שוין לאנג איינגעבויגען.
דארטען שטעהט נאך מיין געטרייע כלה
מיט איהרע אויסגעוויינטע אויגען:

וויין ניש׳, קרוינעשי, וויין ניש׳, דושעניו!
כ׳וועל נאך צו דיר צוריק־קומען.
זאלסט נישט הערען, וואס לייט רעדען...
ביי מיר האסטו חן געפונען.

מיינע עלטערן טוען מיך בעטען,
כ׳זאל שוין אן דיר פארגעסען:
נישט איין וואסערל וועט פארביילויפען,
אונזער ליעבע וועט קייענר ניש׳ פארלעשען.

„וואס טויג מיר די רייד, וואס ניצט מיר דיין טרייסטען?
איך קען שוין דיין ליעבע נישט גלויבען —
א בריעוועלע האסטו מיר שוין לאנג געשריעבען,
אז דו מוזט דיך מיט מיר צושיידען“.

א בריוועלע האב איך טאקע דיר געשריעבען,
כ׳האב אויך געהאט א מיין דערביי:
כ׳האב נאר געמיינט דיר אויסצופרובירען,
צי דו ביזט מיר אמת׳דיג געטריי.

איך וועל מיר אויך אן עצה געבען
אונזער ליעבע זאל קומען צו א צוועק:
כ׳וועל פארקויפען אלץ, וואס מיר האבען,
און פון דאנען וועלען מיר אוועק.

די יונגע יאָהרען.

אויפ'ן בארג, איבער'ן בארג
פליהען טויבען פּאארען:
איך האָב נאָך גאָר קיין נחת ניט געהאַט,
ס'איז אוועק מיינע יונגע יאָהרען.

שפאנט זשע מיר ברידער,
די שווארצע קארע פערד,
און לאָמיר לויפען, פאָהרען:
אפשר וועלען מיר נאָך קענען אומקעהרען
אונזערע יונגע יאָהרען?

— קעהרט זיך אום, יונגע יאָהרען,
מיר וועלען אייך צונעהמען!
— מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען,
מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען,
ס'איז ניטא צו וועמען!

— קעהרט זיך אום, יונגע יאָהרען,
טהוט אונז ניט פארשעהמען!

חתן-כלה און חתונה-ליעדער.

א.

א שען מיידעלע בין איך דאָך,
רויטע פּאָדים שפּין איך דאָך,
א רייכען טאטען האָב איך דאָך,—
היינט וואס פעהלט מיר נאָך?
טאטע, טאטע, געה אויפ'ן בן-זכר
און קלייב מיר אויס א שענעם בחור,
מיט לאַנגע פאות, מיט שווארצע אויגען,
און צו דער הייליגער תורה זאָל ער טויגען.

ב.

קומט דער ליעבער זומער,
שפּיעלען מיר אין זאמד:
וואו ס'איז אונזער וואוינונג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.

שווארצע קארשען רייסען מיר,
רויטע לאָזען מיר שטעהן:
שעהנע חתנים נעהמען מיר,
מיאוס'ע לאָזען מיר געהן.

געה איך ארום שוהל, ארום שוהל,
באַנגען איך דעם רב'ס זוהן.

זאל ער מיט מיר ריידען,
שטעהט דאך איהם ניט אן.
זאל ער מיט מיר ניט ריידען,
איז ער דאך מיין מאן!

מיין מאן, מיין מאן, איז ער
געבליעבען,
און געלט האט ער אין בייטעל
געקליעבען.

ג.

אלע מענטשען טאנצענדיג און שפרינגענדיג,
און לאכענדיג און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט?...
„איך וויין, וואס איך מיין:
עס איז שוין צייט צו דער חופה צו געהן!“

אלע מענטשען טאנצענדיג, און שפרינגענדיג,
און לאכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט?...
„איך וויין, וואס איך מיין:
עס איז שוין צייט עסען צו געהן!“

אלע מענטשען טאנצענדיג, און שפרינגענדיג,
און לאכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט?...
„איך וויין, וואס איך מיין:
עס איז שוין צייט א מצוה-טענציל געהן!“

אלע מענטשען טאנצענדיג, און שפרינגענדיג,
און לאכענדיג, און זינגענדיג,
און משה'לע שטעהט אליין וויינענדיג.
— משה, משה, וואס דו וויינסט?...
„איך וויין, וואס איך מיין:
עס איז שוין צייט שלאפען צו געהן!“

ד.

פארביי מיהל, פארביי ראד
פיהרט מען די כלה גלייך אין באד.
פארביי די נייע בריקען
פיהרט מען די כלה טוקען.

פיהרט מען די כלה טוקען,
לויפען די ווייבער קוקען;
ווי מען פיהרט נאר די כלה ארויס,
געהט דער חתן פון קלויז ארויס.

מיט א גלעזעלע ווייַן, מיט א
שטיקעלע פלאַדען,
מען זאל זי גיכער אבבאַדען,
מען זאל זי ניט דערטרענקען,
מען זאל זי כשר שווייַנקען.

ה.

האפט מען אן פאר א הענטעלע
שווינקט מען אב א הענטעלע;
האפט מען אן פאר א פיסעלע,
שווינקט מען אב א פיסעלע.
אוי, וועה, ביטער,
זעה, מיין חתן, איך ציטער!
נעהם מיך ארונטער
אונטער דיין פוטער!

—כלה מיין, כלה פיין,
ווי איז דיר געגאנגען?
—מקוה־וואסער — צוקער זיס,
כ'האב אבגעפראַרען די יונגע פיס!
—ווי קען איך דיך נעהמען?
כ'מוז זיך פאר לייטען שעמען!
— שעם זיך יא, שעם זיך ניט,
נעהם דעם פוטער און נעהם מיך מיט!

ו.

זיי זשע מיר געזונד, מיין געליעבטער פאטער,
זאל שוין נעהמען אנ'עק!
דיין זאלץ און ברויט האב איך דאך געגעסען,
איצטער פאהר איך שוין פון דיר אוועק!

ווי עס איז ביטער, מיין געליעבטער פאטער,
א פייגעלע אין וויסטען וואלד אליין,
אזוי איז דאך ביטער, מיין געליעבטער פאטער,
מיר אין א פרעמדען לאנד אליין!

אין א פרעמדען לאנד, מיט קיינעם ניט בעקאנט,
עלענד אזוי ווי א שטיין.
און אז איך דערמאהן זיך אן דיר, מיין געליעבטער פאטער,
זיץ איך און טרויער און וויין.

זיי זשע מיר געזונד, מיין געליעבטע מוטער,
זאל שוין נעהמען אנ'עק!
דיין מילך פון דיין ברוסט האב איך דאך געזויגען,
איצטער פאהר איך שוין פון דיר אוועק.

פאמיליען־ליעדער

א.

געפלויגען, געפלויגען די גאלדענע פאווע,
איבער אלע ים'ען,

לאַז זשע געריסען, דו גאָלדענער פויגעל
מיין ליעבער, מיין הארציגער מאמען!

איז געפלויגען די גאָלדענע פּאווע
איבער'ן טייך דעם גלאטען.
לאַז זשע געריסען, דו גאָלדענער פויגעל,
מיין ליעבען, מיין הארציגען טאטען!

איז געפלויגען די גאָלדענע פּאווע
איבער אלע פעלדער,
האט זי פערלוירען די גאָלדענע פעדער
אין די פרעמדע לענדער.

ניט אזוי די גאָלדענע פעדער,
ווי די פּאווע אליין:
ניט אזוי דער פרעמדער זוהן,
ווי די טאָכטער אליין.

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פייגעלע אָהן אַ נעסט, —
אזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
ביי אַ שווער און שוויגער אויף קעסט!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ וואסער אָהן אַ פיש, —
אזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אז מ'זיצט ביי אַ פרעמדען טיש!

ווי עס איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אַ פייגעלע אָהן אַ זאמד, —
אזוי איז ביטער, מיין ליעבע מוטער,
אז מ'ווערט פערוואָגעלט אין אַ פרעמדען לאנד!

ב.

לעג איך מיין קעפּעלע
אויף דער מאַמעס בעטעלע,
נעהט די מאַמע פארביי,
רק זי טוט און קוועלט:
שלאָף, מיין טאָכטער קליינינקע,
אוינעליך האסטו שענינקע,

שלאָף געזונדערהייד,
שלאָף געזונדערהייד!

לעג איך מיין קעפּעלע
אויף מיין טאטענס בעטעלע,
נעהט דער טאטע פארביי,
רק ער טוט און קוועלט:

שלאָף, מיין טאָכטער קליינינקע,
אויגעליך האָסטו שענינקע,
שלאָף געזונדערהייד,
שלאָף געזונדערהייד!

לעג איך מיין קעפעלע
אויף מיין שווינגערס בעטעלע,
געהט די שווינגער פאַרביי,
רק זי טוט און שעלט:
מיין שנור איז קיין בריה ניט,
קיין מלאכה טוט זי ניט,
נאָר זי טוט און פּאַפּט,
נאָר זי טוט און פּאַפּט!

לעג איך מיין קעפּעלע
אויפ'ן שווערס בעטעלע,
געהט דער שווער פאַרביי,
רק ער טוט און שעלט:
מיין שנור איז קיין בריה ניט,
קיין מלאכה טוט זי ניט,
נאָר זי טוט און פּאַפּט,
נאָר זי טוט און פּאַפּט!

לעג איך מיין קעפעלע
אויף מיין מאַנס בעטעלע,
געהט דער מאַן פאַרביי,
רק ער טוט און קוועלט:
שלאָף, מיין ווייבעלע קליינינקע,
אויגעליך האָסטו שענינקע,
שלאָף געזונדערהייד,
שלאָף געזונדערהייד!

ג.

קנעט איך חלה — זאָגט זי: שיטער!
מאַך איך פיש — שרייט זי: ביטער!
פערבעט איך דאָס בעט — זאָגט זי: הויך!
הייץ איך אין אויווען — פיהלט זי רויך,
געה איך פּאַמעליך — זאָגט זי: איך קריך!
געה איך גיך — „זי רייסט די שיך!"

ד.

טאָכטער, דו ליעב, טאָכטער דו מיין!
קום איך וועל דיר לערנען אַ שנור צו זיין:
אַזוי ווי די שווינגער וועט קומען צו געהן,
זאָלסטו זיי לאָזען פריהער אריין.

אַזוי ווי די שווינגער איז געקומען צו געהן,
האָט זי זי געלאָזט פריהער אריין.

— —

אַזוי ווי זי האָט געקריגען דעם ערשטען וועה,
האָט זי געטהאָן אַ גרויס געשריי:

— שווינגער איהר ליעב, שווינגער איהר מיין!
זעצט איהר מיך אין הייזעלע אריין,
אפשר וועל איך הערען דאָס הענדעלע קרעהען,
און גאָט ב"ה וועט מיר מייז האַרץ דערפרעהען!

„שנור דו ליעב, שנור דו מיין,
זאל דיר דאכטען איך האב דיך געזעצט אין הייזעל אריין,
זאל דיר דאכטען האסט געהערט דאס הענדעלע קרעהען,
און גאט ב״ה וויל דיר נישט דיין הארץ דערפרעהען!“

— שווייגער איהר ליעב, שווייגער איהר מיין,
שיקט איהר מיר דעם שווער אריין!
אזוי ווי דער שווער איז אריינגעקומען,
האט זי איהם גאנץ פריינדליך צוגענומען:

— שווער איהר ליעב, שווער איהר מיין,
לויפט איהר מיר אין שוהל אריין:
טוהט תשובה, תפילה, צדקה פאר מיין געלט,
אפשר וועט מיר גאט לאזען לעבען אויף דער וועלט!

„שנור דו ליעב, שנור דו מיין,
זאל דאכטען איך בין שוין געלאפען אין שוהל אריין,
כ׳האב געטון תשובה, תפילה, צדקה פאר דיין געלט,
נאר גאט וויל דיר נישט האבען אויף דער וועלט!“

— שווער איהר ליעב, שווער איהר מיין,
שיקט איהר מיין מאן אריין.
אזוי ווי דער מאן איז אריינגעקומען,
האט זי איהם גאנץ שעהן צוגענומען:

מיין מאן דו ליעב, מיין מאן דו מיין,
לויף מיר גיך אין שטאל אריין!
קלייב דיר אוים דאס בעסטע פערד,
ס׳מעג הונדערט רובעל זיין די ווערט;

פליה געשווינד, ווי פייל פון בויגען,
ברענג מיר מיין מאמען, וואס האט מיך דערצויגען!

אזוי ווי די מוטער איז געקומען צום בריק,
זענען שוין די באגרעבערס געגאנגען צוריק.

— באגרעבערס איהר ליעב, באגרעבערס איהר מיין,
וואו האט איהר געלעגט מיין טאכטער אריין?
„מיר האבען זי געלעגט וואו ס׳בוימעלע איז רויט,
שווער און שווייגער האבען איהר געמאכט דעם טויט“.

ח.

דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע מיט אויסגעווייגטע אויגען,
די מאמע ליעגט אויף דר'ערד, די פיס אויסגעצויגען.
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע און חלש'ט זויגען,
די מאמע ליעגט אין קבר מיט שאַרבענס אויף די אויגען.
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, גלעטען און קאמען,
ווער וועט דיר מיין קינד דאָס וויעגעלע אויסראַמען?
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצען און גלעטען,
ווער וועט דיר, מיין קינד, דאָס וויעגעלע אויסבעטען?
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצען און ציערען,
ווער וועט דיך, מיין קינד, אין חדר אריין פיהרען?
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

וועט וועט דיך, מיין קינד, מאכען פאַר א מענשען,
און ווער וועט דיך, מיין קינד, אונטער דער חופה בענשען?
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

כ'בין אויסגעגאַנגען אין אַלע אַפטייקען,
כ'האָב געמיינט — דער מלך המות וועט ניט קומען דער מאַמען טויטען.
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

כ'בין אויסגעפאָהרען אויף אַלע שיפען איבער אַלע ים'ען,
כ'האָב געמיינט — כ'וועל קריגען קויפען פאַר'ן יתומ'ל א מאמען.
ניטאָ קיין מאמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אין דעם יתומ׳ס וויעגעלע האט זיך אריינגעכאפט א פייער
ווי אויפ׳ן פרייען פעלד אין די שטרוי פון א שייער.
ניטא קיין מאמע,
ניטא קיין נחמה!

ו.

שלאגט דער זייגער׳ל איינס:
דער יתומ׳ל ז׳געבליבען א קליינס.
און גאר נישט ניט געטהאן און גאר נישט ניט געטראכט,
זאגט די נשמה׳לע: א גוטינקע נאכט!

שלאגט דער זייגער׳ל צוויי:
דעם יתומ׳ל טוט די קעפעלע וועה.
און גאר נישט ניט געטהאן און גאר נישט ניט געטראכט,
זאגט די נשמה׳לע: א גוטינקע נאכט!

שלאגט דער זייגער׳ל דריי:
דער יתומ׳ל איז געבליבען פארביי.
און גאר נישט ניט געטהאן און גאר נישט ניט געטראכט,
זאגט די נשמה׳לע: א גוטינקע נאכט!

שלאגט דער זייגער׳ל פיער:
דער יתומ׳ל ליעגט מיט די פיסלעך צו דער טיהר.
און גאר נישט ניט געטהאן און גאר נישט ניט געטראכט,
זאגט די נשמה׳לע: א גוטינקע נאכט!

שלאגט דער זייגער׳ל פינף:
פאר׳ן יתומ׳ל איז שוין ניטא קיין הילף.
און גאר נישט ניט געטהאן און גאר נישט ניט געטראכט,
זאגט די נשמה׳לע: א גוטינקע נאכט!

ז.

אמאל איז געווען א מעשה אזוי:
א מאן איז אוועק פון א יונגע פרוי;
ער איז פון איהר אוועק געפאהרען
און האט זיך אפגעזאמט א ים מיט יאהרען;
א ים מיט יאהרען אין א ווייטער מדינה —
די שעהנע חנה איז געבליבען אן עגונה.

איינמאָל קומט ער צו איהר פארשטעלט:
צי האָסטו קליידער, צי האָסטו געלט?
צי האָסטו קליידער, צי האָסטו שפּענער?
צי האָסטו לוסט צו פרעמדע מענער?
כ׳האָב קיין קליידער, כ׳האָב קיין שפּענער,
איך האָב קיין לוסט צו פרעמדע מענער!״

א פינגער׳ל האָט ער געברענגט — איז עס העל און רויט,
און וועגען וועגט עס זעכציג לויט,
און שעהן איז עס ווי די גאנצע וועלט,
און ווערט איז עס זעהר פיעל געלט.
„דאָס פינגערל וועל איך דיר פאַר א מתנה שענקען,
נאָך דיין ליעבען מאַן זאָלסטו נישט געדענקען!״

„אי, ס׳פינגערל איז טאַקע העל און רויט,
און וועגען וועגט עס זעכציג לויט,
און שעהן איז עס ווי די גאנצע וועלט,
און ווערט איז עס זעהר פיעל געלט,
ס׳פינגערל וויל איך פאַר א מתנה נישט טראָגען,
נאָך מיין ליעבען מאַן וועל איך וויינען און קלאָגען!״

א פארטעכעל האָט ער איהר געברענגט — איז עס וויים ווי קרייד,
און וואַשען וואַשט זיך עס אַזוי ווי זייד,
לאַנג איז עס ביז צו דער ערד,
הונדערט רובעל האָט עס די ווערט.
„ס׳פארטעכעל וועל איך דיר פאַר א מתנה שענקען,
אַז דיין ליעבען זאָלסטו נישט געדענקען!״

„ס׳פארטעכעל איז טאַקע וויים ווי קרייד,
און וואַשען וואַשט זיך עס אַזוי ווי זייד,
און לאַנג איז עס ביז צו דער ערד,
הונדערט רובעל האָט עס די ווערט:
ס׳פארטעכעל זאָלסטו מיר פאַר א מתנה נישט שענקען,
נאָך מיין ליעבען מאַן וועל איך טרויערען און בענקען!״

וואָיל איז צו מיר און צו מיין לייב,
אַז איך בין דיין מאַן און דו ביזט מיין ווייב!
איך דאַנק דיר, און איך דאַנק דיר לבנה,
איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר דיין טייערע מתנה!
איך דאַנק דיר, שעהנער מאָרגען־שטערן,
איך דאַנק דיר, גאָט, פאַר מיין זווג־קרן!״

ח.

האָב איך מיר א בויד,
האָב איך מיר א בויד,
מיט קאָוואַנע רעדער.
און דערצו צוגעדעקט
מיט א שוואַרצען לעדער.
און די פערד געהען ניט,
און די רעדער דרעהען ניט,
א טרונק בראַנפען ווילט זיך,
און דאָס ווייב שילט זיך, —
זעה איך מיר א שטיין,
זעץ איך מיר און וויין.

זאָל איך ווערען א רב,
קען איך ניט קיין תורה,
זאָל איך זיין א סוחר,
האָב איך ניט קיין סחורה.
און די פערד געהען ניט, **א. ז. וו.**

זאָל איך ווערען א שוחט,
האַלט איך ניט קיין חלף,
זאָל איך זיין א מלמד,
קען איך ניט קיין אלף.
און די פערד געהען ניט, **א. ז. וו.**

בוך
ג
ה'תק"ס — ה'תרמ"ה
1800 — 1885
ז. מאוד

שלמה עטטינגער.

דר. שלמה עטטינגער — איינער פון די ערשטע אידישע דיכטער אין רוסלאנד. געבארען אין דעצעמבער, 1799, אין ווארשוי, ביי א זעהר יחוס'דיגער פאמיליע. זיין בוך פון איבער 250 זייטען מיט ליעדער, באלאדען, פאבלען און קורצע הומאריסטישע פערזען (אן עקזעמפליאר פון וועלכען, עס געפינט זיך אין דער נויארקער גרויסער שטאט־ביבליאטעק, ארויסגעגעבען אין פעטערסבורג, 1889) איז אן אמת'ער אוצר פון אידישער פאעזי, הומאר און בליץ־געדאנקען. באזונדערס זיינען פון א באדייטענדען ווערט זיינע נאטורליעדער, וואס דינען אלס אנהייב פון דער נאטור־מאלעריי אין דער אידישער פאעזי. ניט אכטענדיג דארויף, וואס אין א היבשען טייל פון זיינע ליעדער, באזונדערס אין די באלאדען, פיהלט זיך דער טאן פון דער דייטשער קלאסישער ריטטער־באלאדע, בלייבט שלמה עטטינגער דאך דער ערשטער גרויסער דיכטער מיט וועמען די טראדיציע פון דער אידישער דיכטונג הייבט זיך אן. איך הייב דעריבער אן די צווייטע עפאכע פון דער אידישער פאעזי מיט איהם, טראץ דעם, וואס די פאלגענדע צוויי שריפטשטעלער זיינען עלטער פון איהם. געשטארבען איז עטטינגער אין דארף זדאנאוו ביי זאמאשטש, לובלינער גוב. 1855. ביבל. ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; דר. מ. פינעס „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור"; ז. רייזען, „לעקסיקאן"; יוד. ענג. ענצ., 5, 264; א. מוקדוני, אין „פנקס".

דאס שפאצירען געהן.

שטעהט אויף, זייט ניט פויל!
וועט איהר זעהען די קויל,
ווי פייער אויף מזרח זייט;
ווען מיט דעם באגין,
עס געהט אויף די זין
דארט הינטער די בערג גאר ווייט.—

איי! זעהט גאר ווי שיין
עס איז דארט צו גיין,
שפאצירען אויף די פעלדער;
צווישען די זאנגען,
ווייטער געגאנגען,
קומט מען אין גרינע וועלדער. —

דארט רייסען קערשען,
די שיינע הערשען
פון די בוימעלעך רויט ווי בליט;
און דער וועוועריק שפרינגט,
קנאקט ניסלעך און שלינגט,
מאכט קאזעלקעס אין דער מיט, —

ביים טייכעל גלאנצען,
היפען און טאנצען,
ווי זילבער שיינע פאלעס;
דארטען געזעסען,
מעג מען פארגעסען,
די שטאדט מיט זייערע סאלעס.

און ווערט עס גאר הייס,
פאכט מען אב דעם שוייס,
מיט א פריש גרין צווייגעל;
איך דארף נישט די שטאדט,
מיט דעם גרויסען סאד,
דארט זיץ איך ווי אין א שטייגעל.—

אויף דעם ווייכען גראָז,
מיט רויזען מיט שלאָז,
פאַססען זיך שאָף און רינדער,
און נעבען זיי ריהט,
דער פאַסטוך און היט,
אללע ווי זיינע קינדער. —

שוין נאָך דער זריעה,
וואקסט דאָרט די תבואה,
ביז עס קומט די צייט פון שניט.

מיט א שיינעם קראַנץ,
מאַכען איצט א טאַנץ,
אללע שניטטערס שיין און גוט. —

וואָס האָב איך דערפון,
ווען אין שטאָדט די זון,
בעלייכט די גאנצע וועלט?
ווען דאָס גרויע הויז,
קריכט גאָר הויך אַרויס,
און מיר איהר שיינקייט פאַר־
שטעלט.

צו דער לבנה

איך פערגעס אָן צרות, און לייד,
איך ווער מלא שמחה און פרייד,
אָז איך קוק ארויף דאָרט צו דיר.
פון דעם גאַנציִן הייממעל,
מיט זיין גאַנציִן רימעל,
געפאַללסט דו אליין לבנה מיר. —

נאָר ווי מיט א גילדערנעם זוים,
איז אָבגעלאָמעוועט דער בוים;
דו בעשיינסט איהם זיינע צווייגען;
זיינע בלאטער גלאנצען,
שאָקלען זיך און טאַנצען.
די פייגלען קיקען און' שווייגען. —

איטליכעס בלימעל בעזינדער,
שלעפסט דו שטיל איין, ווי די
קינדער.
עס זאמעלט כח אויף מאָרגען,
די זון זאָל נישט קענען,
עס מאָרגען פערברענען,
פאַר דעם מיזט דו אליין זאָרגען.

אין דעם גרויסען שפּיגעל דעם ים,
זעהט מען דיין פּנים ווי א פלאַם,
און ער ווערט אלע מאָל העכער:
פאלעס זעהט מען שפּרינגען,
שיפער הארט מען זינגען,
און די שיף געהט זיך גאָר זעכער.—

וואָס אין מיין הארץ ליעגט
פארבארגען,
אלע סודות, אלע זאָרגען,
מעגסט דו וויסען גאָר פראנק און
פריי;
ווארים דו זאָגסט נישט אויס,
חאָטש דו געהסט פון הויז צו הויז,
דו ביזט מיין פריינד מיר געטריי.—

אזוי געהסט דו פון טהוי'ר צו טהוי'ר,
ווערסט דיר אומעטום אלס געוואויהר,
מאכסט קיין לארעם, קיין גערידער;
עס בלייבט גאָר שטיל ווי פריהר,
בעהאלטסט דעם סוד ביי דיר
לבנה! ביזט א גוטער ברידער!—

ביי מיין געבורטס־טאָג

איך זיץ און קלער מיר שוין אזוי דאָ,
אפשר מעהר ווי א האלבע שעה,
פאר וואָס האָבען דאָס נאָך מיינע האָר,

זייער גרוים שווארצקייט נישט פארלארען:
עס איז דאך שוין דריי און פערציג יאהר
זייט איך בין אויף דער וועלט געבארען? —
נאר איך האב א תירץ גאר א קליינעם:
זיי ווערען פארשווארצט מיט מיר אין איינעם.

צום נייעם יאהר.

צו מיינע פריינד.

עס דרייט זיך גאר ווי א רינגעלע,
דעם מענשענ׳ס לעבען אין צרות, אין גליק.
אלט און גרייז גראה ווערט דאס ייגעלע,
און גייט ווידער צו דער ערד צוריק.
שיינקייט, כבוד, עשירות גאנצע פעק,
פארשווינדט מיט דער צייט גאר גלייך אוועק;
מיט דער צייט ווערט פארשוואונדען פון דער וועלט.
די מצבות אפילו וואס מען שטעלט. —

זיינען מיר נאך אלע איצונד,
ווי מיר זיינען פאר א יאהרען געוועזן;
אלע באנאנד גאר פריש און געזונד,
ווי מיר האבען זיך דעמעלט געזעהן?
אוי! נישט איינער איז אונז געוועזן ליב,
וואס ער ליגט איצט שוין און פוילט אין גריב;
זיין לעבען האט גענעקט ווי א חלום,
מע זאגט איצט אויף איהם „עליו השלום“. —

און ווער ווייסט פון אונז אט אדא,
ווער איבער א יאהר וועט דארט רוהען?
דער טויט זאגט דאך נישט אן די שעה,
ווען ער וויל דעם מענש עפעס טוהען.
אפט פאללען ביי דעם שענסטען וועטטער,
אראב פון בוים די גרינסטע בלעטער.
און דער מענש וואס אויף דער וועלט איבערבלייבט,
קלאגט ווען ער זיין פריינד די מצבה שרייבט.

וואלהייד.

באלאדע.

דארט וואו יענע אלטע מויערן שטעהן,
און די זון, דורך אלע שפארעס שיינט,

אין געשטאַנען אמאל א שלאָס שיין,
א פיסטקע זעהט מען דערפון נאר היינט.
איצט פייפט דאָרט דער שטורעם,
דורך די סאַלעס אין טורעם,
און עס טאַנצען אויף אלעביידעס,
נאר שדים.

דאָרט אין יענעם שלאָס דרינגען,
האָט לאנג פארצייטענס א גראף געוואוינט.
מלחמות פלעגט ער צוגעווינען,
אויך ביי זיך דער היים קיין מענש פארשווינט.
אָבער ווי די זון גאָר,
שיינט זיין טאכטעריל קלאָר.
שיין און ציכטיג, א נחת, א פרייד,
איז וואלהייד. —

זי פלעגט זיך צו פאררען שטיל אין שטיב,
אין אָרגעץ נישט צו לויפען צו גיין,
א ריצערש האָט זי געהאט גאנץ ליעב,
נאָר זי האָט ער ליעב געהאט אליין;
פון זיין שלאָס דערנעבען,
פלעגט קומען צו שוועבען,
צו איהר רודאלף דער שיינער גבור,
אריבער. —

און נאָך איידער די זון אונטערגייט,
ווארט ער שוין אויף א שטיל אָרט און האַרט;
און ווי א לופטיל האָט שטיללערהייט,
דורך דער פאָרטקע וואלהייד זיך געשאַרט,
און אַן זיין ברוסט,
מיט גרויסער לוסט,
האלט ער זי מיט ביידע הענט ארום,
אָבער פרום, —

זיי האבען ווי אין חלום געמיינט,
א פאָר מינוטען צו זיין גליקליך;
ער גייט אָבער אוועק שטארק פארוויינט.
עס ווערט שוין שפעט, עס איז ניט שיקליך;
א גלעט, א וויש,
א האלז, א קיש,
און טרעהרען פלעגען ביים געזעגנען.
צו רעגנען. —

ווי זיי זעהן דער זומער גייט אוועק,
הייבען זיי אןביידע צו בענקען:
רודאלף גייט צום גראף מאכען איין עק: —
„האר! איצט מוז דער סוד שוין פענקען.
גיב דו מיר פאר א ווייב,
איך האב ליעב ווי מיין לייב,
די שעהנסטע גאר פון אלע מיידען,
וואלהיידען". —

דעם גראפ'ס פינסטער פנים ווערט פארמישט,
ער הייבט אן מיט כעס צו זאגען:
„ניין רודאלף! מיין טאכטער קריגסט דו נישט,
דאס מוזטו דיר אוים דעם קאפ שלאגען:
איינער מיט א קרוין,
נעמט מיין טאכטעריל שיין,
איהר מוז ער האטש זי וועט ניט וועלען,
געפעלען". —

רודאלפ'ס הארץ האט דאס שטארק געטראפען:
אויף זיין ווילד פערד חיות צו שיסען,
איז ער אין וואלד ארומגעלאפען,
קיין טרעהר קען זיין בלייך אויג פארגיסען.
זיין צעררימען הארץ,
האט געפיהלט א שמארץ:
ער האט זיך שוין געוואונשען דעם טויט,
אין דער נויט.—

פלוצלינג פאלט איהם איין א גוטער פלאן,
אונ ער פיהלט זיך ווי ניי געבארען:
יא, טראכט ער זיך: „עס וועט אזוי זאן,
ניין עס איז נאך ניט אלס פארלארען.
איך בין דאך נאך פריי:
וואלהייד מיר געטראי, —
ביי גאטט איז צו צעררייסען קייטען,
קלייניגקייטען".—

אונ נאך איידער די זון אונטערגייט,
ווארט ער שוין אויף א שטיל ארט אונ הארט:
אונ ווי א לופטיל האט שטיללערהייט,
דורך דער פארטקע וואלהייד זיך געשארט,
אונ אן זיין ברוסט,
מיט גרויסער לוסט,

האלט ער זי מיטביידע הענט ארום,
אבער פרום. —

צום סוף זאגט רודאלף: „ווען האלבער נאכט,
אלע אין שלאס שלאפען און רוהען:
דער שומר שוין זיין אויג פארמאכט, —
קום איך אן אויף מיין פערד צופליהען,
דו גיסט גאר גרינג,
ארויף א שפרינג,
און איך אנטלויף מיט דיר, מיין בריליאנט!
באנאנד“. —

זי האט איהם איצט ארומגענומען,
געקושט, געגלעט א סך מעהר ווי פריהר.
פלוצלונג איז זי צו זיך געקומען:
„ווי קומט מען אבער דורך דער טיהר?
ביי מיין דירה,
אויף דער שמירה,
שטעהען טאג און נאכט משרתים אויף דעם דאך,
אויף דער וואך“.—

„נארווארט! — גאט קען שיקען הצלחה. —
איך וועל שוין געהן דורך אלע טיהרען,
עס איז פאר א מיידעל א מלאכה.
מיין ליעבשאפט וועט מיך אבער פיהרען,
צו איהר דער בטחון,
פיהרט אוים א נצחון,
מעג זיין אוים א תפיסה נאך אזוי שווער,
האר־זשע האר:

„ווען נאך מיין עלטער עלטער זיידע,
האט פארצייטענס אין דעם שלאס רעגיערט,
האט ער געהאט א טאכטער וואלהיידע,
איהר שיינקייט האט גאר דאס שלאס פארציערט.
ווי איך, האט געהאט זי,
א ליעבהאבער ווי די,
געפינען אין א גליקליכער שעה
אטארא“.—

„איהם ווילל זי געטריי בלייבען אליין,
ווי אין פריידען, אזוי אין ליידען,
חאטש דער בייזער פאטער זאגט איהר „ניין“:

זי ווילל אבער פון איהם נישט שיידען,
און אין מיטען דער נאכט,
האבען זיי אבגעמאכט
זיי זאלען די קייטען צו טראטעווען.
און׳ ראטעווען״.—

„א מסור איז אבער געלאפען,
דעם גראף דערצעהלט די מעשה גאר בולט:
דעם חתן אויף דעם וועג געטראפען,
האט א גזלן און געקוילעט.
נישט ווייט פון דאנען,
איז זי געשטאנען,
זי שטעכט דער פאטער ווי קרבנות,
אן רחמנות״.

„איצט בלאנקעט זיך איהר נשמה ארום,
זייט מע האט זי אוועקגענומען;
זי הארט ביי דער טיהר און קוקט זיך אום,
אויב דער חתן וועט צו איהר קומען.
נאר איהם קוקט זי אויס,
ביז טאג קומט ארויס,
דער חתן וועט קומען, מיינען לייט,
אין א צייט״.—

„און זי שוועבט אין איטליכען ווינקעל,
אין א פארבלוטיגטען קלייד א ווייס,
גאר פריינדליך, ווען עס ווערט נאר טינקעל,
טהוט קיינעם קיין שאדען גאר אן כעס.
גאנץ שטיל געהט זי פריהר,
צו דער הינטערטיהר,
שומרים לאזען זי פאר ביי רוקען,
און קוקען״.—

„און ווי ביים לעבען געוועזען גאנץ גוט,
וועט זי נאך איהר טויט אויך גאנץ גוט זיין.
מיר לייהט זי היינט דאס קליידעל מיט בלוט,
פריי וועל איך געהן ארויס און אריין;
ווארום שדים גיין,
לאזען גרויס און קליין,
פאר די וואכען וועל איך געהן פארביי,
פראנק און פריי״.

„ווארט זשע ביי דער טיהר! — ווען צוועלף שלאגט
קומט שטיל צו דיר וואלהייד געגאנגען,
אין א בלוטיג קלייד, פון ווינד געיאגט,
אזוי ווי דער שד גייט פארהאנגען:
ווארעם ווערט ערשט מיר,
ווען איך בין ביי דיר,
דערנאך לויף מיט מיר געשווינד אונ רייט
אוועק ווייט". —

„גוט", שלאגט איהר רודאלף איבער איהר ווארט,
„איצט מעג איך מיינע זארג פארטרייבען.
לאמיר נאר זיין אויף איין אנדער ארט,
וועט אונזער ליעבשאפט זיכער בלייבען:
מיין כלה ביזט די,
תיכף אין דער פריה:
גוט נאכט, מיין הארץ! לאמיר זיך שיידען,
צו פריידען". —

אויף דער באק האט נאך דער קוש געגליהט,
אונ ער לויפט שוין איבער בארג אונ טהאל,
זי ווינקט איהם נאך ווי ער בארג אב פליהט,
זי געזעגענט זיך צום לעצטען מאל:
„רודאלף לעב! ביזט מיין,
רודאלף לעב! בין דיין,
אונז וועט קיין גיהנם, קיין גן עדן,
צו שיידען". —

אונ ווי עס הויבט אן נאכט צו ווערען,
זיצט דער ריצערש אין פאנצער אויפ'ן פערד;
בלייך בלישצעט דארט אין הימעל א שטערען,
גאנץ טונקעל ווערט אויף דער גאנצער ערד.
הינטען אונ פארענט,
דאס פערד געשפארענט,
שטעהט ער אונ ווארט אויף דער כלה'ס ווארט,
אויף זיין ארט. —

אונ ווי דער זייגער צוועלף שלאגט,
קומט שטיל יענע וואלהייד געגאנגען,
אין א בלוטיג קלייד פון ווינד געיאגט,
געהט זי אין גאנצען פארהאנגען.
ער גיט זי א חאפ,
אונ דעם פערד א קלאפ,

און אנטלויפט מיט איהר געשווינד, און רייט,
אוועק ווייט. —

און רייט לאנג — זי זיצט שטילל דערנעבען,
ער וויעגט די כלה אויף די קניע :
— ביזט לייכט ווי א פעדער, מיין לעבען !
מאכסט דעם רייטער קיין ארבייט, קיין מיה".
— ווייל מיין ווייס קליידעל,
איז זעהר איידעל,
עס איז ווי נעפּיל דיין און לופטיג,
נאר טיפטיג".

זי נעמט איהם ארום מיט גאנצער געוואלט,
א שוידער לויפט איהם דורך די גלידער :
— ביזט מיין לעבען ! ווי א שטיק אייז קאלט,
דערוואַרעמט דיך מיין ליעבשאפט ניט ווידער" ?
— אין ארעם ביי דיר,
איז גאנץ ווארעם מיר,
אין מיין בעט פריהרט איטליכעס אבר,
ווי אין קבר".—

זיי רייטען גיך דורך לאנקעס און וואלד,
בלייך בלישטשען די שטערען צוזאמען.
— און האטש דו ביזט פון דרויסען אייז קאלט,
אבער דיין הארץ אין דיר מוז פלאמען".
רודאלף לעב ! ביזט מיין,
רודאלף לעב ! בין דיין,
אונז ווערט קיין גיהנם, קיין גן עדן,
צו שיידען". —

און זיי פליהען נאך געשווינדער צו,
עס פליהען אויך אוועק די שעה :
„איך בין דערלייזט, איך געה אין מיין רוה,
איך האב מיין חתן, ער איז שוין דא.
דו ביזט אייביג מיין,
איך בין אייביג דיין,
אונז ווערט קיין גיהנם, קיין גן עדן,
צו שיידען !" —
צו בלאזען הויבט אן אויף מזרח זייט,
און זיי לויפען איבער שטאק און שטיין,
שטיל ווערט די כלה פון צייט צו צייט,
און קעלטער, און קעלטער, מיין און מיין.

פלוצלינג קרייעט א האָן —
זי גיט איהם א חאַפּ אָן.
און שלעפּט דעם חתן אראָב פון פערד,
צו דער ערד. —

שאַה! שאַה! ווער פון זיי שטארקער ווייהעט,
האָט זיך די לופט מיט דעם ווינד געוועט:
עס ווערט טאָג, דער האָן האָט געקרייהעט.
„חתן לעב! די כלה וויל איהר בעט,
קום אריין, קום אריין,
ביזט שוין מיין, ביזט שוין מיין,
אונז וועט קיין גיהנם, קיין גן עדן,
צו שיידען“. —

מיט אייז קאַלטע ליפּען, ווי פּגרים,
האָט זי זיין ציטערדיקע באַק געקישט.
ער פיהלט א ריח ווי פון קברים,
ער ווערט גאַר אין גאַנצען ווי פארמישט...
מיט פארגלייסטע אויגען,
צו דער ערד געצויגען,
האָט די כלה דעם חתן געפיננען,
דאָרט דרינגען...

די פליג.

(פאַבעל)

א שווערער וואגען מיט פעסער וויין,
איז פארפאַהרען אין א זומפּ אריין.
דער פוהרמאַנן האָט אלס אין דער וועלט געטיהען,
און די פערד האָבען נישט געקענט ארויסציהען:
ער האָט זיי גע׳הרג׳עט, געשמיסען,
די שטריק האָבען זיך אזש צעריסען,
ער האָט ווידער געקניפּט און געבונדען,
פון די בידנע פערד די הויט געשונדען,
און ניין, און ניין, און ניין.
דער וואגען בלייבט אלס שטיין. —
א פליג, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם וואגען,
הייבט אָן, צו זיך אליין אזוי צו זאָגען:
„דער שוטה! קוקט גאַר נישט צו מיר אהער,
„אז איך מאַך דאָס דעם וואגען אזוי שווער,
„איך וויל איהם אבער די טובה טיהען,
„און שוין פון דעם וואגען אוועקפליהען“.

זי פליהט אוועק, און זאגט זיך אין דער ברייט:
„פאהרט שוין, פאהרט שוין, פאהרט אייך געזונדערהייט". —

גוטע ברידערלעך! לאזט מיך געמאך,
אזעלכע טובות, טהוט איהר אויך א סך. —

יצחק־בער לעווינזאהן.

יצחק־בער לעווינזאהן — העברעאישער שריפטשטעלער, פאטער פון דער השכלה אין רוסלאנד. געבארען דעם 2טען סעפטעמבער (לויט דער יוד. ענג. ענצ. דעם 13טען אקטאבער) 1788 אין קרעמעניץ, וואהלין, ביי א זעהר אנגעזעהענער פאמיליע. געשטארבען דארטען דעם 12טען פעברואר, 1860. ניט קוקענדיג אויף זיין פאראכטונג צו דער אידישער שפראך, איז ער דאך אין דער זעלבער צייט, געוועזן איינער פון די ערשטע אין רוסלאנד, וואס האט אונדירעקט ארויסגערופען צו שאפען אן אידישע וועלטליכע ליטעראטור. די פאלגענדע סטראפען זיינען פון זיין איינציגען ליעד אין אידיש, און זיי ווערען דא געבראכט מעהר צוליב זייער שפראך ווי צוליב זייער פאעטישען ווערט. דאס ליעד געפינט זיך אין ילקוט ריב"ל (לעווינזאהן). ביבל. יוד. ענג. ענצ. 8, 42—45; ד. מ. הערמאלין, „לעווינזאהנ'ס ביאגראפיע"; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אזו שמועסט לבן הכזבי אליין צו זיך.

עס לאזין זיך אוים דיא גוטע צייטען,
וואס איך פלעג אויף קהל רייטען.
זייא האבען גיגעסין מיט לעפיל,
אונ איך מיט שעפיל.

אז ביי מיר פלעגט זיין דיא אסיפה,
האב איך געהאט פרנסה בשפע, —
פערבייא דיא גוטע צייטען,
וואס איך פלעג אויף קהל ארום רייטען.

קהל וועט אויך באלד אוים ווערין,
וועט שוין מיין פרנסה גאנץ אויפהערין,
איך וועל בלייבען אן געלד,
א פנים וויא חוזק בייא דער וועלט.

נאך ד א ס פעהלט מיר, פורים אין לאנד!
ער שטעהט שוין אונטער דער וואנד,
ער איז שאן גאר נישט ווייט,
וואס וועל איך טוהן מיט דיא ארמע לייט?

אזו שמועסט לבן הכזבי אליין צו זיך,
דרעהט מיט דיא פינגער, שמיך, פיך, דיך,
אונ גיט א פייף, עס איז שוין ניט שלעכט,
אונ האט זיך דער ווייל דעם ספאדיק פערעכט.

ישראל אַקסענפעלד.

ישראל אַקסענפעלד — איינער פון די ערשטע בעדייטענדע אידישע שריפטשטעלער. געבאָרען אין פּאָדאָליען ארום 1798. פונקט אין נענענזאָץ פון לעוויגזאָהנ'ען, האָט י. אַקסענפעלד בלויז אין אידיש געשריבען און האָט זיך פערהאַלטען צו דער אידישער שפּראַך מיט א באַזונדערער ליעבע. געשטאָרבען איז אַקסענפעלד אין פּאַריז, 1868. איך ברייננ דאָ א פּאָר פערזען פון איינער פון זיינע טעאַטער־שטיקער מיט'ן נאָמען „דער ערשטער אידישער רעקרוט“. ביבל. דר. מ. פּינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור„; ל. וויענער, “Yiddish Literature” יוד. ענג. ענצ. 1, 314; ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

דער וואָילער יונג.

לאָזט מען מיך ניט אריין נעבטיקין,
מיך, דעם גיטין נחמן דעם גרויסין,
שלאָפט נחמן ביז אין טאָג אריין אין לעבטיקין,
טאַקע גיט אף אוואַגין אין דרויסין.
אמאָהל לייד איך הינגער אין קעלט,
איינער זידילט דער אנדערער שעלט,
נחמן שטעלט אלע ארוים א צינג,
אין טאַנצט מיט כלי־זמר אין מיט'ן רינג.

פרימילע איז א שען מיידיל אין איך האָב זי ליב,
אין דער פאָטער לאָזט מיך ניט אריין אין שטיב,
אבער אף דער גאַס קיק איך זי אָן
אין זי קיקט אף מיר וויא די הין אף דעם האָן.
אמאָל לויף איך צי אין גיב א גלעט,
וואָס זי לויפט אַוועק, דאָס איז ניט קיין גט.
פרימילע איז שען אין קליג, אקוראַט נאָך מיין מאָם,
מיין מאָם איז א ברייט אין אַפּיל גלאָז.

אייזיק מאיר דיק.

אייזיק־מאיר דיק (אמ"ד) — אידישער און העברעאישער שריפטשטעלער. געבארען אין ווילנא, 1807. אלס משכיל האט ער געקוקט אויף אידיש פון אויבען אראפ. טראץ דעם האט ער פופציג יאהר פון זיין לעבען אבגעגעבען דער אידישער ליטעראטור, פון וועלכער ער איז ביז צו זעהר א הויכען גראד געווען דער פאטער און באשעפער. אייזיק־מאיר דיק איז געווען דער ערשטער אידישער ראמאנען־שרייבער און וועלטליכער ערצעהלער, וואס האט גוט געקענט דאס אידישע לעבען און האט עס געשילדערט זעהר לעבעדיג און מיט ניט ווייניג הומאר. צווישען אנדערעם האט ער אנגעשריבען א רייהע ליעדער אין אן עכט אידישלאכען נאציאנאל־רעליגיעזען טאן. געשטארבען איז א. מ. דיק אין זיין געבורטשטאט, 1893. ביבל. „אידיש דייטשע ליטעראטור אין דייטשלאנד, פוילען און אמעריקא" פון מ. גרינבוים; ז. רייזען, „לעקסיקאן"; יוד. ענג. ענצ. 4, 576.

איין ליד אויף פרייטיג צו נאכט.

א, דו שבת, דו היילינגער גיבענצטער טאג,
דו בעפרייער פון זארגען, פון קלאג אונ פלאג,
ציהע איין צום גליק מיט פריידען אונ פרידען,
אין די הייזער פון דיינע פרומע אידען.

נור צוליב דיר ווערען די טישען געדעקט;
די בלאנקע לייכטער מיט ליכט בעשטעקט;
דערצו נאך שענערע קליידער אנגעטאן —
יעדערער נאך זיין פערמעגען, ווי ווייט ער קאן.

דען ווי מען ציהט נאר אן דעם שבת הוט,
בעקומט מען שוין גאר איין אנדערען מוט.
עס פאלען אראב אלע פינסטערע זארגען,
מען קימערט זיך ניט אום דעם איבער־מארגען.

מען בעקומט שוין גאר נייע געטליכע קרעפטען,
מען רעט שוין ניט מער פון וואכען געשעפטען;
אלע הענדרע אין דיר רוהען און ראשען,
עס ווערט שוין רוהיג דאן אין אלע גאסען.

א, זעלבסט ביי דעם בעסטען אונ טייערסטען וויין,
ביי קיינעם באל קען מען אזא לוסטיג זיין,
ווי ביי דעם מאלצייט פון דעם פרייטאג צו נאכט,
וואס עס ווערט נאר צו ליב דיר שבת קודש געמאכט.

נון ציהע מיט גליק מיט פריידען אונ פרידען,
אין די הייזער פון דיינע פרומע אידען;
מען ווארט שוין דארט אויף דיר שטונדין לאנג,
אום אויף צו נעמען דיך דארט מיט זאנג און קלאנג.

איין ליד אויף שבת צו נאכט.

א, דער הייליגער שבת איז שוין אוועק,
אונ מיט דער זיסע מנוחה נעמט שוין איין עק,
דען עס שליסען שוין איין די זארגין ווידער,
ווי גאנץ שווערע קייטין די מידען גלידער.

עס איז זוי צום מוטה ווי יענעם פאר ליבטען,
וואש ווער דארט אין דאש וואונדער לאנד עגיפטין,
פון זיינער היים גיליבטע ברויט אויף גיוועקט,
אויש דעם ווייכען ווארעמען געלעגער אויף גישרעקט.

אום אריין צו שפרינגען אין דעם רוישענדען „ניל",
גאנץ בעגינען אלס עס איז נאך דרויסין קיל;
אום אים אריבער צו שווימען גאנץ גיך אונ שנעל,
בעפאר עס וועט אויש טאגין אונ ווערין העל.

א! צו וואש דאש זוכין דעם סמבטיון גאנץ וויט,
ווען מיר האבען איהם אין זיך אונ ביי דער זייט;
גאנצע זעקס טעג לייפט ביסטרע דער זארגענשטראם,
דורך דעם איינגען אונ העכסט שמאלען הערצענס בראם.

ער שלעפט מיט זיך הארטע זארגין וויא שטיינער,
וואש ברעכט דעם שווימער דעם מח אונ די ביינער;
ער רוישעט אונ לארעמט, זידעט אונ קאכט,
דאש אויש גרויש שרעק טיר דער נשמה פאכט.

דיזער שטראם רוהעט נור אין דעם הייליגען טאג,
דורך גאטעס בעפעהל דורך זיינען הייליגען זאג,
וואש צווינגט אונ קלעמט איין דיזעם רוישענדען מעער,
דאש ער זאל זיך ניט קערין אהין אונ אהער.

א, וואלט שוין דער אייביגער שבת קומען,
דאש דיזער סמבטיון זאל אויף אימער שטומען;
דאש דיין פאלק ישראל דיינע פרומע אידין,
זאלין שוין זיין מיט זייער לעבין צו פרידען!

דער ווײַלע ערלויבע דאָש אויף דיזע נאַכט,
זאָל ווערין מיט דיר קיניגין שבת צו גיבראַכט:
ביי אײַנעם מאָלצײַט מיט דיר זיך פרייען,
זמירות זינגען, ביז דער האָן וועט קרייען...

אברהם-בער גאָטלאָבער

אברהם־בער גאָטלאָבער (אב״ג)—העב־רעאיש־אידישער דיכטער און פּובליציסט, נעבאָרען אין אלט־קאָנסטאַנטין, וואהלינער גוב. דעם 14טען יאנואר, 1811. נאך אין 1829 האט ער אונטערן איינדרוק פון מענדעל לעפין׳ס כתבים געשריבען ליעדער אין דער אידישער שפּראך, וועלכע ער האט אמת געליעבט. אייניגע פון זיינע ליעדער ווי „אַ זיפץ״, די באלאדע „איש חסיד״ און אנדערע זיינען געוועזען זעהר פּאָפּולער אין זייער צייט. די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז דער אלטער דיכטער בלינד געוועזען און האט זיי צוגעבראכט איינזאם. געשטארבען איז אברהם־בער גאָטלאָבער אין ביאלאסטאָק, דעם 12טען אפּריל, 1899. ביבל. ל. וויענער, “Yiddish Literature” אינדעקס; יוד. ענג. ענצ. 6, 54-55.

אַ זיפץ.

גיב מיר מיין יוגענד צוריק!
גיב מיר די קינדערשע צייט.
דאס איז געוועזען מיין גליק,
יעצט איז דאס גליק פון מיר ווייט.

איך האב פון מיין כבוד געוויסט,
איך האב נאר די וועלט ניט
געהערט;
איך האב מיך געשפּילט אויף דעם
מיסט,—
קיינער האט מיך ניט געשטערט.

מיסט, איז אויך דאס וואס איך וויל,
אצינד אויף די עלטערע טעג,
עס מאכט מיר דעם קאפּ אבער דילל,
איטליכער שטעהט מיר אין וועג.

וואס איך וויל, וויל יענער אויך.
שטארקער פון מיר וויל ער גאר:
מיר דארט נאר תמיד דער מח,
עס ווערען מיר גראה אלע האאר.

עס האט זיך מיר חכמה פערגלוסט—
זיא צו דערלאנגען איז שווער,
אצינד זעה איך — עס איז גאר
אומזיסט. —
נארישקייט גילטען דאך מעהר

מענשען וואס בענשען פאר געלט,
לויפט מען נאך און מען שרייט:
נעהם!
זעהט נאר ווער געלט אין דער וועלט.
אייניקלעך פונ׳ם „בעל־השם״.

איין קלאָג.

ניט נאר דארויף וויין איך און קלאג אצונד,
וואס מיין פאלק איז אין גלות דורכאויס:
עס טהוט מיר נאך וועה נאר די אלטע וואונד,
אז איך דערמאן זיך געהט מיר דאס לעבען אויס.
פאר מיינע אויגען שטעהט מיר נאך דאס בילד,
וואס מיין פאלק האט געליטען און ליידעט נאך איצט:

דאָס אידישע פּנים איז איין אמת'ע שילד,
דאַרויף איז זיין געשיכטע אויסגעקריצט.
איך הער נאָך דאָס געוויין און זעה דאָס בלוט,
וואָס מיין פאָלק האָט פערגאָסען יעדען טאָג.
האָבען זיי דען געהאַט כאָטש איין בערוהטע מינוט,
דאַריבער וויין איך אַזוי און יאָמער און קלאָג...

איש חסיד.

באַלאַדע.

פאַר גאַנץ לאַנגע צייט,
דערצעהלט מען ביי לייט,
איז א חסיד א פרומער געווען;
א חסיד, דאָס הייסט,
ווי איטליכער ווייסט... —
דאָס פערשטעהט איהר מסתמא אליין:

א ווייב, איין אנטיק,
און קינדער פינף שטיק,
נאָר קיין ברויט איז אין שטוב ניט געווען;
דאָס ווייב לאָזט ניט רוה,
די קינדער דערצו:
גיב אינז עסען — מיר וועלען אויסגעהן!

ער געהט אום פערשמאַכט,
ביז שפּעט אין דער נאַכט:
„אוי, ביז וואַן איז דער שיעור מיר צו געהן?"
במחשבות פערטיפט,
ער האָרכט ווי מען ריפט —
און דערזעהט פאַר זיך עמיצען שטעהן.

מע גיט איהם די האַנד,
אזוי ווי בעקאַנט,
און מע פרעגט איהם וואָס ביסט דו פערטראַכט?
ער ענטוועדט איהם שטיל:
„דער קאָפּ איז מיר דיל:
אוי, פערשוואַרצט וועד איך טאָג אַזוי נאַכט!

נאָר צרות און לייד,
קיין עסען, קיין קלייד,
ווי נ'אפּסאַרני איז אין שטוב ביי מיר קאַלט;
דאָס שטיקעלע ברויט

איז שווער ווי דער טויט —
און מע ווערד פון דעם גיך גרוי און אַלט..."

— אַט הער נאָר, מיין קינד,
דו ווייסט וועמען צינד
האָסט אַ זכיה פאַר זיך דאָ צוזעהן? —
איך בין... אנו טרעף,
פון הימעל דער שעף —
אליהו הנביא אליין!

איך וויים וואו אַ סוד,
איך האָב דורך אַ חאָר,
וואו דו ווילסט קאָנסט דו טרעפען מיך דאָרט:
איך וואקס פּלוצים אויס,
און איטליכעם הויז,
ווי מערעדט נאָר ארויס מיר אַ וואָרט.

און פּסח ביים טיש,
צו קידוש, צו פיש,
צו די סדרים דורכאויס מוז איך זיין:
און גאַנץ אויבענאָן,
דאָרט גרייט מען מיר אָן,
אַ בעזאָנדערען בעכער מיט ווייז.

און וואו נאָר סע איז —
עס טרעפט זיך אַ ברית,
קום אהין איך צי לויפען גאָר גיך,
און פליה נאָך אַ הויז,
אַרים ווי אַ בליץ,
אימעטים בין דאָך איך דער שליח.

אַט היינט בין איך היא,
און מאָרגען גאַנץ פריה —
אויף צוויי ברית'ען — דאָס מוז איך נאָך זיין:
אין אַלט־קאָסנעטין,
ביי דייטשעל אין וויען —
דאָ אי דאָרט איז דער ברית זייגער ניין.

„אוי זיידעניו הערט,
אַז מיר איז באַשערט
אליהו'ן צי זעהן דאָ היא,
טאָ העלפטזשע מיך אויך

מיט אייער גאט'ס כח...
וואס? עס דארף אייך דען קאסטען פיעל מיה?

איך גיב אייך דאס ווארט,
אט דא אויפ'ן ארט —
איך וועל פרום זיין, און עהרליך, און פיין:
און צדקה אהן א שיעור,
וועט פאלען־פון מיר —
אזא צדיק ווי איך וועט ניט זיין!...

דער זיידע האט געהערט,
האט לאנג ניט געקלעהרט,
טהוט א זאג באלד צום חסיד גאנץ שטארק:
— דו נעם מיך און בינד
און פיהר מיך געשווינד
אפ אהין, ווי עס שטעלט זיך דער מארק.

און פרעג נאר דארט רעכט,
ווער דארף זיך א קנעכט,
וואס קאן אלסדינג טהון אין דער וועלט?
פערקויף מיך, נישט טראכט,
און גיך אפגעמאכט
דו וועסט נעמען פאר מיר א סך געלד!

„אוי זיידעניו, ניין!...
ווי קען עס געשעהן,
אז א קנעכט זאל פערקויפען זיין הארר?
איך וועל עס נישט טאן,
אייך פאר א מיליאן,
ניין, איך וויל נישט, איך קאן ניט קיין צער!"

— דו שוטה, איך וויים, —
נאר טהו, וואס איך היים,
מן הסתם אז מע שמיסט דא מיט דיר!
טא זיי ניט קיין נאר,
דו ביסט שוין מיין הארר —
שטעה ניט, נעם מיך און בינד מיך און פיהר!...

א פריץ דארט שטעהט,
דעם יודען דערזעהט,
אויף דעם מארק מיט א קנעכט דארטען שטעהן:
— וואס קאסט אט דער העכט,

דער דאַזיגער קנעכט?
— כ'וויל אכט הונדערט מאָל טויזענד גילדיין:

עס איז קיין סך געלד, —
און וואָס אין דער וועלט
וועט ער מאַכען דיר קריגען אַלסדינג: —
דו ווילסט דיר אַ הויז, —
אַט בויעט ער דיר אויס,
מיט דעם קיק ווערד זי פאַרטיג גאַר גרינג!"

— מע דערקענט אין איין בליק,
ער איז איין אַנטיק...
וויפיל טעג דאַרפסט דו בויען אַ הויז?
„אַ הויז? וואָס הייסט דאָס,
וואָס קלעקט דאָס מיר וואָס? —
אויב דו ווילסט, בוי איך אַ שטאָדט דיר באַלד אויס.—

„פאַרגעס ניט דאָס אויך,
אַז ניט מיט קיין כח
טהו איך מאַכען אַלסדינג, וואָס איך מאַך:
די האַנד מיינע שאַפט,
מיט הימלישען קראַפט,
און מיר העלפען מלאכים אַ סך.

„דו פריץ, גיב געלד, —
איך מאַך דיר אַ וועלט,
עס ווערד פאַרטיג ביי מיר אין איין נאַכט..."
דער פריץ הערט אויס,
און צעהלט געלד איהם אויס.
נאַר מיין חסיד האָט לאַנג נישט געטראַכט...

דער קנעכט איז פערקויפט,
דער חסיד אַנטלויפט,
ער פערפיהרט אזש דעם „זייט מיר געזינד":
ער הערט נישט קיין וועלט,
ער האָט שוין היינט געלד —
אליהו'ן פאַרגעסט ער געשווינד...

מע זאָגט: אין אַ צייט,
ווי ס'פיהרט זיך ביי לייט,
האָט שוין קיינער דעם חסיד דערקענט:
אויס חסיד אויס־אויס.

אוים חסידות, אוים קלויז,
א כל־בויניק, געמט גרויסען פראצענט:

מיין חסיד, איהר זעהט?
געהט דייטשעס געקליידט,
און דאס וויב זיינס, אז אך איהר און וועה!
ער האט זי שוין פיינט,
און זאגט שוין גאר היינט,
אז מע דארף ביי זיך האבען נאך צוויי...

פון צדקה ווער שמיסט?
די טרחה איז אומזיסט —
מע דארף רייסען איהם פון די צאהן...
פרעגט מיך נישט מעהר,
„ווער איז ער אט דער?“
אוי, איהר ווייסט איהם, איהר קענט איהם אליין.

אליעזר־צבי צווייפעל.

אליעזר־צבי הכהן צווייפעל — באוואוסטער העברעאיש־אידישער דיכטער און פובליציסט. געבארען דעם 15טען אפריל, 1815, אין מאהיליעוו. ווי גאטלאבער און אנדערע נעצעהלטע העברעאישע שריפטשטעלער פון יענער צייט, האט זיך אויך צווייפעל באצויגען צו דער אידישער שפראך מיט א באזונדערער ליעבע. געשטארבען איז ער דעם 18טען פעברואר, 1888, אין גלוכאוו, טשערניגאווער גובערניע. די פאלגענדע צוויי סטראפען זיינען אן אויסצוג פון זיין סאטירישער פאעמא „אהער און אהין". איך ברייננ דא זיינע ליעדער פראגמענטענווייז, ווייל די מעהרסטע פון זיי זיינען אזוי לאנג, אז ס'איז אונמעגליך איבערצודרוקען זיי אין גאנצען. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 12, 707־708; דר. מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור"; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אהער און אהין.

איך בין שוין אלט, מיט יאהרען זאט,
בין שוין אריבער דעם וועלט־ים כמעט;
ס'זעהט זיך שוין דער ברעג וואו מע דארף ארַאפּ. —
איך האב נאך מיין הארץ, האב נאך מיין קאפּ,
פאר אלעס, וואס גוט, האב איך נאך זין,
אבער דאך האלט איך ביי'ם געהן שוין אהין.

פילערליי בלומען געפינען זיך אין א קייזערליכען גארטען,
טייערע, זעלטענע שאנע, פון אלערליי סארטען;
אין גאט'ס וועלט זיינען דא פערשיעדענע גלויבען,
אלע דאנקען און בעטען גאטט פון אויבען;
ס'קען זיין אייניגע פעהלען, האבען א טעות דערין,
אבער צילען — צילען אלע גלייך ארויף אהין.

ודוי.

(פראגמענטען)

ווען מען מער וויא דיר, בין איך באקאנט, —
שטענדיג האסטו מיך גיפירט פארין האנט.
אין גימיינהייטין האב איך פערצערט מיין לעבין,
אויף דיר האף איך מיינע זינד מיר פאר געבין.

גליקליך איז דער וואס האט גיצייילט זיינע טריט:
גליקליך, ווער עס האט זיין צונג פון שלעכץ גיהיט:

גליקליך, ווער עס האט אויף קיינעם קיין שלעכץ גיטראכט;
גליקליך, ווער עס האט אין פרומקייט זיין לעבין פארבראכט.

גליקליך, ווער עס האט גיוואוסט תמיד זיין ארט;
גליקליך, ווער עס האט קיינעם ניט אן גירירט מיט א ווארט;
גליקליך, ווער עס האט זיינע תאוות פאר בויגין.
און איז מיט זיינע גידאנקין צו דיר ארויף גיפלויגין.

צום טויט.

(פראגמענט)

פאר דיר בייזער שרדה ! — בעקלערענדיג איז א שרעק —
לייגט דער גרעסטער העלד זיין גיווער אוועק ;
דער קארגער זיין בייטיל, דיא חכמה איר לוין ;
דער פארליבטער זיין ליבע, דער קעניג זיין קרוין.

בערל בראָדער.

בערל בראָדער (מארגאַליס) — איינער פון די ערשטע אידישע דיכטער אין גאַליציען און פון דעם קרייז פּאָלקס־ווייז־קעלער זינגער, וואָס זיינען באַקאַנט מיט'ן נאָמען „בראָדער זינגער". געבאָרען אין בראָד אין יאָהר 1817. איז אויך געווען איינער פון די ערשטע פּערזענליכקייטען מיט וועמען דאָס אידישע טעאַטער האָט זיך אָנגעפאַנגען אין גאַליציען. פּיעל פון זיינע ליעדער האָט בערל בראָדער ניט נאָר אָנגעשריבען און אָבגעדרוקט, נאָר אויך געזונגען מיט אייגענע פארפאַסטע מעלאָדיען און גאַנץ אָפט פּערזאָניפּיצירט זיי אויפ'ן שטיינער פון טעאַטער, האָבענדיג אַליין די ראָלען דורכגעפיהרט. געשטאָרבען איז בערל בראָדער ארום 1880 אין פּליעשטש, א קליין שטעטעל אין רומעניען. אזוי האָט דריי יאָהר נאָך זיין טויט דערצעהלט אַ אלטער וואַנדרער, וואָס איז פון דאָרט געקומען. דאָס ערשטע און דריטע ליעד ווערען געבראַכט פראַגמענטענווייז, צוליעב זייער שטאַרקער צוציינענקייט.
ביבל. „מיטטיילונגען צור אידישען פּאָלקסקונדע"; א. ליטווין, אין „צוקונפט", דעצעמבער, 1914.

איין ליד פון דעם גילדענים מארגין.

צו'ם גאָלדינים מאָרגין ער וועקט אייך גרוס אונ קליין,
אונ דאַנקט דעם לעבידיגען גאָט !
ווען דיא זין הייבט נאָר אָן אוף צוא גיין,
דורך זיין גיבאָט.

אַך מאָרגין מיט דיין אָנקומין,
דיא טוי דער קוויקט גאָר דיא ערד;
אַך וויא שיין איז דאָס אונ אָנגינומען
דאָס גיזאַנג פון פיינגעל אז מען הערט.
דאָס גראָז איז ביי'ם קאָלער ריין, גרון,
אונ דאָס קנאָדיקעל שוויפּטשעט,
עס הייבט אוף אָז זומין דיא בוהן
אונ דאָס קליינע הינדעלע פּושטשעט.

דער בושעק איז שון פון דער נעסט אראָפּ גיפלוגין;
אונ דיא נאכטיגאל גיט ארום איר הוכען קלאנג...
איר מענשען רייסט אייך אוף אייערי אויגין
אונ דאנקט אונ לובט גאָט מיט איין גיזאנג !...

איין ליד פון איין וועכטער.

איך נעבעך אָרימער וועכטער
איך לוג אין דרוסען און טראַכט
פון אַ יעדען מענטשין איז מיר שלעכטער
ווייל פאר מיר איז ניט דיא נאַכט
איין מינץ בשעפעניש אוף דער וועלט
רוהט און דער נעסט וואָס עס האָט
און איך לוג און דרויסען ביים גיצעלט
אוף מיר איז נעבעך איין שטראָף פון גאָט.

גאָט זיסער גאָט דוא האָסט דיא וועלט בשטאַט
אוף אזו איין אופין
אפילו דער פון דעם קלענסטין גראַד
זאָל בייא נאַכט שלאָפין
פאר וואָס זאָל איך זיין אזו זינדיג
פון דיר שלאָפען צוא האָבען קיין נחמה
איך לוג אין דרוסין בשטענדיג
איך נעבעך זונדיגע נשמה.

בייא טאָג בין איך איין טרעגער
און בייא נאַכט איין וואַרטאָוניק
וויא איז נאָך פאר האנין ערגער
אלץ אוף צוא זיין שטיק אוף שטיק
איך זאָל מיר אום רוהען מייני ביינער
וואָלט איך גידאנקט גאָט
אַז עס גייט דורך איינער
מוז איך שרייען אכטאָ יודאָט.

שלאָף זיסער שלאָף דוא טייערער ברודער
מענטשען שטאַרקסטו מיט דיין קראַפט
רוה איך אום מייני גלידער
האָב איך אין מיר נייעם זאַפט
כדי אוף דער ערד דיא האַרטע
וואָלט איך מיך דער קוויקט מיט דיר
איך מוז גיין אוף דיא וואַרטע
און פאר וואָגילט ביסטו שלאָף פון מיר.

זימער ווער שמיסט און שלאַקס רעגין
און אוך דער דינער מיט דעם בלוץ
דער דינער איז אוף אלע וועגין

מכלשכן דאַ וויא איך זיץ
דער האָגיל קומט מיט גרוס שטאַרים
דער ווינד רייסט אוס אלי ביימיר
אונ איך לוג אין דרוסין אָרום
איך נעבעך זינדוגער שומר

ווינטער ווער שמיסט אין דיא גרוסי פרעסט
ווער איך נעבעך פאַר פרורין
דאַ האָב איך שון וויסטע קעסט
אז פארקאָוויט ווערין מיינע אוערין
מענטשען זעטען זיך מיט דעם שלאָף דעם גישמאַקין
אונ יעדער אוף זיין גילעגער
פון דעם פרוסט הער איך דעבער קנאַקין
פון דעם פרוסט בלייבט שטיין דער שטאָט זייגער.

נאָר מיט איינס טרייסט איך מיך
וואָס עס לאָזט מיר ניט צוא קיין דרימיל
גאַטס ווערק זעה איך
אונ בטראַכט דעם הימיל
עס איז נאָך פינסטער אין אלי ווינקלין
אונ אין מזרח שיינט שון לעכט
איך זעה דיא שטערין פינקלין
אונ אין מזרח איז שון טאָג רעכט

דיא לבנה מיט דיא שטערין
אונ דער הימעל איז ביים ריינעם קאָליר
אלי חיות טוען אין דיא נעסטען אריין זיך מערין
אונ לופין פאר בייא פאר מיר
דער האָן לאָזט הערין זיין קלאַנג
אונ פון דעם הימעל פאלט דער טויה
דיא נאכטוגאל לאָזט הערין איר גזאַנג
אונ איך מוז שרייען ווערד אויה.

איין ליד פון איין גרעבער.

גרוב, דיא גרוב, דיא בייזי זאַך,
ביסט פון אלעם פון דער וועלט אם ערגסטין.
הן פאר אָרום, הן פאר רייך,
אפילו פאר דעם שטאַרקסטין.
ווען איינער איז שון בייא דעם גרעסטין גליק,
אונ דאָס גרעסטי איז בייא אים גרינג,

קומט דער טויט אין איין אייגענבליק,
און דיא גרוב פארדעקט אלדינג...

וואס זענען דאס פאר איין ביינער,
וואס איך האב דא גיפונין ? —
עס איז גיוועזן איין מענטש איין שיינער
וואס ער האט זיך איבער גנימען.
ער איז גגאנגין אויסגיצויגין
כדי ער זאל אוים ווייזין העכער ;
אויף דעם אורט פון דיא אויגין
זענין צווייא טיפע לעכער.

מענטש, דיא מענש, אז דיא האסט גילעבט,
ביסט אקעגען מיר גיוועזן גישוועבט.
איצט ליגסטו וויא איין שטיק האלץ,
גאר אז קראפט אז שטאלץ...
דיא האסט זיך גישעמט מיט מיר
דורך דיין פיל האב.
אצונד ליגסטו און גוסט דיך קיין ריהר,
ווען איך דיין קבר גראב...

וועלוועל זבארזשער.

וועלוועל זבאַרזשער (בנימין־וואָלף **עהרענקראַנץ**) — גאַליציש־אידישער פּאָלקסדיכטער. **געבאָרען** אין זבאַראַזש, גאַליציען, אין יאָהר **1819** (לויט דער יוד. ענג. ענצ. 1812). איז געווען איינער פון די שעהנסטע פאָלקסדיכטער, **וואָס האָבען** געווירקט אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דעם אידישען **ליעד. זבאַרזשער איז יאָהרען** לאַנג ארומגעפאָהרען איבער גאַליציען, רוסלאַנד און רומעניען, וואו **ער האָט פארנעלעזען** און פאַרגעזונגען זיינע ליעדער. **זיינע ליעדער** „דער עלענדער זוכט דיא רוהע“ און דער טרעגער באַלאַנגען צו די שעהנסטע מוסטערען **פון דער** אלטער אידישער **פּאָעזי**. געשטאָרבען איז ער **אין** קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין יאָהר 1884 (לויט **דער** יוד. ענג. ענצ. 1882). ביבל. ל. **וויענער** “Yiddish Literature” 79-80; יוד. ענג. ענצ. 5, 73-74; **ז. רייזען**, „לעקסיקאָן“; דר. גוסטאַוו הערמאַן דאַלמאַן, „יודיש דייטשע **פּאָלקסליעדער** אוים גאַליציען און רוסלאַנד“ לייפּציג, **1888.**

דער עלענדער זוכט דיא רוהע.

זאָג מור, איך בעט דיך, דוא ווינד,
דוא שוועבסט דיך אויף דער גאַנצער וועלט.
ווייסט נישט וויא דער עלענדער זיך געפינט
ציא רוהען אַנגצעלט;
וויא רציחות האָט אויף געהערט,
מ'האָט קיין מאָל נישט געקלאָגט,
וויא קיין אויג האָט נישט געטרערט,
דער גערעכטער ווערד נישט געפּלאָגט?
דער ווינד שווייגט און בלייבט שטילל שטיין,
זיפצט און ענטפערט: „ניין, ניין“.

זאָג מור, דוא טיפעס, דוא גרוסעס מערר,
דוא שטראָעמסט אזו וואַט
באַ דיינע אונזלען הין און הער, —
ווייסט נישט ערגעץ אין אָזאָט,
וויא דער פּרימער געפינט א טרייסט:
צו רוהען אזיכער ארט:
ווייסט נישט וויא דוא שטאָט הייסט?
זאָג דאָס גיטע וואָרט. —
דער ים שטאָרימט און ברימט: „ניין,
איך האָב זוא איין ארט נישט געזעהן“.

דוא שענע לבנה מיט דיין פראכט,
דוא קיקסט דיך איבעראלל,
ווען עס אוז שטילל בא דער נאכט
פערדעקט מוט דער שווארצער שאלל.
דיא געהסט דיך אוים דוא גאנצע וועלט
תמיד דארך דוא נעכט.
ווייסט נישט ערגעץ איין געצעלט,
וויא דעם גיטען אוז נישט שלעכט? —
מיזעהט זיא אין א וואלקען באלד פערגיין --
זיפצט אין ענטפערט: „ניין, ניין".

זאגזשע דוא מור, מיין זעעלע פארט,
ליעבע אין האפפנונג דערנעבען:
וויא דוא זין געהט אויף יעדען ארט,
וויא געפינט מאן ארוהיג לעבען,
וויא קיין שלעכטס איז נישט דערבייא,
מילעבט נאר אין פריידען;
פון זינד אין זארג אוז מאן פרייא,
פון צרות אין פון לײדען? —
זע געבען אללע איין אנטווארט: —
רוהיג לעבט מאן אין הימעל דארט.

דער אומגליקליכער פערליבטער.

(פראגמענט)

אך! דאס איינע וואס מיך קוועהלט,
מאכט מיר דאס לעבען ביטטער;
אך! דאס איינע וואס מיר פעהלט,
בעצאהלען מיר נישט מיינע גיטער.
דער ליעבעס שטיממע מיט שיינעם געזאנג,
הער איך פין יעדען עק.
נאך יעדען טאג וואס גייט אוועק,
טיהט מיר זייער באנג.

וואס טוג מיר דער יוחס, דער שיינער ראנג —
מעהר פין א מענש בין איך נים.
איינס גלאנצט פאר מיר זייער בלאנק,
צים הימעל לענקט איהר שריט.
דער גילדענע יוחס האט דיך קיין ווערטה,
נישט דאס איידלע בלוט;

דיא מענשען קערען זיך אים צוא דער ערד
אין דיא ליעבע ניט.

איך וויל נישט הערען וואס מען רעד,
איך וויל נישט וויססען ווער דיא ביזט:
עס ציהט מיך צו דיר איין מאגנעט,
וויא א קינד צוא דער מיטטערס בריסט...

דער טרעגער.

עס געהט איין אַרים מאַן, דרעהט זיך היז אין הער,
קלאַגט אין שרייעט עס איז איהם צו ערטראַגן שווער:
„דיא משא בייגט מיך צו דער ערד" — קרעכצט ער נור אין וויינט —
„איך ווייס נישט וואס דער הערר גאָטט מיט מיר מיינט..."

עס פרעגט איהם יעדער — ווער איהם טרעפט: —
ווער ביזט דיא אין וואס איז דיין געשעפט?
טאָג אין נאכט געהסט דיא קלאַגסט נור אין וויינסט,
אין קיינער ווייס נישט וואס דיא דאמיט מיינסט.

„איין אַרימער טרעגער בין איך" — ענפערט דער מאַן.
„שלעכט איז מיר, עס קאַן ערגער נישט זאַן:
הענד אין פיס געבינדען אין בין זעהר קראַנק, —
אין טראָג דיא שווערע משא אזו לאַנג".

עס זאָגט איהם יעדער, ווער נור איהם אַנקיקט: —
דיא ביזט גאַר משוגע, דיא ביזט פעריקט!
איך זעה נישט דיא זאַלסט זיין געבינדען, וויא דיא זאָגסט, —
אין וויא איז דיא משא, וואס דיא טראָגסט? —

„הער מיך צו, זאָגט ער, איך וועל דיך מאַכען קלאַר —
אויף דיא פּלייצעס טראָג איך שון זעכציג שווערע יאָהר:
אויף מיין קאָפּ טראָג איך מיין עלענד אין מיין נוט, —
דיא שווערע דאגה — וויא נעמט מאַן א שטיקעל ברוט".

„אין מיין הארץ טראָג איך מיין ווייב אין קינד,
אין פין דער ליעבע נאָך איין אלטע ווינד. —
איך בין שון אלט דיא ווינד שפיר איך דאָך —
וואס ווילסט דיא, מענש! מענש! וואס ווילסט דיא נאָך?!

„אויף מיין האלז טראג איך. — איך בין עס נישט אימשטאנד —
אך! דיא שווערע געזעצע פון דעם לאנד:
אויף מיין מויל טראג איך א שלאס א שווערען —
איך טאר נישט רעדען, איך מוז נור אלץ הערען.

„נור דער טוט קען מיר היילען דיא ווינדען. —
איך וואלט עס געטיהן, נור איך בין געבינדען.
וועגען מיין ווייב אין קינד טראג איך אלץ דעם יאך —
וואס ווילסט דיא, מענש! מענש! וואס ווילסט דיא נאך?!

עס הערט איהם צו יעדער וויא ער נעביך קלאגט,
בעדויערט איהם וויא ער איז שטארק געפלאגט,
אין טוהט א זיפץ אין געהט אוועק באלד — —
אין ע ר געהט ווייטער אין שרייעט געוואלד.

עס בעגעגענט איהם איינער מיט רחמנות פארט,
טרייסט איהם אין זאגט איהם דאס גיטע ווארט: —
„קים מיט מיר וועסט דיא פערגעסען אין דיין נויט,
בא מיר וועסט דיא רוהען — איך בין דער טויט".



שלום בערנשטיין.

שלום בערנשטיין — איינער פון די פאָפולערסטע אידישע פאָלקסדיכטער. געבאָרען ארום דעם ערשטען פערטעל פון 19טען יאָרהונדערט, אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק, רוסלאַנד. מאַנכע פון זיינע ליעדער ווי די „יונגע טרעהרען" און אנדערע, האָבען א זעלטען פיינעם לירישען ציטער, וואָס דערצעהלט פון גרויסער אויפריכטיגער דיכטונג. אין 1880 איז אין וואַרשוי ארויס א זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאָמען „מאַגאַזין פון „יודישע לידער". געשטאָרבען איז שלום בערנשטיין צווישען די זיבעציגער און אכציגער יאָהרען, ביבל. ל. וויענער "Yiddish Literature" 82־83־85־88 ; ז רייזען, „לעקסיקאָן".

יונגע טרערען.

(על משכבי בלילות)

עס האָט שוין 12 געשלאָגען,
עס איז שוין האַלבע נאַכט.
איך ליג נאָך פאַרטראַגען,
איך ליג נאָך און טראַכט:
אין דען שוין ניט צייט
אנשלאָפין צו ווערען? —
פון שלאָפין בין איך ווייט, —
דיא אויגן גיססען טרערען.

דיא לבנה שיינט איבער מיר
מיט איהרע בלאַססע שטראַהלען,
עס שלאָגט שוין זייגער פיר —
מיין שלאָף איז שוין פערפאַללען.
זיסע חלומות שוועבען,
פערגרעססערן מיינע ליידן,
אוי! א ביטער לעבען —
מיט דיר אין חולם צו ריידן...

פלוצים זעה איך לייכטען,
וויא דער מאָרגענשטערן, —
איך וויים ניט וואָס צו טראַכטען,
איך וויים ניט וואָס צו קלערען...
איך זעה דיך פאַר מיר,
ווייא א מלאך שטעהן, —
איך טיה מיך נאָר א ריהר, —
אוי! ס'איז א חלום גיוועזן.

דאָס הארץ וויל ניט ריהן,
איך האָב מיך אומזיסט גילעגט, —
איך וואַך — חלומות פליהן, —
דאָס קישען איז אוים גיוויינט.
אזו טריקען איך מיר אליין,
מיינע הייסע טרערען,
ביז דיא זון הייבט אָן אוף גיין,
עס הייבט אָן ליכטיג ווערען.

דיא זון איז שון אוף גיגאַנגען,
באַלייכט מיין פינסטערן גייסט:
איך הער דיא פייגעלעך זינגען,
יעדעס אין זיין נעסט.
— טייערע פייגעלעך פליהט,
צו מיין נשמה אומגיטראַכט,
זיא האָט אודאי אוך ניט גיריהט, —
וויא איך, דיא נאַכט פאַרבראַכט.

איר פייגעלעך קומט באַלד צוריק,
אונ זאָגט מיר וואָס זיא טוהט. —
צו זיצט זיא אומידיק,
צו פרעהליך, שטיל אונ בארוהט? —
איר ווערט זיא דער קענען אופען אָרט:
פערטראַכט אונ אָן געלעהנט,
זיצט זיא באַם פענסטער דאָרט,
אונ דיא אויגען זענען איר פאַר וויינט...

זאָל איך אפשר קלערען.
אז זיא מיינט עפּים דער בייא? —
מיר זאָגען פאַרט דיא טרערען, —
זיא איז מיר באמת גיטרייא.

נאָר א שרעקליכר גידאנק
קומט מיר פּלוצים אופען מח —
טאָמער איז דאָס ניט אוף לאַנג —
גייט מיר אוס מיין כח.

דיא פאלשע האָפנונג.

(פראגמענט)

דיא וועלט איז גרוס, דיא וועלט איז ווייט.
דער מענש זוכט נאָר זיין גליק־שטערען:
דיא האָפּפענונג טרייסט אים אין דער שלעכטער צייט:
עס וועט דיר שיינען, דיא ווערט אוף גירעכט ווערען.
גילדענע בערג זאָגט זיא אים צו;
טויזענדטער מאכט זיא אים פון איין גראָשען —
וויא א פונק פייער, אזו איז זיא. —
אָט שיינט זיא, אָט לייכט זיא, אָט ווערט זיא פערלאָשען:
זיא בעווייזט זיך אין געטליכען גישטאַלט:
זיא קוויקט אים איטליכעם אבר... —
אזו ווערט ער גראָ, אזו ווערט ער אַלט,
אזו באַלייכט זיא אים אין קבר.

שלום עליכם.

(פראגמענט)

שלום עליכם, מלאכים פיינע!
שלום עליכם, מלאכים מיינע!
שלום עליכם, ווייב און קינד!
שבת קודש איז צו גיזינד.
שלום עליכם, גוטע פריינד!
שבת קודש איז דאָך היינט.
שלום עליכם, זיידעס, באָבים!
שלום עליכם, ליבער שבת.

א גאַנצי וואָך וואו א לאָך
איז דאָך פיל אָט דער יוד.
ער לויפט, ער יאָגט, דאגות טראָגט,
טאָג און נאַכט ווערט ער גאָר ניט מיעד.
טרינקען, עסען: נאָר פאַר נעסען.
ער ציהט פון זיך ארוים דיא קלייא.

שבת פרעלעך, ווערט ער א מלך
און קנאקט שלום עליכם וויא א סאלאווייא.
שלום עליכם מלאכים פיינע
א. ז. וו.

דער שניידער ווערט גאר איבער גיקערט —
אוועק גילעגט שער און אייזען.
וויין אוף קידוש, בראנפען, א חידוש:
חלה און פיש איז דא וויא באם גרעסטען בעל בית.
זיין קול, זיין לידעל איז א ריינע פידעל,
דאס חזירט ער אוים באם גינייא.
שבת פרעלעך, ווערט ער א מלך
און קנאקט שלום עליכם וויא א סאלאווייא.
שלום עליכם מלאכים פיינע
א. ז. וו.

אוף יעדען בעל מלאכה, קומט א ברכה,
מיט ברכה איז פילל און פילל זיין הויז;
תענוג האט ער, פון יעדען מער,
שבת ריהט ער זיך דיא ביינער אוים...
איטליכער יוד איז נעביך מיעד,
איטליכעס ביינדעל טיהט איהם ווייא.
שבת פרעהליך, ווערט ער א מלך,
און זאגט שלום עליכם וויא א סאלאווייא.
שלום עליכם מלאכים פיינע
א. ז. וו.

דערקענט נאר פארט ר' יאחציין דארט,
דער גרוסער קבצן איז ער דאכט זיך מיר.
קיק אים נאר אן — גאנץ אויבען אן,
וואס זאגסטו אוף איהם? ווי גיפעלט ער דיר?
סאיז גאר קיין חידוש אוף זיין גרוסען קידוש —
ער האט א גאסט, זעה נאר, זעה:
דער שבת דער פיינער איז דער גאסט זיינער,
קנאקט ער שלום עליכם וויא אסאלאווייא.
שלום עליכם מלאכים פיינע
א. ז. וו.

שלום עליכם, מלאכים פיינע!
שלום עליכם, מלאכים מיינע!
שלום עליכם, ווייב און קינד!
שבת קודש איז צו גיזינד.

שלום עליכם, גוטע פריינד!
שבת קודש איז דאך היינט.
שלום עליכם, זיידעס, באבים!
שלום עליכם, ליבער שבת.

דיא גיטרייע פריינד.

צווייא הוכע בענק
שטעהן דארט שטאלץ.
אוף זייא אין דער לענג
ליגט א שטיק האלץ.

אובען אונ אונטען
שטייען מענטשען צווייא,
אונ א קלאץ אגיזונטען
צווישען זייא.

איך טוה זייא פרעג,
זאגט מיר בעשטימט,
וואס זינגט עס דיא זעג,
אונ דער קלאץ וואס ברימט?...

פארשטייסט ניט קיין זאך,
מענטש, שטיק לעהם.
דאס איז זייער שפראך,
א סוד ליגט אין דעם...

אין דעם ברימען באשטעהט,
דיר מענטש א ווינק.
אז פון דאנען אברעט
דינט דיר צו אלדינג:

פון איר מאכסטו א וויגעל;
א קאמאדע א גוטע;
אז ארעם צו א שפיגעל;
א בעט אונ א מיטה...

ישראל-מאיר וואהלמאן.

ישראל־מאיר וואהלמאן — העברעאיש־אידישער שריפטשטעלער. געבארען אין יאהר 1821, אין מינסק. צווישען אנדערעס האט י. מ. וואהלמאן צוויי קליינע ליעדער־זאמלונגען אין אידיש, פון וועלכע איינע געפינט זיך אין פּראָ־פעסאר ל. וויענער׳ס קאלעקציע אידישע ביכער פון הארווארד אוניווערזיטעט, אין קעמברידזש, ביי באסטאן. די מעהרסטע פון זיינע ליעדער זיי־נען פון א גאנץ קליינעם פּאָעטישען ווערט. גע־שטארבען איז י. מ. וואהלמאן אין זיין געבורט־שטאט אין יאהר 1913. ביבל. דר. גוסטאוו הער־מאן דאלמאן „יודישדייטשע פאלקסליעדער אוים גאליציען און רוסלאנד". לייפציג, 1888; ז. ריי־זען, „לעקסיקאן".

קול ברמה נשמע.

(פראגמענט)

אף דעם ליבען בארג וואס גאט האט גירוהט,
איז גיגאנגען ירמיה הנביא מיט א צובראכינע געמיהט,
בעת דער פיינד האט זיך גיפרייט אין טאג פון שמערץ,
צוא באוויינען ציון אף איהרע וויסטע ווענט,
אונ צוא באקלאגין דעם בית המקדש וואס ער איז פאר ברענט.
זיינע אויגין זיינען פערוויינט אין וואונדען איז דאס הארץ.

זיין בלוטיגע הארץ וואס איז וויא וואסער צו רונען,
האט קיין טרייסט אונטען דעם גאנצען הימעל געפונען;
א פארשטויסענער קען זיך נאך אמאל טרייסטען,
אבער דער וואס ליבט זיין לאנד
אונ זעט איר אין צווייטענס האנד,
דיזער וועט ביז צום קבר וויינען אונ קלאגין:
אלע טרייסטער וועט ער פון זיך פאר יאגין,
ווייל דיא זון מיט דיא לבנה זיינען אים מיט איר אפ גישטארבין.

איבער דיא חורבות פון ציון וואס זיינען גיוועזן אמאל רייך,
איז גיגאנגען דער נביא. פון זיינע אויגין רינען וויא פון א טייך.
פילייכט וועלין אים אירע בערג א קבר געבין:
ווייל א טרייער זוהן וויל בעסיר האבין
אין זיין וויסטע לאנד צוא זיין באגראבין.
וויא צוא צוברייננען אין דער פרעמד אפירסטליכען לעבין...

שירי בתולת בת יהודא.

אין דעם וויסטין מדבר פון בבל אויף אשטיין.
איז גיזעסין איינע בתולה איינער אליין.
דיא גאנצע לאנד ארום איר איז וויסט און לער.
זיא זיצט פאר קימערט און שלאָגט אטרער נאך אטרער.

קעגין אווינט וויא זיא זיצט אזוי פאר טראַכט,
און פון דיא וואָלקענס האָט זיך באוויזען דיא לבנה שיין,
האָט דאָס רעיתי דער קאָנט אָן דער טונקעלע נאַכט,
פון ווייטען איין איינגעל שיין וויא דיא זון...

א שיין פענימיל מיט בלאנקענדע אויגין,
זיין גישטאַלט איז וויא דער הימיל אין אהעלין טאָג;
זיינע פים זיינען גיפלייגין וויא א פייל פון בויגין,
זיין הארץ האָט גירירט איר שרעקליכע קלאָג.

— זאָג מיר וואָס דוא ווינשט שיינע פערעלע,
וואָס קלעמט דיר דיין הארץ דיא איידעלע?
וואָרום זיצטו דאָ אין דער וויסטער לאַנד? —
קום זע מיט מיר אין אבאַזעצטע לאנד.

—„איין מאָל האָב איך גישוואָרין בייא דער עהרע פון מיין הערין:
פון דאַנען אהין זאָל איך זיך ניט צוריקקערין...
גיך פון מיין גיליבטען וועט איבער גיין דער צאָרין,
נאָר אויף איין ווילע איז ער פון מיר אנטלאָפין גיוואָרין".

אויף דיא בערג האָט אריינער ווינד ליבליך גישאָלט,
דיא לבנה האָט פונקטליך וויא דיא זון גישטראַלט.
באַלד האָבין זיך גיפעלט אלע טרויער און קלאָגין,
וויא פון א הארפע האָט זיך גיהערט אזיסע שטימע זאָגין:

— וויין נים, וויין נים דוא טייערע קינד,
דוא וועסט פון דיין אונגליק גיהאָלפין ווערין גישווינד:
צוא איין פארלאָזענע פרוי איז טרייסט פאראַן, —
איך קעהר איר אום צוריק צוא איר מאַן.

איך בין העכער איבער אַללע פערשטאַנד,
מיין נאָמען „אמונה" איז דיר וואול באקאַנט.
„אבער ווייסטו ווער איך בין, דוא, מיין בעסטער,
דיא טאָכטער פון „יהודא" בין איך, דיין שוועסטער..."

מיכל גאָרדאָן.



מיכל גאָרדאָן — **איינער פון די** שעהנס־טע אידישע פאָלקסדיכטער. געבאָרען אין ווילנאָ, דעם 4טען נאָוועמבער 1823. מיכל גאָרדאָן איז געווען ניט נאָר א פאָלקסדיכטער, נאָר אויף דער גרויסער דיכטער פון אלגעמיינע און אויבינע אידייען. אזוי צ. ב. ש. הייבט ער זיך אויף אין זיין ליעד „מיין לעבענסצייט" צו דער אוניווער־סאַלער גרויסקייט פון א וואָלט וויטמאן, צו ווע־מען ער איז אזוי עהנליך אין דעם אויבען דער־מאָנטען ליעד. אין 1889 איז אין ווארשוי ערשי־נען א קליינע אויסגאבע פון זיינע ליעדער. גע־שטאָרבען איז מיכל גאָרדאָן אין קיעוו, דעם 26טען דעצעמבער 1890. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 6, 47־48; ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; פרץ'ס „יודישע ביבליאטעק", 1; דר. מ. פינעס „די געשיכטע פון דער יודישער לי־טעראטור", 1, 102 — 111; מ. ספעקטאר, „הויז־פריינד", 1890; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

מיינע יאָהרען.

(פראגמענט)

איש זקן עני ונכה רוח
— מרת נפשו לבו יודע —
על שן סלע ישב לנוח
מרוב עמל יעיף יגע.
על שן סלע ישב ויקונן
ובמרי שיחו מר יתאונן.

מיינע יאָהרען זענען פערשוואונדען,
אזוי געשווינד ווי איין וואסערשטראָם,
אונ פול מיט צרות פול מיט וואונדען,
פאללען זייא באלד אריין אין טיפען תהום.

דוא שיינע וועלט דוא ביסט גאר פוסט,
ביסט פול מיט יאמער פול מיט קלאָג;
איך האב אין דיר נאָך ניט געוואוסט,
פון קיין שום פריילעכען גוטען טאָג.

די יונגע יאָהרען, די שענסטע טעג,
צום שיינעם פריהלינג גלייכט מען זייא;
זייא זענען מיר מיט שטורעם אוועק,
מיט שטארקע פרעסט מיט גרויסען שנייא.

דוא ליכטיגע זון ביסט שיין אָן א שעור,
דעם שיינעם פריהלינג האסט תמיד געבראכט.
אבער נאָר פאר יענעם ניט פאר מיר, —
מיר איז דיין טאָג א ווינטער נאכט...

איך זעה די ערד זיא איז בעדעקט,
מיט איהר גאנץ שיינעם גרינעם קלייד;
אט ווערט אין מיר נאך מעהר דערוועקט,
מיינע אללע צרות, מיינע אללע לייד.

עס זוזעט דאס טייכל, ווי זילבער קלאר;
עס רוישט דער וואלד, עס ברוזט דער ווינד;
וויינט מיר דאס הארץ, מיר דוכט זיך נאר,
מען וויינט מען שרייט: אי וויי, אי ווינד!...

מיינע יאהרען זענען פערשוואונדען,
אזוי געשווינד ווי איין וואסער שטראם,
און פול מיט צרות פול מיט וואונדען,
פאללען זייא באלד אריין אין טיפען תהום.

איך בין אין דער וועלט תמיד א גר,
מיין הערצעסליידען פיהלט ניט קיינער;
איך בין ווי א שיפל וואס שווימט הין און הער,
אין מיטען ים צווישען שפיציגע שטיינער.

פיל מענשען לעבען ווי פייגעלעך פרייע,
וואס פליהען, וואס שפרינגען, וואס זינגען זיך אוים;
די וועלט איז זייא א מוטער א טרייע,
זייא שפילען ווי קינדער אין זייער מוטערס שוים.

איהר גליקליכע לייט, איך זינג ניט פאר אייך,
מיין טרויעריג לידיל איז פאר מיר אלליין;
אייער הארץ איז פרייליך איהר זייד מיר ניט גלייך,
איהר קענט גאר דאס לידיל ניט פערשטיין...

די שטיפמוטער.

אפין בית־הקברות, אונטער א מצבה,
הערט זיך ביטער א קול פון א נקבה,
דאס שרייט א מוטער: אי ווייא מיר, אי ווינד,
וואס טהוט א שטיפמוטער מיין טהייערען קינד...

מיין גאנצעס לעבען, וואס איך האב פערבראכט,
איז דאס נאר געווען א פינסטערע נאכט,
מיין קינד איז מיר געווען מיין ליכט, מיין שיין,
איצט ליידעט עס נעבעך גרויס צרות און פיין.

מיט בלוט פון הארצען האָב איך איהם ערצויגען:
כ'האָב איהם געוואשען מיט טרערען פון מיינע אויגען,
איצט צאַפּט מען זיין בלוט, מען ברעכט זיינע ביינער,
ער שרייט, ער וויינט, עס העלפט איהם ניט קיינער...

עס שטייען מענשען פון ארום און ארום
וואָס שווייגט איהר אללע, צו זייד איהר שטום?
ווען אייער הארץ איז פון אייזען און שטיין,
פון קינדרס הייסע טרערען דארף עס צוגיין.

אט זעהט, די שטיפמוטער שלאָגט איהם אין קאָפּ;
זי דראפעט זיין פנים, בלוט רינט אראָפּ;
זי שלאָגט איהם, ווארפט איהם אויף די ערד אנידער;
זי בייסט איהם, רייסט איהם, ברעכט זיינע גלידער.

ער שרייט: אָ, מוטער! אָ, מוטער, העלף מיר!
ווען קענסט ניט העלפען, טאָ נעם מיך צו דיר...
שטייט אויף אללע טויטע, שטייט אויף געשווינד,
שטייט אויף אללע טויטע, ראַטעוועט מיין קינד!

אללע טוידטע ליגען רוהיג אין זייער רוה.
צו גאָט'ס כסא־כבוד פליה איך באלד צו.
פון גאָט'ס כסא־כבוד וועל איך ניט אָבטרעטען,
ביז ער וועט דערהערען מיין שרייען, מיין בעטען...

*

* *

רבונו של עולם, וואו זענען דיינע רחמנות,
דער פאָטער ביזטו פון יתומים און אלמנות;
ווי קענסט דו זעהען, ווי די מרשעת,
גיסט אוים אויף מיין יתום איהר גיפטיגען כעס?

מיינע יונגע יאָהרען האָסטו מיר אָפּגעשניטען,
ביסט דו מחוייב מיין יתום צו היטען;
פון דיין וועלט האָב איך ניט געהאט פערגעניגען,
טאָ לאָז מיך האָטש רוהיג אין קבר איינליגען...

ווי קען איך אין קבר איינליגען בערוהט,
ווען ס'רינט מיר אריין מיין יתומ'ס בלוט;
ווי קען איך צום גרוב צוריק זיך אומקערען,
ווען מיין גרוב איז פול מיט מיין יתומ'ס טרערען?...

*

* *

נו, שווייג שוין, מיין קינד, זייא רוהיג, מיין נשמה,
איך האב שוין געהערט פון גאט א נחמה.
גאט זאגט: ס'וועט זיין צו דיינע צרות אנ'ענד,
ער וועט אויסלייזען דיך פון דער שטיפמוטערס הענד.
די מרשעת, די שטיפמוטער, וועט גאט בעשטראפען,
און דו מיין קינד, שווייג: צו גאט זאלסטו נאר האפען.
פאר אללע דיינע צרות, פאר אללע דיינע לייד,
וועט גאט דיר בעצאהלען מיט נחמות און פרייד.

נו, שווייג שוין, מיין קינד, וויש אפ דיינע טרערען,
דו זאלסט מיך ניט מעהר פון מיין רוה שטערען.
גאט וועט ערפילען זיין הייליגעס ווארט, —
נו, קען איך שוין ליגען רוהיג אין מיין ארט...

מיין לעבענס-צייט.

פון מענשענס לייב בין איך ארויס,
מיט גרויס געשרייא, מיט גרויס געוויין.
אבער איצט אין דער ערד, מיין אייביג הויז,
וויל איך גאנץ שטילל און רוהיג זיין.

אזוי ווי דורך אנ'אפען טהיר,
ארויס אין גאס פון איינגען שטוב:
אזוי גאנץ רוהיג גיי איך מיר,
אראפ פון בעט אריין אין גרוב.

אט באלד איז מיין קורץ-לעבען אוועק,
אט באלד קומט אן זיין לעצטע שעה;
ניט לאנג זיין אנהויב און שוין זיין עק,
אט ערשט געוועזן און באלד ניטא.

מיליאנען יאהרען זענען פערשוואומען,
איידער איך בין אויף דער וועלט געוועזן:
מיליאנען יאהרען וועלען אנקומען,
און איך וועל מעהר די וועלט ניט זעהן.

עס טהוט אמאל פון ים א שפריץ,
א טראפען וואסער פאר'ן זונען-שיין,
און פאלט געשווינד אזוי ווי א בליץ
צוריק אראפ אין ים אריין.

מיכל גאָרדאָן

אַזוי איז מיין קורצע לעבענסצייט,
אזוי איז מיין גלענצענד לעבענסגליק.
עס געהט נאָר פֿלוצלונג ארוים פון אייביגקייט,
און פאלט אין אייביגקייט געשווינד צוריק.

יהודה־לייב גארדאן.

יהודה־לייב גארדאן (יל"ג) — באוואוסטער העברעאיש־אידישער דיכטער. געבארען אין ווילנא אין יאהר 1830, געשטארבען אין פעטערסבורג אין יאהר 1892. יהודה־לייב גארדאן איז געוועזען איינער פון די פארביסענסטע געגנער פון אידיש. דאך האט עס איהם ניט אפגעהאלטען פון צו שרייבען ליעדער אין אידיש. אין 1886 איז אין ווארשוי ערשינען זיין אידיש ביכעל אונטער'ן נאמען „שיחת חולין"‚ אין וועלכען עס געפינען זיך גאנץ שעהנע לירישע ליעדער, קרעפטיגע באלאדען און שארפע סאטירען. דער טאן פון וועלכע איז שטענדיג געזונט און פאלקסטימליך. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 6, 47-48; **דר. ס. פינעס**, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור", 1, 111-119; ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

דיא יונגע יאָהרען.

(פראגמענטען)

שמיני עצרת צו מוסף פאר חזרת הש"ץ,
אז דער שמש גיט דעם שטאנדער דען גרויסען פאטש,
אונ טהוט א געשריי: „זאגט משיב הרוח!"
געהט יעדעם אריבער איבערן לייב א סקרוח:
יעדער פארשטעהט וואס דיא פאוויעסטקע בעטייט:
דער זוממער איז פארביי, דער ווינטער ניט ווייט;
דיא לופט ווערט קאלט, פארוואלקענט דער היממעל;
דיא ערד ווערט בעדעקט מיט פאוויאנעטע בלאטטער;
אפיז הארצין ווערט טרויריג... אונ דער אלטער ר' זיממעל
זאגט נביאות אין לוח פון ווינד אונ שלעכט וועטטער.

עה מען הויבט אן צו זאגען משיב הרוח,
ווער ווילל דאס ניט אויף מאכען דען אלטען לוח
אונ נאך אמאל חאץ געבען א בליק,
וויא'ס האט אויסגעזעהן מיט עטליכע בלאטליך צוריק? —
וויא אנדערש איז צום מוטה געוועזין דעם מענשען,
אז דער זעלביגער שמש האט געהייסען טל בענשען?
דענצמאל איז געוועזן פסח, יעדער איז זיך פראהליך;
זיצט זיך אפיז הסב־בעט וויא שלמה המלך,
טרינקט זיך די כוסות, פערגעססט אן זיין נויט:
דיא ווייב איז שטילל, זיא בעט ניט אויף ברויט...
אויף דרויסען ווערט ווארעם, עס קומט אן דער זוממער;
דער היממעל, דיא ערד, דער מענש ווערט וויא נאיי,
ער פערגעססט זיינע צרות, זיינע זארג אונ קוממער —
וויא גליקליך איז דער מענש אים פרייאהר, אין מאי!...

ווינטער ווערט אויך אין מיין לעבענסקאַלענדער:
דער שמש — דיא צייט — קלאַפּט שוין אין שטאַנדרע.
עס הויבט שוין אָן דיא זאַווירוחע צו וועהען,
אין הארצען צו פרירען, א פין קאָפּ צו שנייען...
„זאָג משיב הרוח!" — זעה ליעבער שמש, האַלט!
איז דען טאַקי שוין ווינטער? ווער איך טאַקי שוין אַלט?...

זמר לשמחת תורה.

(פראגמענט)

לחיים, ברידער, לחיים, לחיים!
היינט זענען מיר דיא תורה מסיים,
היינט הייבען מיר זיא אָן נאָך אמאָל ווידער —
דרום לחיים ולשלום ליעבע ברידער!
זייט פרעהליך אונ דאנקט דעם גאָטט, דעם ליעבען,
פאַר דיא הייליגע תורה אויף פאַרמעט געשריעבען.

דיא הייליגע תורה, געשריעבען אויף פאַרמעט,
איז דאָך אונזער טרייסט אין אונזערער אָרמיט;
אַלץ אויף דער וועלט האָבען מיר פערלאָרען:
דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען;
חרוב דאָס לאנד וואו מיר זענען געזעססען,
אפילו אונזער לשון האָבען מיר פערגעססען...
ניטאָ אונזער מלוכה, ניטאָ אונזער כהונה,
נאָר אונז איז געבליבען אונזער אמונה:
גאָטט אין הארצין, דיא תורה אין דער האנד,
זענען מיר געגאנגען פון לאנד צו לאנד,
פיעל צרות געליטטען, דאָך לעבען געבליעבען —
דורך דיא הייליגע תורה אויף פאַרמעט געשריעבען.

קומט, ליעבע ברידער, קומט אהער גיכער,
קומט, לאָמיר אפּהענען דיא היסטאָרישע ביכער ——
וואָס דערצעהלט דיא געשיכטע? וואָס שרייבען דיא קראָניקס?
נאָר רייבער־געשיכטען, מעשיות פון ראזבאָיניקעס!
אונזער געשיכטע, אזוי גרויס וויא דיא ערד,
איז ניט מיט א פעדער, נאָר מיט א שווערד.
ניט מיט טינט געשריעבען, נאָר מיט בלוט אונ טרערין;
גיט אין לייפּציג געדרוקט, נאָר אין גלות אין שווערין;
ניט אין גאָלדשניט געבונדען, נאָר אין קעטען אונ אייזען...
לאָז מיר כאָטש איינער קוממען אונ ווייזען.

וואו האָט מען אונז ניט פערפאָלגט און פערטריבען —
פאַר דיא הייליגע תורה אויף פּאַרמעט געשריעבען?

צוויא טויזענד יאהר, א קלייניגקייט צו זאָגען!
צוויא טויזענד יאהר געמאַטערט, געשלאָגען,
זיבען און זיבעציג פינסטערע דורות,
געשטאָפּט מיט צרות, געפּיללט מיט גזרות;
אז מי וואָלט געמען דערצעהלען יעדע גזרה
וואָלט היינט ניט געווען שמחת תורה:
נאָר דאָס דאַרף איך גאַרניט, עס איז זעהר גוט
ביי יעדעם איינגעשריעבען אין זיין מארך, אין זיין בלוט, —
מיר האָבען אלץ אוים געהאַלטען, אלץ אוועק געגעבען,
אונזער געלד, אונזער כבוד, אונזער געזונד און לעבען,
— וויא אמאָל חנה איהרע קינדער דיא זיבען, —
פאַר דיא הייליגע תורה אויף פּאַרמעט געשריעבען.

וואָס איז ביי דער אסיפה געבליעבען.

„זעהט, זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיין ליבער ר' ברוך,
„איהר ווייסט דאָך איך בין איין ישובניק, איין אורח.
„מען האָט אונז געזאָגט: אייער גבאי, ר' יוסי,
„האָט דיא וואָך געמאַכט איין אסיפה א גרויסע.

„געווים האָט מען דאָרטען, איך קען זיך מיר דענקען,
„געשמוסט מכח ישובים און שענקען;
„מכח דיא איצטיגע צרות, פּאָגראָמעם —
„טאָ זאָגט זשע, וואָס הערט זיך פאַר אידען נחמות?"

— נחמות פאַר אידען? איך בעט אייך מחילה!
געווען איז געווען איין אסיפה אפילו;
וואָס אָבער זייא האָבען זיך דאָרטען געריססען,
אָט זאָלל איך אזוי פון קיין צרות ניט וויססען.

וויא איך האָב פון דער כנופיא צו הערען בעקומען,
האָב איך מיין באַקענע היטעל גענומען,
בין וויא א פער'סמ'טער צו קהל געלאָפען,
האָב אָבער דעם אַנהויב שוין ניט אַנגעטראָפען.

אז איך בין געקומען, האָט יענקעל מיט אידלען,
געהאַלטען ביים קריעגען זיך שוין און ביים זידלען;
ביי זייא איז איין אלטע מחלוקת א גרויסע,
אלץ איבער דעם פּסוק פון אתה הראית.

און הלל מיט שמאי'ן האבען אויך זיך מיט דבקות
נעאמפּערט, נעפיהרט זייער אלטע מחלוקת:
אויך ניט וועגען דעם, וואס טהוט אונז איצט וועה,
נאר אלץ וועגען דאס אויסגעבלאָזענע איי.

ר' קאפּיל, דער פּרוש, וואס קוקט ניט אויף ווייבער,
דער האט זיך געפּארסקעט מיט יודעל דעם שרייבער:
„דו מופקר, אפּנים דו ווילסט אויך זאגען דעות —
„א איד, וואס עס נעהט אהן בארד און אהן פּאות?!"

„ווארט, ווארט, שרייט דער שרייבער, איך זאג אייך פּארמאלנע,
איך שרייב באלד א פּראזבע צום סאמע קווארטאלניע,
דערצעהל איהם דיא מעשה מיט דער מעהל קאראבקע,
שוין קרענק וועט איהר האבען, ניט געלד מעהר א קאפּקע.

דער שניידערשער מגיד, פון יאטקעווער געססעל,
האט מוסר גע'דרש'ענט א יונג בעל־הבית'ל:
דיא שווארצע מאהן האט ער אויף איהם אויסגעשאטען
און דער האט געציטערט, געשטומט, וויא א שאטען:

דורך דיר נאר, יונגאטש דו, דורך דיר אפּיקורוס,
אט ליידען מיר אללע דיא צרות, דיא גזרות;
מיינסט אפשר, טרפ'ניאק, אז מיר האבען פּארגעססען,
אז דו האסט אום פּסח — בעבלעך געגעססען.

נו, האב איך געטראכט זיך, אט וויים מען שוין קלאר עס,
פון וואנען עס קומען אלע אונזערע צרות,
און איך האב אויך אקארסט געוואללט זייא דערצעהלען,
א פּאר שענע מעשיות פון מיין שכנ'טע — קיילען.

מיט אמאל דערזעה איך, וויא בענצע דער פּארבער,
וואס האט זיך גע'הרג'עט מיט לייזער דעם גארבער,
איז איבער דעם שולחן אריבערגעשפּרונגען,
דערלאנגט איהם א פּראסק, אז דיא וועלט האט געקלונגען.

און לייזער, דער טהוט גלייך א שפּיי אין א קולאק,
וויל בענצען צוריק שוין דערלאנגען אין באק:
האט אבער געטראפען נאר מיר אין דעם קאפּ,
אזוי, אז מיין היטעל איז געפלויגען אראפּ.

וויא איך האב דערזעהען, אז עס האלט שוין ביים שלאגען,
האב איך זיך בשתיקה געשווינד אבגעטראגען;

אזוי וויא דיא טהיר איז געשטאנען האלב־אפען,
בין איך אהן א היטעל אהיים זיך אנטלאפען. —

„וואס איז אבער דארטען ביים קהל געבליבען,
„צי האט מען וואס אבגערעדט, וואס אבגעשריבען?
„צי האט מען געפונען אנ׳עצה, א מיטעל?״
— ביי קהל, איהר הערט דאך, איז געבליבען מיין היטעל!

ש. י. אבראמאוויטש.



שלום־יעקב אבראמאוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) — אידיש־העברעאישער נאוועליסט און פובליציסט. געבארען אין קאפוילע, מינסקער גוב. דעם 20טען דעצעמבער, 1835. שלום־יעקב אבראמאוויטש איז איינער פון אונזערע גרעסטע און פאפולערסטע שריפטשטעלער. איז באוואוסט אלס דער „זיידע" פון דער אידישער ליטעראטור און איז אין אלגעמיין באקאנט אלס איינער פון די בעסטע אידישע פייזאזשיסטען און מאלער פון אידישען לעבען. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 1, 25־26; בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטען"; י. ענטין, אין „צוקונפט" 4־5־6, 1906; ל. וויענער, “Yiddish Literature” אינדעקס; דר. מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור" 1, 157־218; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

פון דער פאעמא „יודעל".

ס'דרעהט זיך אין דער וועלט דאס רעדעל איבער,
און אוועק דער זומער גיך דער ליבער.
ס'קומט דער הערבסט אַן מיט זיין בייזער צורה,
זיינע משרתים: ווינטען, נעץ און קעלט,
לויפען פריהער מיט דער וויסטער בשורה —
ריכטען זיך אויף צרות זאל די וועלט!
מיט זיין קומען ענדערט זיך דאס וועטער.
משונה ווילד און שטרענג איז זיין צענזור.
פון די זינגער איז ניטא אי איינער,
ווייט פארוואגעלט איז דער סאלאוויי,
ס'בלייבט פון אלע מעהר ניט איבער קיינער,
ער, דער גנב נאר — דער „ווארעביי".

שלום עליכם.

זייט געגריסט, געשיקטע מיר מלאכים,
איהר נאט'ס דינער, אין מיין רוה.
פונ'ם מלך מלכי המלכים,
הקדוש ברוך הוא.

קומט מיט פרידען, פרידליכע מלאכים,
איהר נאט'ס דינער, אין מיין רוה.
פונ'ם מלך מלכי המלכים,
הקדוש ברוך הוא.

בענשט מיט פרייד מיך, פריידליכע מלאכים,
איהר גאָט'ס דינער, אין מיין רוה.
פונ'ם מלך מלכי המלכים,
הקדוש ברוך הוא.

און געהן בשלום זאָלט איהר, פריידליכע מלאכים,
איהר געשיקטע אין מיין רוה,
פונ'ם מלך מלכי המלכים,
הקדוש ברוך הוא.

י. י. לינעצקי.

יצחק־יואל לינעצקי — באוואוסטער איד־ דישער בעלעטריסט און סאטיריקער. געבארען דעם 8טען סעפטעמבער 1839. אין 1868 איז ער־ שינען זיין אויסגעצייכענטער ראמאן „דאס פוי־ לישע יונגעל“. אין 1869 איז ארוים פון דרוק זיין „בייזער מארשעליק“, א קליינע זאמלונג פון סאטירישע און ערנסטע ליעדער פון וואגען איי־ ניגע ווערען דא געבראכט טיילווייז. געשטאר־ בען איז י. י. לינעצקי אין אקטאבער, 1915. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 8, 94; א. ליטווין, „לעבען און וויסענשאפט“, 5, 1909; דר. מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור“, 1, 219-234; ל. וויענער, “Yiddish Literature” אינדעקס; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

דער מאי.

(פראגמענט)

מענטשען שטעהט אויף גאנץ פריא!
ערוואכט פון אייער געלעגער!
זעהט דיא שיינע הארמאניא —
פין דעם נאטירליכען זייגער.
ביימיליך רוישען, פייגעלעך זינגען
מעלאדיען, זשימען פליגעלעך אלערלייא:
היישעריקליך טאנצען אין שפרינגען,
אין צום טאקט האלט צי דער סאלאוויי!...

עפען דאס פענצטער אין טיה א בליק,
וויא שיין דיא נאטור איז אנגעטאהן!
פייגעל זינגען שיינע שטיק,
אין דער מאי טאנצט אין מיטען קאן!
באטראכט ארים דיר, קיק נאר הין אין הער,
עפען גיט דיא אויגען אין קיק זיך ציא,
וויא דער מאי דער יונגער קאוואליער,
מיט דער נאטור טאנצען וויזאוויא!...

פייגעלעך, פליגעלעך, אויף דיא ביען,
אויפ'ן ברעג פון דעם מאנטעל אויסגעשטיקט:
דאס ווייס, דאס רויט, דאס גריען,
יעדעס שטעקט דאס מייליכיל אין פיקט.

בלומעליך גרייזלען אויס זייערע הערליך,
דיא מאמע, דיא נאטור פארקעמט זייא זייער שיין :
טראפען ראסע פאלט אויף זייא וויא פעריליך
אין שווענקט זייא אויס דיא פיסקליך זייער ריין !...

זעהט נאר דארט אין טיפען טאהל,
וויא דיא גרינע גרעזין איז דורך אויס באדעקט,
פאשען זיך שעפיליך אן א צאהל
יעדעס שטעקט דאס צינגעלע אין לעקט.
דער פאסטעך מיט זיין פייפילע געהט נאך זייא,
אין שפילט מיט גרויס געפיל זיין ליבע ליד.
א שיינם צושפיל ענטוורט איהם דער סאלאווייא,
אין זיין געליבטע גייט איהם נאך זיין סליעד !..

אשת חיל.

(פראגמענט)

גליקליך קען נאר דער מענש זיין,
וואס דאס ווייב האט איהם אמת ליעב;
זיא איז איהם געטרייא אין תוך אריין,
אין איז א בעל־הבית'טע אויך אין שטיב.
נאר מע זאל אפילו אין עק וועלט
אלע יאהרען אויסלויפען;
מע זאל סטראצען לעבען, געלט,
איז אזוינס נישטא ציא קויפען...

פלאקס אין וואל איז איהר געשעפט,
זיא שפינט, זיא ארבעט גאר אליין;
זיא שטריקט, זיא דרעהט, זיא נייט, זיא העפט,
אין איהר ארבעט איז מלא חן...
וויא א שיף איז זיא ניט פויל,
איהר פרנסה ברענגט זיא פין גאנץ ווייט;
א סוחר איז זיא מיט'ן פיעלען מויל,
אין פארדינט א קערביל הערליך אין דער זייט.

אין חאטש זיא איז אזוי פארטראגען,
פארגעסט זיא ניט דעם ארימאן;
זיא לאזט איהם נעבעך זיין הערץ ניט נאגען,
זיא העלפט איהם אויס וויא וויים זיא קאן.
ברויט ניט זיא דיא קבצנים,
דיא וואס ניבען זיך אפ מיט דעם:

יצחק־יואל לינעצקי

אין דיא וואס ווילען ניט שווארצען דאס פנים,
שיקט זיא זייא דיא נדבה אהיים.

דאס מויל עפענט זיא מיט פארשטאנד,
פעריל שיטען זיך פון איהר שמים:
א גלייך ווערטעל געהט פון דער האנד,
אין איהרע רייד זענען ציקער זים.
זיא גיט אכטונג אויף דער שטיב:
זיא האט רחמנות אויף איהר בלים.
ליידיג זיצען האט זיא ניט ליעב,
זיא ריהט ניט אפילו איין מינוט.

מע גיט איהר שבחים צווישען לייטען,
פון מאן אין קינדער הערט מען נאר:
טויזענט ווייבער וועל איך ניט בייטען,
אפילו אויף איהר איין פאדבאר.
וואס קומט דען ארוים אז מע האט חן.
ווען מע קען ניט אויזען מיט א שטיב?
ניט דאס איז ליעב וואס איז שיין,
נאר דאס איז שיין וואס איז ליעב...

אליקום צונזער.

אליקום צונזער (אליקום בדחן) — באוואוסטער פאלקסדיכטער. געבארען אין ווילנא, דעם 28טען אקטאבער 1840. אליקום צונזער איז איינער פון די אינטערעסאנטסטע פערזענליכקייטען אין דער אידישער פאלקסדיכטונג. א דאנק זיין באזונדערער מאניר צו פערזאניפיצירען פארשיידענע געגענשטאנדען ווי יאהרעס־צייטען, תפלות („דער תחנון", „דער זומער און דער ווינטער", „דאס אויג", „דער זייגער" א. ז. וו.) און ארויסנעמען א מוסר השכל פאר'ן מענשען. מיט דער מאראל פון זיינע ליעדער דערמאנט ער אפט אן די אלטע אידישע מגידים. כאטש אליין א משכיל איז ער דאך געווען איינער פון די ערשטע די השכלה צו קריטיקירען. נאך די פאגראמען פון די 80־גער יאהרען ווערט אליקום צונזער א הייסער חובב ציון („שיבת ציון", „די סאכע" א. ז. וו.) אין 1889 איז ער געקומען אין אמעריקא, וואו ער איז פארבליבען ביז זיין טויט. געשטארבען דעם 22טען סעפטעמבער, 1913, אין נויארק. זיינע ליעדער מוזען גענומען ווערען פראגמענטענווייז צוליב זייער אונמעגליכער צוציינגענקייט. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 12, 699; ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; „צונזערס ביאגראפיע", געשריבען פון איהם אליין, נויארק, 1905; דר. מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור", 1, 130־131; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

רחל מבכה על בניה.

כה אמר ה' קול ברמה נשמע נהי
בכי תמרורים רחל מבכה על בניה
מאנה להנחם על־בניה כי איננו.
(ירמיה ל"א מ"ו).

דיא זון האט אן געוויזען אין מערב זייט,
מיט דיא רויטע פלאמען אז זיא נעמט אפ שייד,
אונ דיא נאכט מיט איהר פינצטערקייט,
האט אן גיטאן דיא ערד אין א שווארצע קלייד.
דיא וועלט מיט איהרע לייט שווייגען שטום;
דיא נאטור שלאפט סייא בערג, סייא טאל.
דיא לבנה גייט זיך גאנץ שטיל ארום,
פון דיא שטערין הערט מען אויך קיין קול.
נאר א שטימע דיא שטילקייט צו שלאגט,
א קול פון א פרויא וויינט אונ קלאגט,
אונ שרייט נעבאך פון איהר געצעלט:
פאר וואגילט בין איך אויף דער וועלט...

אבער ציון האט פארלארען איהר פערגעניגען;
איהר מאיאנטיק פאר שפילט אין קאן:
דער ארט בית לחם וואו מיינע ביינער ליגען,

נייט שוין אין אבילות אַז גיטאַן.
דוא באַרג לבנון דוא גוטער פריינד.
וואסערע פים צו טרעט דיך היינט?
דוא באַרג מוריה, דוא הייליגער אָרט. —
א מאחמאַדאַנער מאַצעט שטייט נאַר דאָרט...
דיא גאַסין שטייען שוין פוסט,
דיא וועגין זיינין פאר וויסט;
אין כרמל קיין בלומען בליט;
דיא טורעמס גלאַנציז שוין ניט.
דיא כהנים וואָס האָבין געשטיצט;
דיא נביאים וואו זעה איך זייא איצט,
וואו איז אייער קרוין אייער רייך?
וואָס איז היינט גיוואָרין פון אייך?..

איך קוק איצט אויף ירושלים ביין מערב וואנד,
איך זעה דאָרטין מיינע קינדער וויא קוילין שוואַרץ.
זייא שפארין אָפּ דיא קאָפּ אויף דיא דאַרע הענד,
און אָכצין און קרעכצין, אַז עס פאר קוועצט דאָס האַרץ...
ניטאָ אין ירושלים קיין בוים קיין שטיין,
וואָס איז ניט גיוועזן נאָס, פון מיין קינדס געוויין...
מיין קינד צו דריקען איז א קינדער שפּיל —
וואו מיא שיסט איז ער דער ציל.
פון מאָלדאָווער הער איך א געשרייא,
מיין קינד שרייט דאָרט, אוי ווייא!
פון אַראַביען שרייט ער — ניט גוט,
מיא פאר גיסט דאָרט וויא וואָסער זיין בלוט;
פון אזיען שרייט ער נעבאך — שלעכט,
דאָרטין געפינט ער קיין רעכט;
אין פּרס באוויינט ער דיא ערד, —
דאָרט טוט מען מיט זייא וויא מיט פערד.

אין הימעל דיא טויזענדער שטערין,
באַוויינען אלע מיין קינדס אומגליק:
דיא אַלע בוימער גיסען טרערין,
דיא פייגלאך ענטפערין אויך צוריק.
נאָר דיא האַרץ פון דיינע פיינד איז פאר שטיינט, —
דער אומגליק האָט זייא דאָס האַרץ פאר שפּאַרט.
דער קרוקעדיל, דער אכזר, טרעפט אויך, ער וויינט —
נאָר דיינע שונאים׳ס האַרץ איז וויא אייזין האַרט...
אח, גאָט, ענפער שוין מיר,
זאָג שוין פיעל איז דער שיעור,
צו ליידען א דור נאָך א דור.

אין צרות צוויא טויזענד יאָר?...
איהר שטעריז, זאָגט מיר אויב איר ווייסט,
איז דען אייביג פאר לאָרען מיין טרייסט? —
אוי, ניין, איך שפיר נאָך איך שפיר!
אָח, גאָט, ענפער שוין מיר...

קול ממרומים.

כה אמר ה׳ מנעי קולך מבכי
ועיניך מדמעה כי יש שכר
לפעולתך נאם ה׳.
(ירמיה ל״א ט״ז).

ציא דוא מיין טאָכטער טוסט עס ברומען?
דיא אויגען איז דיר פול.
דיינע טרערין איז גיקומען,
צו מיין הימעל שטיל.

גענוג צו לאָזען טרערין רינען,
הער שוין אויף דיין ליד:
אין ים קען מען א גרונד געפינען,
צו דיין טרויער ניט.

הער מיין קינד שוין אויף צו קלאָגין,
מען מוז געדולדיג זיין:
צום ענדע נאכט וועט דיר אויס טאָגין,
וועסט נאָך זעהען דיא שיין...

שיבת ציון.

שאי — סביב עיניך וראי:
כלם נקבצו באו—לאך.
(ישעי מ״ט, י״ח).

וואָס זעה איך דורך דיא שויבען! —
עס פליהען אַז וויא טויבען, —
מיין יוסף, מיין בנימין, קלאפען אין מיין טיר.
אָך, הימעל, גאָט, דיא וואונדער!
איך זעה דאָך מיינע קינדער,
דיא ליעבסטע און דיא טרייסטע קומען אַז צו מיר.

אוועק אזוי פיעל יאָהרען,
געמיינט איך בין פערלאָרען,
אנ׳אלמנה א פערוויסטע, ליידינג בייא מיין טיש...
מיט אייך וויא איז גענאנגען,

ציית מען האט אייך געפאנגען?
וואס מאכט יהודה און אפרים? גיט מיר א געריס!...

אהער קומט, יענע יאהרען!
איך בין יונג געווארען:
איך ווארף אראפ מיין טרויער, אהער מיין זיידען קלייד!
פול ווערט מיין הויז שוין וויעדער,
עס הויבט דאס הארץ, דיא גליעדער, —
פיעל פון מיינע קינדער פאהרען אן מיט פרייד.

פון שמחה טרעהרען פליסען,
לאזט מיך האלזען, קיסען,
רוהט אייך אוים דיא ביינער, מיינע הארצענס־געסט!
איהר וועט בייא מיר קריגען
אלע פערגיניגען,
איהר וועט ניט וויסען פרעמדע טישען, נאר דער מוטערס קעסט.

דיא סאכע.

כנען בידו מאזני מר מה לעשק
אהב: וגו׳, עוד אשיבך באהלים
כימי מועד:
(הושע י״ב)

אין סאכע,
ליגט דיא מזל ברכה, —
דער וואהרער גליק פון לעבין,
קיין זאך מיר ניט פעלט.
עס קומט דער פריה מארגין, —
איך דארף ניט לייהען, בארגין,
דער מח דארף ניט זארגען,
אויף טאג הוצאות געלט.
עס איז אן געגרייט אויף ווינטער,
א זאסיק א געזונטער,
איך זייא, איך שנייד גאנץ מונטער,
פרייא אין גאטטעס וועלט.

פון מאדעס,
האב איך קיין הכבדת,
וויא אין שטאט פאר לעבט מען,
מער פיל מיא פערדינט.
א שטרוי הוט און א סוויטע,
טראג איך אפ א שמיטה,
און מיט דיא זעלבע שיטה,
פירט זיך מיין גיזינט.
דער סערפ, איז מיין קאסירער,
דער האן, מיין רעפוטירער,
דיא זון, איז מיין צייט פירער,
מיין פעכער, איז דער ווינט.

מיין דאמע,
ברויכט ניט קיין אמע:
קיין הויז מיידכען, קיין באנע, —
קיין פרעסער אפין קארק!
זיא דארף קיין הוט, קיין פעדער;
שפאצירט ניט אין דיא סעדער;
פארט ניט אין דיא בעדער, —
ליבערשט פרייטיג צום מארק.
קיין פוץ קיין פאר מאסקירטען,
אליין אי אם, אי ווירטהין;
און אין פעלד א הירטין,
און איז געזונד און שטארק.

מיט יאָהרין,
מיר ווערט א קינד גיבאָרין,
ווערט גרעסער מיין הכנסה.
איך קויף צו ערד א שטיק.
אין שטאָט א קינד וואָס מערער,
ווערט דעם פאָטער שווערער,
ער מוז זיין א דערנעהרער, —
אפין האַלז א שטריק;
בייא מיר עס וואקסין קינדער,
ווערט מיין אַרבעט לינדער,
אונ יעדערער באזונדער,
איז פאר מיר אַ גליק.

מיין מיידיל,
נייא איך א פּראָסט קליידיל,
אונ טוא מיט איהר א שידוך,
אַז צירונג אַז נדן.
זעט אין שטאָט דיא כלות,
שטעלין פּראָסט בדלת,
ראָמט פון שטוב אוים אַלעס,
וואָס נאָר איז פאראן;
מיר איז לייכט צו קריגין,
א חתן גראַד אַ היגין,
אונ גיב נדן צווייא ציגין,
אונ לעבט גליקליך פאר דעם מאַן.

בענשין,
זאָל נאָר גאָט דיא מענשין,
וועלכע שטיצען ציון,
צוריק דאָס לאַנד בענייט:
בענש נאָר גאָט דיא ריצער,
דיא קלאָניען באַשיצער;
דיא ארבייטער שטיצער,
דיא זרובבלס פון דער צייט.
ווען פון דיא קאָלאָניען,
וועט ווערען מיליאָנען,
וועט ציון ערשט דערמאָנען
אָט דיזע גרויסע לייט, —

דער זומער מיט דעם ווינטער.

דער זומער:

דער זומער פאר'ן מענטשין,
וויא ליב איך בין וויא טרייא. —
איך דעק דיא פעלדער מיט גרינשען צו
איך מאַך דיא לופטען פרייא;
איך ברייננ דעם שיינעם פרילינג,
מיט אַלע פרייליכקייט.
וויא שיין ער איז דער גרעזעלע
אין מאַיאָווע צייט.
אונ דער ווינטער דער מערדער,
ווער איז זיינע געסט? —
דיא שנייען דיא טומאַנען,
מיט דיא גרויסע פרעסט.

דער ווינטער:

וואָס רימסטו דיך דוא זומער?!
זע נאָר גוט בעטראכט:
פון דיא היצען גייט דיא כוחות אוים,
דער מענטש ווערט אָפּ גישוואכט.
דיא זון ברענט אים וויא פייער,
עס איז שרעקלאָך היים,
שוואַך און שלאַף וויא איין פליג,
עס גיסט אים טייכין שוויים.
אונ בייא מיר איז ער גיזונט אונ שטייף
ער דאַרף קיין גרויסין קאָסט —
טוט אַן אַף זיך וואָס מיגליך איז;
שטאַלצירט אין גרעסטין פראָסט.

דער זומער:

דער זומער פאר דעם מענטשין,
איז דאָך פאָרט ניט שלעכט.
קיין שויב ניטאָ, קיין האַלץ ניטאָ—
בייא מיר איז אלעס רעכט.

איך מאך ניט אן קיין קאסטין,
בעלייכטונג לאז איך צוא רוא.
איך דארף קיין מאל קיין פוטער ניט;
קיין פערנע אויך דאצוא.

אונ דער ווינטער, דער מערדער,
בריינגט אוים גאר דיא געלט —
א קאפטעלע, א וועגעלע האלץ —
מיא היט זיך רק פון קעלט.

דער ווינטער:

וואס רימסטו זיך דוא זומער?
בארעבין זיך אליין:
דער רוביל האט קיין שפאר בייא דיר,
ער מוז וויא זאלץ צוא גיין.
פערגעניגען אונ קאמעדיע,
אויב ער נאר פאר זוכט

דיא שפעקטין מיט דיא שערעלאך,
מיט דיא יונגע פרוכט.
אונ בייא מיר איז דאס אלץ פאר שפארט,
פון שטוב נאך ניט א טריט.
דער רוביל בלייבט בייא זיך אין טאש
אז מיא זעט ניט ווילט זיך ניט.

דער זומער:

דער זומער פאר דעם מענטשין.
זיין האפענונג איז גרוים. —
דער קארען אויף דעם פעלד,
וויא שיין ער וואקסט דאס אוים.
מיא שנייט מיא בינט זייא גארבין:
מיא טראגט זייא אין דער הויף,

מיט שמחה מיט גרוים פרייד,
מיא זינגט נאך לידער אויף.
אונ דער ווינטער, דער מערדער,
קומט וויא דער העלד —
דורך אוים פאר וייט, דורך אוים פאר שנייט,
דורך אוים א ווייסע פעלד.

דער ווינטער:

וואס רימסטו דיך דוא זומער,
מיט דיין קארין וואס וואקסט אוים?
דוא ביסט דאך א בריה נאר,
אז ער שפראצט שוין ארוים.
אז דאס קינד קען שוין זעהן דיא וועלט,
האלט ער שוין גאנץ וייט.

נאר דיא מיהע באשטייט אין דעם,
נאר אין דער יוגענד צייט.
אונ בייא מיר ליגט ער אין ווארעמקייט,
ווערט זיך דיק אונ גרוים,
דיא שנייא פון אויבין דעקט אים צוא,
ביז ער שפראצט ארוים.

דער זומער:

דער זומער פאר דעם וואנדרער—
איז ער איין גוטער פריינד!
גייט גאנץ לייכט אן גיטאן,
דיא זון פון אויבין שיינט.
אויף דעם גראז קען ער זיך רוען,
וויא אף א ווייכין שטול.

דיא בוימער פון דיא זייטין,
מיט גרינע בלעטער פול.
אונ דער ווינטער, דער מערדער, —
בייא נאכט דיא וועג פאר וייט,
ער זעט קיין וועג, ער זעט קיין שטעג,
ער זעט ניט וואו ער גייט.

דער ווינטער:

וואס רימסטו דיך דוא זומער,
וואס גיסט אים פאר א נוץ?
ער קען בייא טאג ניט פארין,
עס ברענט אים שטארק דיא היץ.

דיא רעדער האפין ברענען,
זיין גומען אויך דער צוא,
דיא פערד, זייא ווערין אפ גישוואכט.—

שרעקלאך היים ביסטו! —
און בייא מיר איז ער פאלקאם פרייא.
א שליטענס וועג גימאכט.

דיא לבנה שיינט, דיא וועג זיא גלאנצט.
חאץ פאר א גאנצע נאכט...

דער זומער:

דער זומער פארין מענטשין,
וויא ליב איך בין וויא גוט!
דעם גאנצען טאג ער הארעוועט,
פאר נאכט איז ער בארוט.
ער גייט זיך אין טייך באדין,
פריילאך גאר א בחיר.

אלע נייע פרוכטין,
קריגט ער אויך בייא מיר.
און דער ווינטער דער מערדער,
פאר קויפט אים פאר א קנעכט!
ער האט קיין מאל קיין אפ רוא ניט,
הארעוועט גאנצע נעכט.

דער ווינטער:

וואס רימסטו דיך דוא זומער,
מיט דיין פרייע צייט?
דוא גייסט אוועק דאך ווייגעדיק,
מיא זעט קיין פרעלעכקייט.
דיא ספירה מיט דרייא וואכין,
פאר יאמער און פאר צאגט;

אלול ימים נוראים,
רק ער גייט און קלאגט.
און איך דארף קיין טרערין ניט,
בייא מיר איז אלעם רעכט, —
חנוכה און פורים,
פאר ברייננ זיך גאנצע נעכט.

משה מאראחאווסקי.

משה מאראחאווסק(י)ע אוים באהוסלאב — פאלקסדיכטער און בדחן. א צייט־גענאסע פון אליקום צונזער. ביאגראפיע — אונבאקאנט. דאס ליעד „ברכו“ איז גענומען פון א קליינער זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „יום־טוב־דיקע לידער, אדער וואכעדיקע לידער מיט יום־טוב־דיקע נגונים, א סאטירעשע קריטיקע אין פערזין פאן דעם לעבין. פערפאסט פאן משה מאראחאווסקע אוים באהוסלאב“. ארויסגעגעבען אין ווארשוי, 1886. אין יאהר 1872, איז אין אדעס ערשינען אן אנדער זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „דער עלינטער יתום“.

ברכו.

דיא ליד דארף מען זינגען מיט דעם נוסח פון ברכו וויא מען זינגט יו"ט צו מעריב.

א.

גיבענשטער גאט! האר פון דער גאנצער וועלט!
דוא מאכסט ליכטיג אונ פינצטער. טוסט וויא דיר גיפעלט.
שיק אונז דיין לעכט דיא שיין.
זעה אונזערע פיין.
ווי איינער שלינגט דעם צווייטין איין.
וויא אזוי מיר ווערין אוים גיבראכט.
אין אזא לאנגער פינצטערער נאכט.
איינער וויינט אונ דער צווייטער לאכט.
איינער וויינט און דער צווייטער קוועלט.
גיבענשטער גאט! מאך שוין ליכטיג דיא פינצטערע וועלט.

ב.

גיבענשטער גאט! ווייז אונז דיינע וואנדער.
דוא ביסט דער טאטע פון דיינע קינדער
שיק דעם טאג דיא פרייד.
צו העלפין פון צרות אונ לייד.
הער נור צו דיא שלעכטע רייד.
דיא אלע מיינע פריערקע גוטע פריינט.
ריידין אויף מיר שלעכטם היינט.
זייא זענען מיר גיווארין אומזיסטיקע פיינט.
אונ האבין זיך אויף מיר מיט בלבולים גישטעלט.
גיבענשטער גאט! מאך שוין ליכטיג דיא פינצטערע וועלט.

ג.

גיבענשטער גאט! דיינע מעשים זיינען פיין.
שיק אונז דיין ליכט דיא שיין.
דוא זאלסט ליכטיג מאכין אליין.

מיר זאלין קאנען זעהן.
ווייא צו זיצען. ווייא צו גיין.
איך זאל האבין איין ארט.
איך זאל גיפינען מיין רוה דארט.
איך הער נור דאס איינע ווארט.
גייא. גייא. דא איז פאר דיר ניט קיין גיצעלט.
גיבענשטער גאט! מאך שוין ליכטיג דיא פינצטערע וועלט.

ד.

גיבענשטער גאט! האב רחמנות אויף אונז היינט.
דיא שנאה איז היינט גרויס און מיר האבין זיך פיינט.
שיק דיין ליכט אליין.
אז מיר זאלין זעהן.
ווייא דיא שנאה איז בא גרויס און קליין.
דער פריערדיקער פריינט דער בעסטער.
איז ער מיר דער שונא דער גרעסטער.
אפילו א ברודער מיט א שוועסטער.
זענען צווישין זיך שונאים שטיל און פארשטעלט.
גיבענשטער גאט! מאך שוין ליכטיג דיא פינצטערע וועלט.

ה.

גיבענשטער גאט! דיינע מעשים זענען שיין.
דוא העלפסט איעדערין מיט דיין קראפט אליין.
שיק דעם ליכטיגין טאג.
צו העלפין פון צרות און פלאג.
הער נור פון איעדערין דיא קלאג.
ווייא דיינע קינדער אימעדים.
וואנדערין אויף דער וועלט ארום.
קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום.
זייא וואלגערין זיך אוים וואו א מדינה וואו א גיצעלט.
גיבענשטער גאט! מאך שוין ליכטיג דיא פינצטערע וועלט.



הלל קליבאנאוו.

הילל קליבאנאוו — ברחן און פאלקסדיכ־ טער, געבארען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יארהונדערט, אין באריסאוו, מינס־ קער גוברניע. — הלל קליבאנאוו האט גע־ שריבען אין דער זעלבער צייט און אין דעם זעלבען סטיל פון אליקום צונזער. זיין גאנצען לעבען האט ער געליטען פון האלוצינאציעס. ווי דער באוווסטער פארלעגער הערר י. קאצענעלענ־ באגען דערצעהלט, האט ער די מעהרסטע פון זיי־ נע ליעדער אנגעשריבען אין די אנפעלע פון דער דאזיגער קראנקהייט. ווען ער איז געשטארבען איז אונבאקאנט.

די עקרה.

(פראגמענט)

אח! מיין גאט איך פרעג נאר בייא דיר,
פאר וואס האסטו מיר מיין שיין פערשטעלט?
פאר וואסער זינד קומט דאס מיר,
איך זאל זיין אזוי עלענד אויף דער וועלט?
ליבער וואלט איך ניט געבארין ווערין גאר.
צו וואס האב איך געדארפט דיא וועלט דערקאנען,
אז איך האב ניט דערלעבט קיין דור,
ווער עס זאל מיך נאך מיין טויט דערמאנען...

וויא קען איך מיין אנגסט פאר געסין,
אונ וויא קען מיר מיין לעבען איין גיין,
אז איך זעץ זיך אנידער בייא מיין טיש עסין,
איינע אליין וויא א שטיין?
איך בין דאך שטענדיק אין איין צארין —
וואס טויג מיר מיין פערמעגין, מיין גוטס,
אז איך בין געגליכען צו א טרוקענים דארין,
וואס קיינער האט פון אים קיין נוץ?...

אז איך הויב ווען אן מיין לעבין באקלערין,
וואס האב איך אויף דער וועלט פאר א ווערד, —
הייבט זיך מיר אן מיין מוח צו קערין,
אין נעזיכט ווער איך שווארץ וויא דיא ערד.
מיין הארץ קען מיר ניט שטילין,
וויא זאל מיר איין גיין מיין לעבין...
איך זע בייא יעדער מוטער איהרע קינדערליך שפילין,
וויא דיא פייגעליך טוען זייא שוועבין.

דער קאָלידאָר (קארידאר).

„התקן עצמך בפרוזדור"
(אבות).

(פראגמענט)

איר מענטשין, איר אלע בארעכינט דאָס גאָר,
וויא מיר זיינען דאָ פאַר נאָרט אָהן איין ברעג,
אויפין רעכטען סוף, פאַר געסין מיר גאָר,
אז מיר שטייען דאָ שטענדיג אויפין וועג.
פונקט וויא דער אורח אויף דער אכסניה,
וואָס ער באשטעלט זיין נומער אויף א קליינער צייט.
אזוי זיינען מיר דאָ, אונזער גאַנצע קאָנפּאַניע,
אויף א קליינער ווײַלע איז דער מענטש דאָ א לייט.
וויא דער שאָטען אויפין וואַנט, וואָס ווערט ניט גיאכט,
ווײַלע ער ווערט פאַר שוואונדען אין איין אויגין בליק,
אזוי האָט דעם מענטשינס לעבין קיין מאַכט,
דאָ לעבט ער גליקליך, דאָ רופט מען איהם צוא ריק.
אַ יאָהר לויפט פאַר בייא וויא א שעה,
און אויף דער לעצטער שעה פאַר געסט ער גאָר,
אין דאָס פאַר שטייט ער ניט דעם פשט,
אז דיא וועלט איז א קאָלידאָר (קאָרידאָר).



אברהם גאלדפאדען.

אברהם גאלדפאדען — דיכטער און באַשעפער פון אידישען טעאטער. געבארען דעם 12טען יולי, 1840, אין אלט־קאנסטאנטין, וואָהלינער גוברניע. געשטארבען אין 1908, אין ניו־יארק. איז איינער פון אונזערע באליבסטע פאלקסדיכטער. זיינע לידער זיינען געשריבען אין א הארציג־אידישלאכען איינפאכען טאָן און אין א זאפטיגען, וואויל קלינגענדען אידיש. ביבל. ל. וויענער “Yiddish Literature” אינדעקס; יוד. ענג. ענצ. 6, 23-24; ד. פינסקי: „דאס אידישע דראמא“; דר. מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור“, 1, 119-130, 2, 202-205; דר. גוסטאוו הערמאן דאלמאן, „יודישדייטשע פאלקסלידער אוים גאליציען און רוסלאנד“. לייפציג, 1888; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

מיין לעבען.

(פראגמענט)

א.

יעדער האט געהערט מן הסתם,
און אפשר געזעהען מיט די אויגען,
ווי דער ווינד טרייבט א שיף אויפ'ן ים,
ווי זי פליהט פייל אוים'ן בויגען.

אבער גיכער פון איהר פליהען געשווינד,
מיינע יונגע יאהרען אוועק;
ווי לאנג בין איך געווען א קליין קינד,
היינט בין איך געעלטערט, א שרעק.

ב.

יעדער האט געהערט מן הסתם,
און אפשר געזעהען מיט די אויגען,
ווי דער ווינד טרייבט א שיף אויפ'ן ים
ווי זי וואלט געריז צו'נ'אברעג צוגעפלויגען.

אזוי טרייבט די צייט די שיף פון מיין לעבען,
און זי פליהט אלץ ווייטער אוועק.
איך בעט דיר ווינד! זאלסט א גוטען בלאז געבען,
און טרייב זי שוין צו צו'נ'א ברעג.

א תפלה.

דו זיסער מלאך פון שלאף,
וויעג מיך מיט דיין ליעדעלע איין!
פערגעסען זאל איך אין דער שטראף,
מיט דיינע פליגעלעך טרייב אוועק,
מיינע צרות און שרעק. —

אדוני לי
מיט מיר ביסטו,
שענק מיר דיין רוה!
מיין נשמה נעהם צו
ביז אין דער פריה,
נאר דיר טרוי איך זי!

דו גרויסער וועכטער דארט אין הימעל!
דיין טריי אויג איז דאך שטענדיג וואך,
ווען איך שלאף און ווען איך דרימעל,
היט מיך מיט דיינע קינדער גלייך!
מיין נשמה איז דאך פון דיר,
איבער נאכט נעהם זי ביי מיר!...

אדוני לי!
מיט מיר ביסטו,
שענק מיר דיין רוה!
מיין נשמה נעהם צו
ביז אין דער פריה,
נאר דיר טרוי איך זי!...

פון „שולמית“.

פלאקער, פייער, פלאקער!
קנאק אונז פריילי̇ך צו,
לייכט אונז צו ביז אין דערפריה;
דער בויער רוהט ביים אקער,
דער פאסטוך — ביי די פיה,
יעדען איז ליעב זיין מיה.

לייגט זשע צו האלץ! —
מיר מענען זיין שטאלץ,
פרייהליך טאנצען אין קאהז;

ווייל פאסטעכער אליין
זעננען דאך געווען
אונזערע אבות פון אייביג אן!

פלאקער, פייער, פלאקער!
קנאק אונז פריילי̇ך צו,
לייכט אונז צו ביז אין דערפריה,
דער בויער רוהט ביים אקער,
דער פאסטוך — ביי די פיה,
יעדן איז ליעב זיין מיה.

שבת, יום-טוב און ראש חודש.

שבת, יום־טוב און ראש חודש,
דאווען איך מיר אליין פאר זיך:

איך האָב מיר אליין מיין ארון קודש,
עס בעט ניט קיינער אין איהם — נאָר איך —

מיין שווער הארץ איז דאָרט דער עמוד,
עס זעהט איהם קיינער ניט ארוים;
די ליעבע איז דאָרטען מיין נר־תמיד...
עס ברענט! — און לעשט קיין מאָל ניט אוים!

דער חזן בין איך — אלץ איך אליין,
די צרות העלפען מיר ווי זינגערם מיט,
טרויריגס, זינגען מיר אוים גאַנץ שעהן,
פרעהליכם? — עפּעס געהט ביי אונז ניט!...

די האָפנונג הערט מען דאָרט פערזאָגען!
מען הערט זי ארוים אויך ווען זי שווייגט!...
באָלד הערט מען זי דאָרט וויינען קלאָגען,
און די טרעהרען קלאַפּען צו צו'ם טאַקט! —

מיין היילינגעם לאַנד.

א.

אויפ'ן שטיינערנעם וועג וואָס קיין בית־לחם געהט,
זעהט מען א קבר דאָרט שטעהן!
און פּונקט האַלבע נאַכט, ווער דאָרטין נאָר שטעהט,
הארט ער א שרעקליך געוויין...
מען קרעכצט, מען זיפצט: „אוי וועה, אוי וועה!"
דאָס איז אונזער מוטטערם קול...
דאָס וויינט צו גאָטט ר ח ל מיט א געשריי,
איהרע קינדער אז ער העלפען זאָל:
זי געהט ניט צוריק אין איהר רוה' אריין
ביז זי הארט ניט א טראָסט פון דעם הימעל;
ביז ג אָ ט ט אליין שלאָפט זי דעמלאָט ניט איין
אין איהר זיסען היילינגען דרימעל!...

ב.

ב'וואָלט זעהען דעם ירדן, דעם היילינגען טייך,
ווי ער וויעגט זיך אין זיין בלויען בעטט;
ארום איהם שטעהען שאָפּעלעך אויסגעשטעללט גלייך
און טרינקען זיך אָן ביז אין דער זאַט;
און דאָרט'ן ניט וויט אויף א בערגעלע הויך,
שפּיעלט זיי דאָס פּאַסטוכעל צו:

און זיין שאנע ש ו ל מ י ת זיטצט זיך דאָרט אויך
און גלעט זיין קאָפּ אויף איהרע קניה:
זי פלעכט איהם די האָאר, מיט איהרע פינגער ווי שנעע,
און דערלאנגט איהם א קוש אויף זיין שטערן:
און די פּאַלמע בייגט שטיל אַן איהר קאָפּ איבער זיי
זייער זיסען ראָמאַן אויסצוהאָרען!...

ג.

כ'וואָלט געוואָלט זעהען וויא פארטשאדעט פון רויך, —
פארטאָג ווען דער נעבעל איז נאָך בלאָוו,
דרימעלט דער אלטער ל ב נ ו ן אין דער הויך,
און רעדט עפּעס צו זיך פון דעם שלאָף!...
וואָס חלומ'ט זיך דעם זיידען? וואָס טראַכט ער? וואָס קלעהרט?
צו דאַווינט ער דענסטמאָלט? — צו ניין? —
צו ווידער האָלט ער דעם תהלים, וואָס ער האָט געהאָרט,
פון זיין ד ו ד ' ן זינגען אליין? —
צו קלאָגט ער, וואָס זיינע נעסטען זענען לעער,
און די פּאָגעלעך זענען פארטריבען?...
דערפאַר קרעכצט ער פון'ם שלאָף אזוי שווער
וואָס ער איז אזוי עלענד געבליבען?...

דריי מאָל יודישקייט.

וואָס געהט דאָרט א גאנצער עולם פון יודען,
און פון זייער פּנים שיינט ארוים פרייד?
איינער מיט דעם אנדערען רעדען צופרידען,
און לאַכען און שפּאַסען פריילעכערהייט.
וואוהין געהט דער עולם? וואָס איז דאָרט געשעהן? —
צו א ברית־מילה איז א מצוה צו געהן!...

וואָס געהט דאָרט ווייטער אַן עולם פון יודען,
און טראָגען זיך עפּעס יום־טוב'דיג געקליידט?
איינער מיט דעם אנדערען רעדען צופרידען,
זיי שמועסען און לאַכען מיט גרוים פרייד.
וואוהין געהט דער עולם? וואָס איז דאָרט געשעהן? —
צו א חופּה פיהרען איז א מצוה צו געהן!...

און וואָס געהט דאָרטען פאַר אַן עולם יודען
פאַרכמאַרעט דאָס פּנים, פאַרזאָרגטערהייט?
הייסע טרעהרען זעהט מען אין די אויגען זידען,
און וויינען און אויקען: א בראָך, א לייד.
וואוהין געהט דער עולם? וואָס איז דאָרט געשעהן? —
צו אמת־מצוה איז א מצוה צו געהן!...

משה חאַשקעס.

משה בן יעקב חאַשקעס (מ. דאַנציג) — דיכטער. געבאָרען דעם 27טען סעפּטעמבער, 1840, אין ווילנא — געשטאָרבען אין 1908, אין פּעטערסבורג. משה חאַשקעס האָט געשריבען אויף פאַרשיידענע געביטען און אויך אין אייניגע שפּראַכען: אידיש, העברעאיש און רוסיש. אין 1888 איז אין קראָקוי ערשינען אַ קליינע זאַמלונג פון זיינע אידישע לידער מיט'ן נאָמען „לידער פונם הערצען". דעם זעלבען יאָהר איז אין פּעטערסבורג ארויס אַ זאַמלונג פון זיינע לידער אויך אין רוסיש מיט'ן נאָמען „סטיחי אי מיסלי". ביבל. יוד. ענג. ענצ. 3, 679; ל. וויענער "Yiddish Literature" 106-107; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

צוא גאָטט.

אַט האָסטו, גאָטט, מיין מח
דעם טרוקענעם, דעם קראַנקען;
קוועטש, דריק, מיט קראַפּט, מיט כח
ארויס עטוואָס געדאַנקען!...

אַט האָסטו, גאָטט, מיין נשמה
איך ליג זיא דיר צוא דיא פיס;
זיא זוכט בייא דיר נחמה
וויל בייא דיר איז גוט און זיס.

נעם גאָטט צוא מיין האַרץ אַצונד,
וואָס שטערט מיר אין פיל פּרטים;
הייל עס, ווארום עס איז וואונד
און פרייער מאַך דעם אָטים. —

נעם מיר צוא גאָטט מיינע אויגען,
נעם דעם שכל, דעם פערשטאַנד;
נעם צוא דאָס, וואָס קען ניט טויגען
מיינע ברידער און מיין לאַנד!...

ווענן עס ווילט זיך וויינען.

ווענן דאָס האַרץ דריקט וויא אַ שטיין,
נעה איך אריין אין דער יודישער גאַס;
בעטראַכט נאָר דעם דלות אַלליין
ווערין מיינע אויגען שוין נאַס. —

ווענן שווערע און טרויריגע צייטען
פאַרשטיינערן מיין פינסטער געמיטה
גיב איך אַ קוק אויף אַ ש ו ל פון ווייטען, —
גיעסט זיך שוין טרעהרין און בלוט. —

ווענן איך וויל וויינען און עס געהט צו שווער,
קוק איך אריין אין אַ יודיש ח ד ר...
און פון וואָס איך זעה און פון וואָס איך האָר,
גיעסען זיך שוין טרעהרין כסדר. —

ניט לאנג איז מיר דאס הארץ געווען וויא צו „על חטא“.
נאר דיא קוואלל פון טרערין איז געווען וויא פערשלאסען:
האב איך מיך דערמאנט, אז איך בין א יודישער פאעט, —
און פון מיינע אויגען זענען טייכען געפלאסען. —

אין א יודיש חדר.

(פראגמענט)

אט דיא איינגע שמוציגע חדרים
מיט דיא אלטע פערשמאלצענע ספרים,
גיב איך אייך מיין ווארט — און קען דערויף וועטין
אז זייא שטייען ניט נידעריגער פון אייערע אוניווערזיטעטען!

ווענן ניט העכער אין בילדונג, אין וויסענשאפט־לעהרע,
דער פאר אבער העכער אין געפיהל און אין עהרע:
העכער, ערהאבענער, אין הארץ און אין זיטטען,
און אומזיסט האבען מיר חדר אויף שוהלע פארביטען.

גיט צוריק אונז דעם חדר מיט דיא געשליפענע קעפלאך,
און מיר גיבען אייך אפ בכבוד אייערע מעשענע קנעפלאך...
מיר דארפען ניט אייערע פארמעס וואס איז גאר א חידוש,
א הארץ האבען מיר נייטיג, א הארץ וואס זאל זיין אידיש!...

משה־לייב ליליענבלום.

משה־לייב ליליענבלום — באריהמטער העברעאישער פובליציסט. געבארען אין קיידאן, קאוונער גוב. דעם 22טען אקטאבער, 1843, געשטארבען אין אדעס דעם 30טען מערץ 1910.— האט אנגעפאנגען אלס משכיל און אפיקורוס, איז געווען טעטיג אויף פארשיידענע געביטען (איז אויך געשטאנען זעהר נאהענט צום אידישען טעאטער און האט פאר איהם געשריבען) און האט געענדיגט אלס פיהרער פון נאציאנאליזם און חבת ציון. די פאלגענדע תפלה איז קאפירט פון זיין היסטארישער, ציוניסטיש־טענדענציעזער אידישער דראמא „זרובבל”. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 8, 85—86; ל. וויענער, “Yiddish Literature” אינדעקס; ז. רייזען, „לעקסיקאן”.

תפלה.

ווי לאנג, א גאט, וועלען מיר זיין אין דער פרעמד,
פערשטויסען, פערוואָרפען פון אונזער אייגענעם לאנד?
מיר זענען הפקר פאר יעדען, ניט זיכער מיט'ן העמד,
נאר איינס איז אונזער אייגענטהום: חרפה און שאנד!

אונזער כבוד, אונזערע געפיהלען טרעט מען מיט די פיס;
אונזער מיה, אונזער פערמעגען איז ניט אין אונזער האנד,
ווער עס וויל ראבעוועט, ווער עס וויל — גיט א ביס,
ווארום מיר זענען איינגעבעטענע אין א פרעמדען לאנד.

אונזער לעבען, אונזערע טעכטערס עהרע הענגט אויף א האר,
ווער נאר כח האט הייבט אויף אונז זיין האנד,
מיר מוזען שווייגען ניט עפפענען קיין מויל,
מיר זאלען מיט'ן שרייען ניט פערערגערן אונזער שטאנד.

זענען מיר דען ערגער פון אללע אומות אויף דער וועלט?
אללע זיטצען זיך אין דער היים ווי אונטער א וואנד,
נאר מיר אליין זענען אומעדום אלס בעטלער געשטעלט,
מיר זענען פולל אומעדום, נאר נישט אין אונזער לאנד.

א פויגעל האט א נעסט, א שלאנג — א קווארטהיר,
יעדעס לעבעדיגעס — א וואהנונג נאך זיין שטאנד,
נאר דיין פאלק ישראל וויזט מען אומעדום די טהיר
נאר קברים קריעגט עם פריי אינ'ם פרעמדען לאנד.

האָב שוין רחמנות, גאָטט, עפפען דיינע אויגען,
בעוויז דיין כח, מאַך פריי דיין שטאַרקע האַנד,
ווייז שוין אויך דיין פאָלק איין אָרט דעם קאָפּ צו לעגען —
פיהר אונז שוין צוריק אין אונזער הייליג לאַנד.



יצחק ראַבינאָוויטש.

יצחק ראַבינאָוויטש (איש קאָוונא) — העברעאיש־אידישער דיכטער. געבאָרען אין קאָווי נאָ, אין יאָהר 1846, געשטאָרבען אין נויאָרק, אין יאָהר 1902. אין 1891 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא, וואו ער האָט צווישען אַנדערעס באַארבייט א גרויסע צאָהל פּאָפּולערע ראָמאַנען פאַר די אידישע צייטונגען. אויסער דעם האָט ער אויך אָנגעשריבען אייניגע אידישע ליעדער. וואָס זיינען פון קנאַפּען פּאָעטישען ווערט. זיי זיינען אָבער געשריבען אין אַן אויסגעצייכענטען אידיש אויך וואָס ער איז געווען א ספּעציאַליסט. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 10, 303 ; המו״ל. "Gallery of Hebrew Poets" ארויסגעגעבען אין לאָנדאָן ; ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

וויא אַ קליין שיפעלע.

וויא א קליין שיפעלע אים שטורמענדען מעער,
איז, מענש, דיין לעבען פון ערשטען אויגענבליק ;
דער שטורם שאָקעלט עס, וואַרפט אַהין און אַהער,
דאָ שווימט עס פון אויבען, דאָ זינקט עס צוריק ;

צום הימעל אין דער הויך הייב די אויגען נור אויף,
שאַר אוועק דעם נעבעל וואָס פערשטעלט דיין קוק —
ווער דו ניט צו פריילעך ווען דו שווימסט ארויף —
אויך ניט פערצווייפעלט ווען דו פאַלסט גאָר צוריק.

דען, טויט און לעבען זענען וויא ברידער בעזאַממען,
די טרויריגקייט זיצט אָפט ביי דער פרייד אויפן שוים...
האָפנונג, פערצווייפלונג פון איין אָרט נור שטאַממען —
פון איין רעגירער קומט דאָס אַללעס אַרוים !

און דאָס זאָלל זיין דיין טרייסט אין דיא ביטערע טאָג,
ווען פון צרות אַהן מאָס איז בעקלעממט דיין זינען...
ווען דו האָסט שוין גאָר אונטען פערלוירען דיין וועג —
קוק ארויף אויבען וועסט דו דאָרט איהם געפינען ! —

רש"י קאצענעלענבאגען

רש"י קאצענעלענבאגען — אידישער דיכטער און דראמאטיקער. געבארען אין ווילנא אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יארהונדערט, איז אהן צווייפעל איינער פון די גרעסטע דיכטער פון זיין צייט, כאטש דאס פאלק ווייס פון איהם אזוי ווייניג. ער איז געווען איינער פון די ווייניגע דיכטער פון זיין צייט, וואס האט פארשטאנען ווי אנצוקליידען זיינע שטארקע געפיהלען אין א בויגזאמער ריטמיש־געזונטער פארם. מאנכע פון זיינע ליעדער ווי דאס „וויינ־ליעד", „על נהרות בבל" און אנדערע, קענען אהן צווייפעל פארגליכען ווערען מיט די בעסטע ליע־דער פון פערזישען דיכטער האפיז, ביבל. ל. וויע־נער, "Yiddish Literature" 76, 99־100, 238, 371; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

##ביינקונגס ליעד.

צו דיר, צו דיר נאר, ליעבעס קינד,
פליהט מיין געדאנקען גאנץ געשווינד!
וויא קום איך שוין צו דער סעקונד,
אונז צו פארבינדען אין איין בונד.

איך בין פון דיר אוועק גאנץ וויית,
געשיידט פון דיר א לאנגע צייט.
דאך מיין געדאנקען אין מיין זינן,
פליהט שטענדיג נאר צו דיר אהין.

פאר מיינע אויגען שטייט דיין בילד —
וויא שיין דוא ביסט, וויא רייצענד מילד!...
פון דיינע אויגען טרערען רינט, —
מיט שמערצען זעה איך דאס מיין קינד!

אומארמען וועל איך דיך גאנץ גיך,
פארגעס ניט אונ געדענק אן מיך,
דיא צייט קומט אן פון אונזער גליק, —
איך קעהר באלד אום צו דיר צוריק.

איך בין דיר נאך געבליבען טרייא —
פארטרויערט אונ פארקלאגט ניט זייא.
פון טיפסטען הארצען דורך דעם ווינד,
שיק איך דיר קישען ליעבעס קינד.

וויין-ליעדער.

א.

דער וויין, דער וויין איז אונז געגעבען,
אום אויף צו האַלטען אונזער לעבען;
צו שטאַרקען אונזער זייל און לייב,
און אויך צום גוטען צייט פאַרטרייב.

אַז אַלע שמערץ פערגעס איך באַלד,
ווען אין דער האַנד דעם כוס איך האַלט...
אַ נאַר איז דער, וואָס טרינקט קיין וויין, —
דער חכם זאָל דער טרינקער זיין.

ווען שלעכט דאָס וועטער איז אין דרויסען,
דער שטורעם בלאָזט, די ווינדען שטויסען, —
איז דאָך בייא דעם דאָס וועטער פיין,
וואָס טרינקט זיך אויס זיין בעכער וויין.

ב.

מיר מאַכען וואונדערליכע זאַכען,
מיר לעבען זייער גוט און פיין,
מיר טאַנצען, זינגען, שפּילען, לאַכען
און טרינקען אַלטען, גוטען וויין!
דיא פראַסטע מענשען אונז בעהערען,
פאַר פריצים יעדער אונז בעטראַכט —
פילט אָן די בעכער מיט מאַדערן,
לחיים, לחיים, ברידער, מאַכט!

מיר לעבען דאָך וויא אין גן עדן,
אָהן זאָרג אָהן דאגה און אָהן שמערץ,
מיט שמחה ששון און מיט פריידען,
ערקוויקען אונז מיט וויין דאָס הערץ.
מיר האָבען ניט קיין מאַנגעל קיינער.
מיר הוליען שטענדיג טאָג און נאַכט!
נו, פילט זשע אָן דעם כס מיט ריינער...
לחיים, לחיים, ברידער, מאַכט.

איהר שיינע פרייליינס, פיינע וויבער,
אַ, טיילט מיט אונז די לוסט און פרייד!
וויא גוטע פריינדינס, איינע לייבער,
וואָס מיינס, דאָס דיינס, קיין אונטערשייד!
נו, קומט געשווינד אין אונזרע אָרעמס,

אזוי, אזוי. גאנץ שטיל, גאנץ זאכט.
פילט אָן דעם בס מיט ריינעם ווארעמס —
לחים, לחים, אלע מאכט!

דאָס יאַכט-ליעד.

א.

בעשטענדיג פריילאך זיינען מיר,
אהן קימער און אהן זארגען;
מיר שיסען חיות אהן א שיעור
פון מאָרגען ביז צום מאָרגען.
דאָס איז דאך אונזער גרויסע לוסט,
וואָס אונז ערקוויקט דיא זייל און ברוסט
און ווייז דערצו איז אונז געגעבען —
א וויוואט, פריינד, מיר זאָלען לעבען!

ב.

דער וואלד איז אונזער הויפט קוואטיר,
איז אונזער פרייד אויף ערדען;
דאָס ווירטשאפט אונזער און געשיר:
דיא שפיזען, פיילען, שווערדען.
דיא הינד אומלויפען, העזלאך שפרינגען
געוועהר און וואפען בליטצען, קלינגען,
בעפרידיגט ווערד באלד אונזער שטרעבען —
א וויוואט, פריינד, מיר זאָלען לעבען!

ג.

נו, גיך דיא פלאשען אוים געלעהרט!
דיא שווערדען פון דיא שיידען!
געשווינד זיך צו דער יאכט געקעהרט
מיט טאפפערקייט, מיט פריידען!
די יאכטטאשען געשווינד געפילט
מיט פיל דערשלאָגענע געווילד;
איז פערגעניגען, נאָר צו שוועבען —
א, וויוואט, פריינד, מיר זאָלען לעבען!

על נהרות בבל.

בייא דיא טייכען בבל'ס זיינען
מיר געזעסען און געוויינט,
דער מאהנענד זיך אן ציון'ס פיינען
און וויא זיא האָט אמאל געשיינט.

רש"י קאצענעלענבאגען

אויף יענע בוימער אויפגעהאנגען
אונזרע הארפען האבען מיר,
ווייל דיא, וואס האבען אונז געפאנגען
געבעטען האבען אונזער שיר.

דורך שפעטערייען און דורך לאכען
האט אונז געזאגט דער פיינד מיט צוואנג:
„איהר, יודען, זאלט אונז פריילאך מאכען
מיט ציון׳ס ליעדער און געזאנג“.

וויא קענען מיר דען גאטעס ליעדער
זינגען אין א פרעמדען לאנד?
אויב איך פארגעס דיך, ציון, וויעדער
אבפוילען זאל מיין רעכטע האנד!

מיין צונג זאל צו קלעפען צום גומען,
אויב איך וועל דיך פארגעסען וועו:
אויב דוא וועסט מיר אין זינן ניט קומען,
אויף אלע שמחות אין מיין פלען.

דער מאהן דיך, גאט, אן דיא רשעים,
וואס האבען אלע אין איין בונד
געזאגט: רייסט אוים ירושלים,
רייסט אוים אין גאנצען ביז צום גרונד!

דוא בבל, קעניגרייך, פון מערדער,
א, דיין מפלה וועט זיין גרוים!
דיין חטא וועט מען מיט שארפע שווערדער
באצאהלען דאפעלט דיר אין שוים.

וואויל יענעם, וואס וועט דיך דערטאפען,
און זיך מיט דיר, וויא דוא — בעגיין;
וואס וועט דיא קינדער דיינע חאפען,
און זייא צו זעטצען אן א שטיין...

דאס טריומף ליעד.

(נאך דער שירה פון דבורה)

זבולון׳ס פעלדער, בערג און טהאלען,
דארט האט דער שטארקער פיינד מארשירט.
ווער איז אים שטאנדע אבצומאהלען,
וואס דארטען האט אמאל פאסירט?

דיא פעלדער װעלען דיר דאָרט מעלדען,
דיא װאונדער, װאָס איז דאָרט געשעהן:
פון דבורה, יעל, דיא גרויסע העלדען,
װאָס אונטער יודען איז געװען.

דיא ערד, דיא הימעל און דיא שטערען,
בעװייזען אונזער יודיש קראַפט,
װיא פרויען האָבען, װיא דיא העררען,
דעם גרעסטען רוהם, דעם פאָלק פערשאַפט.

װיא דבורה איז אין פעלד געריטען,
און מיט דער מחנה קאָמאַנדירט:
װיא גאָט פון הימעל האָט געשטריטען
און צום טריומף זיין פאָלק געפיהרט.

זיא האָט דעם פיינד פאַריאָגט, פאַרטריבען,
אין גאַנצען איהם פאַרניכט אין שטרייט;
עס איז א זכר ניט געבליבען,
פון אַלע זיינע שטאַרקע לייט.

װער האָט פאַנצירעס, שװערדען, שפּיזען,
בייא פערציג טויזענד מאַן געזעהן?
דאָך האָבען זייא זיך װיא דיא ריזען,
געשלאָגען איינעך געגען צעהן.

אַ הייסער שטראָם פון פעך און שװעבעל
איז פון דעם הימעל ראָש אראָפּ.
א פייער האָגעל מיט רויך און נעבעל,
צובראָכען האָט דעם שונא׳ס קאָפּ.

אויך דיין זיג איז ניט אויס צו זאָגען.
דו יעל! אַ, װי קרעפטיג, שטייף,
אַנאָגעל האָסט אריינגעשלאָגען
דעם שטאַרקען אין זיין שלייף.

מיט גרויסען כבוד און מיט פריידען,
האָט דבורה אומגעקעהרט פון פעלד;
דאָס פאָלק בעפרייט פון זיינע ליידען,
מיט קראַפט און גבורה פון א העלד.

אָך, גאָט, װיא גרויס איז דיינע װאונדער,
װאָס דוא האָסט אָפט מיט אונז געטהון?...
דאָס זינגט דאָך יעדער יוד באַזונדער.
דער פאָטער, מוטער, טאָכטער, זון.

מ. ליעוו.

מ. ליעוו — אידישער דיכטער. געבארען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יארהונדערט. זיין פּאעמא „הארעל" (ערשינען אין קישיניעוו אין יאהר 1888) איז אין יענער צייט געווען א נייעס אין דער אידישער פּאעזי א דאנק איהר דערצעה־לערישער פארם. דאך איז עס אלס גאנצע פון א קנאפּען ווערט צוליעב איהר צוציינענקייט, אבּ־וואהל וואו ניט וואו בעגעגענט מען אין איהר אזעלכע שעהנע שטעלען ווי דער אויסצוג, וואס ווערט דא געבראכט. עס מוז דא פאראיינס באַ־מערקט ווערען אז עס איז אבסאלוט ניט ריכטיג, וואס פּראפעסאר ל. וויענער זאגט, אז די אויבען דערמאנטע פּאעמא איז א נאכאהמונג נאך ש. י. אבראמאוויטש'ס „יודעל", ווייל ניט לויט דער טעכנישער פארם און ניט לויט'ן אינהאלט האבען דיביידע זאכען די מינדסטע עהנליכקייט. עס איז אויך ווערט צו באמערקען אז דאס ליעד „דו זיצסט און שטריקסט אשאליכען", איז איינע פון די שעהנסטע און אויסגעהאלטענסטע ליעבע־ליע־דער אין דער אידישער פּאעזי פון יענער צייט. ביבל. ל. וויענער "Yiddish Literature" 99 ; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

מירעלע.

דו זיצסט און שטריקסט א שאליכען,
און קוקסט דיך גאר ניט אום,
און אויף דיין שאנעם מאלעבען,
שפּאצירט א שמייכעל אום.

דיין פּנים'על, דיין צורה'לע
איז זיס און מלא חן,
נור זאג: וואס זיפצסטו, מירעלע?
וואס איז מיט דיר געשעהן?

דו לאזסט די ארבייט — שטעקעלעך
פון דיינע הענד ארויס.
די רויז אויף דיינע באקעלעך
וואס לעשט זיך פּלוצים אויס?

דו עפענסט אויף דאס לאדעלע
און זעהסט א שאנע נאכט. —
איך וויים, איך וויים מיין עדעלע,
וואס האט דיך טריב געמאכט...

אין הימעל גלאנצען שטערענדלעך,
זיי גלאנצען אבער קאלט:
נור דיינע הייסע טרעהרענדלעך —
זיי ברענען — א געוואלד!

און דארטען זינגען פאנעלעך, —
דו הערסט דיך צו צו זיי;
עס פינקלען דיינע אייגעלעך,
דיין הארצעל טהוט דיר וויי...

דו זיצסט און שטיקסט א טיכעלע,
איך וויים אז ניט פאר דיר;
דיין הארצעל, ווי א ביכעלע
ליגט אפען צינד פאר מיר...

איך לעז אין דעם איין שורה'לע —
פּיער ווארטער — און ניט מעהר...
פאר וואס זשע איז דיר, מירעלע,
זיי אויסצואזאגען שווער?

דו ביסט א יודיש מאדעלע,
האלטסט עהרליך גאט'ס געבאט:
אה, וויים זשע, וויים, מיין עדעלע,
אז ליעבען הייסט אויך גאט...

נו הער זשע אויף, מיין מירעלע,
און זיי שוין מעהר ניט טריב.
און זאג שוין אויס דאס שורה'לע:
אך, זאג: איך האב דיך ליעב!...

פון דער פאעמא „האדעל".

אליין ווי א שטעקען איז האדעל שוין היינט.
קיין פאטער, קיין מוטער, קיין גואל, קיין פריינד.
א פרעמדע פאר יעדען, אליין מיט איהר וועה,
און דא נאך אויף אייביג צעבראכען אזוי.
צום אנפאנג האט האדעל איהר בראך ניט געוואוסט,
די האפנונג האט דאנן נאך געצאנקט אין איהר ברוסט,
זי האט זי געווארעמט, געשיינט אויס איהר בליק,
און האט איהר געמאהלען מיראזשען פון גליק:
„אט באלד וועט זי וויססען שוין אויך פון א וועלט,
ער האט איהר געשוואורען און גליק פארגעשטעלט:
נאך קלינגען די ווארטער — די קוויקענדע רייד:
„דו ביסט מיין נשמה, מיין נחת, מיין פרייד!
„געטריי דיר אויף אייביג מיט זעהל און מיט לייב,
„נאר דו מיין געליעבטע, נאר דו ביסט מיין ווייב".
אזוי האט זיך האדעל אין שבעה געטרייסט:
ער ווייסט דאך איהר אומגליק, ער ווייסט דאך, ער ווייסט:
זי האט זיך איהם איבער געגעבען ווי בלינד,
וועט ער דען פערפיהרען איין אומגליקליך קינד?
ער קומט ניט אין שבעה דאס מאכט נאך ניט אויס,
די שבעה פערגעהט גיך, באלד לאזט זי זיך אויס,
אה, מוטטער! וואס האסטו מיט מיר זיך געשיידט?
דו וואלסט אין דיין טאכטער דער לעבט זיך א פרייד,
דו וואלסט שוין געוואוסט פון א לעבען אצינד
און וואלסט געהאט נחת אין דיין איינציג קינד.
נאר דיר איז קיין נחת געוועזען בעשעהרט
און האסט אויך דיין טאכטער די שמחה פערשטעהרט:
אין וויינינגסטען טרייסט דיך חאטש דארט אין דיין גרוב, —
איך בין מעהר ניט עלענד — מיין פריינד האט מיך ליעב.
ער קומט באלד נאך שבעה — אט באלד שוין ניט ווייט
און וועט מיין מאנן אפפען פאר גאטט און פאר לייט.
אזוי האט די האפנונג מיין האדלען גענארט;
אזוי האט מיין האדעל געהאפט און געהארט;
ער קומט ניט — עס איז שוין נאך שבעה א וואך;
ער קומט ניט — דאס הארץ הייבט אן פיהלען דען בראך.

מארק ליעוו.

מארק ליעוו — דיכטער. געבארען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יארהונדערט. אין 1886 האט ער אין קישיניעוו ארויסגעגעבען א זאמלונג פון קריסטוס־ליעדער אונטער'ן נאמען „נייע מאטיוועז פארן יודישען פאלק". (עס איז צו באמערקען אז אין יענער צייט האט אין קישיניעוו אויך געלעבט יוסף ראבינאוויטש, דער גרינדער פון אן אידיש־קריסטליכער סעקטע מיט'ן נאמען „נאווי איזראיל") לויט דער פארם און שפראך זיינען די ליעדער פון דער דערמאנטער זאמלונג זעהר ענליך צום פראלאג פון מ. ליעוו'ס פאעמא „האדעל". דער טאן, דער זאץ־בוי ווי אויך דער ריטהם מיט'ן גאנצען פערז־בוי, באזונדערס פון דאס ערשטע ליעד, זיינען די זעלבע ווי אין מ. ליעוו'ס דערמאנטען פראלאג. איך האב אויך אויסגעפונען אזביידע האבען זיך געפונען אין איין צייט אין קישיניעוו, און אז ביידע ווערק זיינען דארט ערשינען. דאס ערשטע אין 1886, די צווייטע אין 1888. ס'איז ביי מיר דעריבער מעהר קיין צווייפעל ניט אז מ. ליעוו און מארק ליעוו זיינען איינ און דער זעלבער דיכטער. די ליעדער „ישראל און זיין משיח" זיינען געשריבען אין א ווארעם־ביבלישען טאן. געבראכט לויט דער לאטייני־שער טראנסקריפציע. ביבל. דר. גוסטאוו הערמאן דאלמאן, „יודיש־דייטשע פאלקסליעדער אויס גאליציען און רוסלאנד". לייפציג, 1888.

ישראל און זיין משיח.

א.

הלואי וואלסטו לאנג שוין מיין ברודער געווען!
דו האסט דאך געזויגען פון מיין מוטערס ברוסט,
הלואי, ווען איך האב אויף דער גאס דיך דערזעהן,
וואלט איך דיר אנטקעגען געלאפען מיט לוסט!

הלואי וואלט איך לאנג דיך געקושט מיט גרויס פרייד,
און וואלט דיך געבראכט אין מיין מוטער'ס הויז;
איך וואלט דאך געוויס ניט געוואוסט פון קיין לייד,
און וואלט פון דעם גלות געוועזען לאנג לויז.

נאר וועה! צו מיין אונגליק בין איך געווען בלינד,
מיין אויער איז מיר דאן געוועזען פערשטאפט, —
איך האב ניט פערשטאנען אז דו ביזט גאטס קינד,
און ס'האבען דיך פרעמדע פון מיר אויסגעכאפט...

ב.

פרעמדע האבען גע'ירשנ'ט מיין ירושה,
וואס האבען מיין פאטער קיינמאל ניט געקענט;
ווי א יתום פערטריעבען פול בושה
בין איך פון מיינע אייג'נע ווענט.

צווישען פעלקער פערשאָלטען און נימאס,
בלאַנדזשע איך אום שוין באלד צוויי טויזענט יאָהר:
אין דער פינסטער, ווען אויף אַלע אומות,
לייכט זיין שיין אזוי העל, אזוי קלאָהר.

אַלע בענשען זיך נאָר אין זיין נאָמען,
און זיי פרעהט די ירושה פון מיר!...
נאָר איך געבעך אברהם׳ס וואהרער זאָמען,
האָב קיין מינדסט חלק אין איהר...

ג.

ניט קוקט, וואָס איך בין אזוי שווארץ!
איך בין נאָר אָבגעברענט פון זון:
ווייל איך האָב ניט בעשניטען מיין הארץ,
דערקענט איהר מיך ניט, ווער איך בין.

פרעמדע גערטנער האָב איך אבגעהיט,
און מיינעם האָב איך גאָר פערלאָזט.
אומזיסט האָב איך מיך יאָהרען געמיהט, —
ביי אייך אין ד׳אויגען זיך פערהאסט.

יעצט וויל איך בעשניידען מיין הארץ!
נו גיט זשע מיר דאָך ברידער די הענט,
און קוקט ניט וואָס כ׳בין אזוי שווארץ, —
די זון האָט מיך נאָר אָבגעברענט...



מ. מ. ווארשאווסקי.

מ. מ. ווארשאווסקי — איינער פון די שעהנסטע און באליבסטע אידישע פאלקסדיכטער. געבארען דעם 14טען נאוועמבער 1848, אין אדעס. (לויט דער יוד. ענג. ענצ. 1853 אין כערסאן) זיינע ליעדער, וועלכע ער האט אויך באזארגט מיט הארציגע נגונים ווערען געזונגען אינאיינעם מיט די עלטסטע אידישע פאלקסליעדער, און האבען אן עהנליכע ווירקונג אויף די צוהערער. מ. מ. ווארשאווסקי איז איינער פון א רייהע פאלקסדיכטער, וואס בילדען א מין בריק צווישען דער אלטער פאלקסדיכטונג און דער פאעזי פון פרוג'ס חדר; און צייכענט זיך באזונדערס אויס מיט דער אויסגעהאלטענקייט פון זיין פארם און מיט דער בייגיגקייט און זאפטיגקייט פון זיין (זיד־רוסישער) שפראך. אין 1900 איז ארוים א קליינע זאמלונג פון זיינע ליעדער אונטערן נאמען „יודישע פאלקסליעדער". אביסעל שפעטער איז ארוים א צווייטע פארגרעסערטע אויסגאבע. געשטארבען איז ווארשאווסקי אין קיעוו, 1907. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 12, 473; ז. רייזען „לעקסיקאן".

שרה און רבקה.

(פראגמענט)

אז איך בין געקומען קיין ראכמעסטריווקע,
האב איך דארט צוויי שענע שוועסטער גיזעהן:
איינע האט געהייסען שרה, די אנדערע רבקה, —
צוויי שענע כלות זענען דאס געווען;
יעדע פון זיי האט געהאט איין אנדער מעלה.
דא האט זיך פארדרעהט מיר דער קאפ אויפ'ן ארט:
וועלכע פון זיי זאל איך מיר נעהמען פאר א כלה,
וועלכע פוןביידע זאל איך געבען דאסווארט?...

אין שרה'לעס אויגען קען מען גלייך ניט קוקען,
ווי די זון אים תמוז אזוי שיינען זיי:
זיי שמייכלען, זיי לאכען, זיי רעדען, זיי קוויקען
דאס הארץ, אז זי טוט א קוק נאר מיט זיי.
אבער רבקה'לעס אוינען ברענען ווי פייער,
שווארץ ווי די קוילען וואס טיף אין דער ערד:
אז זי הייבט זיי אויף, ווערד דאס לעבען טייער,
אז זי לאזט זיי אראפ — האט דאס לעבען קיין ווערט....

איך האב אמאל א סוד אין אויער איינגערוימט שרה'ן —
האט זי זיך צעוויינט ווי א פיצעלע קינד.
„אקעגען וואס, פרעגט זי מיך, ביזט דו געקומען צו פאהרען?
צו וואס האט דיך געבראכט אהערצו דער ווינד?"

אז עס האט זיך איין מיר צעשפּיעלט די ווילדע קליפּה,
האב איך רבקה'ן איינגערוימט דעם איינענעם סוד.
„נאר דו ווליסט א קיש! — שטעל פריהער א חופּה;
איך בין דיך ניט האפקע. דו ביזט ניט פּעדאט!"

צום באדעקענס דער כלה.

דו ביזט דעם חתן געפעלען.
ווארום דו ביזט דאך שען און פיין;
באלד וועט מען די חופּה שטעלען.
באלד וועט די חופּה זיין.
אנייע וועלט וועסט דו דערזעהן.—
עפּים זאגט מען זי איז זעהר שען...
נאר איך וויים ניט צי דארפסט דו
זיך פרעהען...—
כלה'ניו, וויין־זשע וויין!

מען האט דיך אין צרות דערצויגען.
געמוטשעט זיך אהן א שיעור;
געקוקט אין דיינע אויגען.
געציטערט איבער דיר.
דו פיהלסט עס, מיין קינד.
מן־הסתמה:
דיין הארץ איז כשר און ריין.
פארגעס־זשע ניט טאטע־מאמע.—
כלה'ניו וויין־זשע וויין!

דו וועסט זיך תמיד דערמאנען.
וואס דו האסט קינדווייז געפיהלט:
אט דא ביזט דו געשטאנען.
אט דארטען האסט דו זיך געשפּיעלט.
די יונגע יאהרען פערשוועבען, —
זיי קומען צוריק ניט צוגעהן.
אזוי פערגעהט אונזער לעבען...—
כלה'ניו, וויין־זשע וויין!

אז דאס גליק וועט דיר שיינען און
לייכטען.
פארגעס ניט דעם ארימאן;
דער מענש מוז תמיד טראכטען,
וואס וועט מיט איהם מארגען זיין.
אוי! יעדער מענש איז ארים.
ווי רייך ער וואלט נישט געווען.
אזוי זאגען אונזערע ספרים...—
כלה'ניו, וויין־זשע וויין!

אז דיין מאן וועט טרעהרען
פארגיסען.
פארביטערט וועט זיין דאס הארץ.
זאלסטו איהם זיין לעבען פארזיסען.
פארגרינגערען איהם זיין שמערץ.
דיינע קינדערליך זאלסט דו געבען
אונזער אומגליק גוט צו פארשטעהן.
אז ווייגען הייסט ביי אונז לעבען...
כלה'ניו וויין־זשע וויין!

דעם חתן פיהרט צו דער כלה,
באשיט איהם מיט בלומען גיך:
אט וועלען מיר בעטען אלע
ער זאל דיר זיין מצליח.
וואו דו וועסט זיך ווענדען און קערן.
זאל גאט פאר דיר תמיד שטעהן;
ער זאל דיינע טרעהרען דערהערען...
כלה'ניו וויין־זשע וויין!

די ראד.

(כלה'ס צד)

שלאגט כלי־זמר אין די טאצען.
ווער וועט אצינד מיך שאציזן?
אוי, אוי! גאט איז גרויס!
ער האט דאך געבענשט מיין הויז...

די מיזינקע גיב איך אויס —
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

שטארקער!... פרעהליך!...
דו די מלכה, איך דער מלך,
אוי, אוי, איך אליין
האב מיט מיינע אויגען געזעהן,
ווי גאט האט מיר מצליח געווען —
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

שטארקער!... בעסער!...
די ראד, די ראד מאכט גרעסער!
גרויס האט מיך גאט געמאכט;
גליק האט ער מיר געבראכט,
הוליעט, קינדער, א גאנצע נאכט!—
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

דער טרייער פעטער יוסי
און די גוטע מומע סאסי
האבען מיר צום חתן־מאהל,
טייערע וויינען אהן א צאהל
מיר געשיקט פון ארץ־ישראל. —
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

מאטעל!... שמעון!...
די ארימע לייט זענען גיקימען,
שטעלט זיי דעם שענסטען טיש,
טייערע וויינען, טייערע פיש,
אוי וועה, טאכטער, גיב מיר א קיש!
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

אייזיק!... מזיק!...
די באבע געהט א קאזיק!
קיין עין־הרע זעהט נאר זעהט,
ווי זי טופעט, און ווי זי געהט,
אוי, א שמחה, אוי, א פרייד! —
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

איציק!... שפיציק!...
וואס שווייגסט דו מיט דעם
שמיציק?!
אויף די כלי־זמר טהו א געשריי:
צו שפילען זיי, צו שלאפען זיי?
רייסט די סטרונעס אלע אויף
צוויי! —
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

אויפ׳ן פריפעטשיק ברענט א פייעריל.

אויפ׳ן פריפעטשיק ברענט א פייעריל
און אין שטוב איז היים.
און דער רבי לערענט קליינע קינדערליך
דעם אלף־בית.

זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
וואס איהר לערענט דא:
זאגט־זשע נאך אמאל, און טאקי נאך אמאל:
קמץ אלף — א!

לערענט, קינדער, מיט גרויס חשק,
אזוי זאג איך אייך אן.

ווער ס'וועט גיכער פון אייך קענען עברי,
דער באַקומט א פּאָן.

זעהט־זשע קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
א. ז. וו...

לערענט, קינדער, האָט ניט מורא,
יעדער אָנהויב איז שווערר,
גליקליך דער וואָס האָט געלערענט תורה,
צי דאַרף דער מענש נאָך מעהר?

זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
א. ז. וו....

אז איהר וועט, קינדער, עלטער ווערען,
וועט איהר אליין פאַרשטיין,
וויפיל אין די אותיות ליגען טרעהרען
און וויפיל געוויין.

זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
א. ז. וו....

אז איהר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּען,
אויסגעמוטשעט זיין,
זאָלט איהר פון די אותיות כח שעפּען,
קוקט אין זיי אריין!

זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע.
א. ז. וו...

אויפ'ן פּריפּעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לערענט קליינע קינדערליך
דעם אלף־בית...

דאָס ליעד פון דעם ברויט.

געווידמעט די יודישע קאָלאָניסטען
צו זינגען אין פעלד נאָך דער ארבייט.

גרויסער גאָט! מיר זינגען ליעדער
אונזער הילף ביזט דו אליין!
נעהמט צענויף די סנאָפּעס, ברידער
ביז די זון וועט אונטערגעהן.
נעהמט צענויף די סנאָפּעס, ברידער
ביז די זון וועט אונטערגעהן.

לאז די זון אונז בריהען, בראטען,
זי האט אונז געשיינט צום גליק:
זעהט דאס ברויט איז אונז, געראַ־
טען...
קינעדר, קיינמאל ניט צוריק!...

גרויסער גאט! דו העלפסט דעם
מענשען,
אז ער רופט צו דיר אין נויט!
זאלסט אונז טאקי ווייטער בענשען
מיט הצלחה און מיט ברויט!

נעהמט צענויף אייך אלע אינאיינעם,
נחת האבען מיר שוין פיעל...
און דעם גאלדענעם קראנץ דעם
שענעם
פון די זאנגען טראגט אין שול.

לאזען אונזערע קינדער וויסען
פון א לעבען אויף דער וועלט,
אז דאס ברויט און יעדער ביסען
איז פון אונזער אייגען פעלד!...

גרויסער גאט! מיר זינגען ליעדער
דו ביזט אונזער הילף אליין!
נעהמט צענויף די סנאפעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!...
נעהמט צענויף די סנאפעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!

דער ווינטער.

אוי העלפט מיר, קינדער אינטער,—
קיין כחות איז ניטא...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דא!

ער פרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט ווי צו זיך אהיים.
מיט דער ווייסער באָרד און פאות,
מיט דער ווייסער, גרויסער ברעם.

דורך טאהל און וועלדער יאגט ער,
געהויקערט צו דער ערד;
מיט זיך א בעזעם טראגט ער —
און קעהרט, און קעהרט, און קעהרט!

מיט שניי געבעט די פעלדער,
פארפרוירען שטעהט דער וואלד,
די פעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: קאלט... ס'איז קאלט!..

אין בעט ליגט קראנק מיין שיינדיל,
מיט איהר דאס קליינע קינד.
נישטא אין שטוב קיין שפענדיל
אין פענסטער וויינט דער ווינד.

ער שוויינט דער אלטער זיידע,
ער מאכט זיך ניט פון דעם;
ער לאכט אין די פויסטען ביידע
און שאקעלט מיט דער ברעם...

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
חאטש שריי, חאטש וויין אהן שעור...
וואו צער און עלענד וואוינען,
דארט קלאפט ער אין דער טיר.

אוי, העלפט מיר קינדער אינטער,—
קיין כחות איז ניטא.
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דא!...

די נאכט.

ס'איז פינסטער, פינסטער, וואלקען שטעהען,
זיי האט דער קאלטער ווינט געבראכט;

אין הימעל איז קיין שיין צו זעהען,
אראפגעלאזט האט זיך די נאכט.

פארלאהרען האט די וועלט איהר נאמען,
פארפינסטערט ליגט זי ווי זי איז גרויס,
פארוויאלעט ליגען אלע בלומען,
געשטארבען ליגט די לעצטע רויז.

די בוימער פון דעם וואלד דעם אלטען,
זיי האבען זיך צו דר'ערד געלעהנט,
די חיות האבען זיך באהאלטען,
אונ' אוי, דער מענש האט זיך צעוויינט:

וואס קאן די נאכט דעם מענשען געבין?
וואס קאן איהם געבין ד'וויסטע קעלט? —
פארוויסט, פארפינסטערט איז דאס לעבען,
פאר וויסט, פארפינסטערט איז די וועלט!

די שיין, דער טאג האט זיך פארבארגען,
עס וויינען, קלאגען בערג און טהאל:
צי קומען וועט אמאל דער מארגען?
צי קומען וועט דער טאג אמאל?

ווי לאנג וועט זיין דער טאג פארבארגען?
וואס הערט זיך, וועכטער מיט דער נאכט?
דער וועכטער זאגט: עס קומט דער מארגען,
ווי לאנג עס זאל ניט זיין די נאכט...

אויף איהר קבר.

פון דעם ים דעם ווייטען
האט מיך לייד געטראגען,
כ'בין צו דיר געקומען
דיין קבר צו באקלאגען...

דארט אויף דעם בית-עולם,
אויף דעם פעלד דעם אלטען,
האט מען דיך געטראגען,
האט מען דיך באהאלטען...

אוי, כ'בין אלט, צובראכען,
מיעד איז יעדער אבר,
פינסטער איז מיר דינה —
ווי ביי דיר אין קבר!

דארט ארויף, קיין דרום,
וויל איך מיך דערמאהנען,
צווישען אלטע קברים
איז דיין שטיין געשטאנען...

מ. מ. ווארשאווסקי

*

*   *

וואס מעהר ס'בלוטיגט מיין הערץ,
וואס מעהר כ'פיהל אין איהר קעלט,
וואס מעהר טיעפער מיין שמערץ —
איז מיר ווייטער די וועלט...

וואס מעהר ס'בלוטיגט מיין הערץ,
וואס מעהר ליידען עס האט,
וואס מעהר טיעפער מיין שמערץ—
איז נעהנטער אלץ גאט...



מ. וו. זאַטולאָווסקי.

מנחם וואָלף זאַטולאָווסקי — פובלי־
ציסט און דיכטער. געבאָרען אין פּראָכראָווקע, א
קליין שטעטעל אין פאָלטאָווער גוב. ארום 1850.
אין 1890 האָט ער פאַרבראַכט א געוויסע צייט אין
אָדעס. מ. וו. זאַטולאָווסקי האָט זיך מעהרסטענס
געדרוקט אין ספּעקטאָרס „הויזפריינד“ און שלום־
עליכם׳ס אויסגאַבען. אויסער פאַרשיידענע אַרטיק־
לען און פעליעטאָנען האָט ער אויך געשריבען
ליעדער.

דאָס תהלים׳יל.

(נאָך אַ פרעמדען מאָטיוו)

ווען אויפ׳ן הארצען ליגט ווי א שטיין,
און צרות מיט דאגות דריקען מיין גייסט,
דענסטמאָל איז נאָר דער תהלימיל אליין,
מיין איינציגער בעסטער טרייסט;

איך זעץ זיך מיר מיט דעם פּנים צום וואנד,
אין איין ווינקעל פון מיין חדר,
און נעהם דאָס קליינע תהלימיל אין האנד,
און הייב אָן פון „אשרי“ כסדר.

פון די זיסע ווערטער מיט דעם וויינענדיגען נגון,
ווערט מיר אויפן הארצין גרינג;
דער תהלים פערשאפט מיר א הייליגען פערגעניגען,
און איך פערגעס אָן אלצדינג...



פלטיאל זאמאשטשין.

פלטיאל זאמאשטשין — דיכטער. געבארען אין אדעס אין יאהר 1851, געשטארבען אין וויען אין 1909. זיינע ליעדער און פאעמען, וואס זיינען צושפרייט איבער פיעל זשורנאלען און זאמעל־ביכער, זיינען מעהרסטענס שטארק צוציינגען און מאכען אפט דעם איינדרוק פון געריימטע פובלי־ציסטיק. זייער איינציגע מעלה איז, וואס זיי זיי־נען ניט זעלטען ריטמיש און פיהרען שטענדיג דורך אן איינהייטליכען געדאנק. פלטיאל זא־מאשטשין האט אויך אנגעשריבען איינינע פאע־מען אין דראמאטישער פארם וואו עס זעהט זיך אם בעסטען אן דאס צוציינגענקייט, וואס איז ביי איהם ווי א מין נעזעץ דורכגעפיהרט געווארען אין זיינע ליעדער. ביבל. יוד. רום. ענצ. 7; ל. וויענער "Yiddish Literature" אינדעקס; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

פארשפרייט האט דער הימעל.

פארשפרייט האט דער הימעל זיין לויטער געצעלט,
דיא פעלדער דעם גרינעם קאוויאר,
פארביג, קאלירט, זעהר שאן איז דיא וועלט,
דיא פייגעליך זינגען א קהאר.

אללעס איז פריש מונטער אונ פרעהליך,
צווישען דיא בערגליך ביים שליאך,
רוהיג אונ שטילל פליסט דארט פאמעליך
וויא א זילבער׳ן שנירעל דער טייך.

מיט זאפטיגע פירות אנגעזעצט פילל,
מיט געלאדענע צווייגען אראפ:
הוידען דיא בוימער לאנגזאם זיך שטילל,
אונ שפיעגלען אין וואססער זיך אפ.

עס שמעקען וויא בשמים גערטנער אונ טאהלען,
מיט גרינעם איז אללעס בעצויגען:
אין גאנצען דאס לאנדשאפט געטטליך, געמאהלען,
עס וועהעט, עס שיינט אין דיא אויגען!

אונ עס גלוסט זיך אונ ס׳ציהט מיך אהין נגר ארויף,
אויף דיא פערגאלדעטע בערג זיך צו הייבען:
צו דיא טאהלען דיא ברייטע גאר אהן א סוף:
צו דיא פעלדער דיא פרייע נור שוועבען.

אונ דארטען וויא אללעס שטילל איז אונ קלאהר,
וויא מ'הערט ניט קיין קרעכץ פון קיין יודען...
איינער אלליין בא דער גרויסער נאטור
נור שלאפען אין שוים זיך צופרידען.

ווייטער פון מענשען פון שלעכטע אוועק,
פון צרות, פון לייד, אונ פון טרעהרען;
פליהען אונ פליהען גאר אהן איין עק,
צוריק זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען!

נור וויא קען איך, וויא טאר איך לייפען אונ פליהען,
זיך רעטטען אלליין אין גערודער;
לאזען אין צרות זיך קוועללען אונ מיהען
ביים שונא דעם עלענדען ברודער?

נפים שרייעט מיר א קול אין אויער אונ רופט
מיך אהין וואו ס'איז ביטטער אונ שלעכט;
אהין וואו דאס בלוט טייכענוויים טריפט,
וואו עס קרעכצט דער אייביגער קנעכט.

אונ איך זעה וויא דער הימעל שרעקליך איז ־ייט,
אונ נאס איז פון טרעהרען דאס פעלד...
ניין! דא מוז איך בלייבען איהם רעטטען פון טוידט,
אדער שטארבען מיט איהם וויא א העלד.

דאס שטייגעל.

דארט א שטייגעל, שאן פערגאלדעט
אויף דעם פענסטער הענגט בא דיר,
אין דעם שטייגעל זינגט א פויגעל,
טרעללען גיססען זיך אהן שיעור.

קרעכצען קלינגען אין די טרעללען
טרערען קויקלען זיך דערבאיי
יעדע נאטע איז א קינה
א בקשה ווערען פראיי...

זיי געפעללען דיר די טרעללען,
זיי דערקוויקען דיר דאס הארץ,
נור די טרעללען זאלסטו וויססען
זענען צרות, ליידען, שמערץ!

פון דעם שטייגעל לאז דעם פויגעל
הויך אין הימעל פליהען ווייט,
פרעהליך וועט ער דעמאלט זינגען
נייע לידער פון דער צייט!...

דער שטיין און די חוואלים.

למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריב.
(תהלים)

קוקט אייך נאר צו, אויב איהר ווילט עפעס זעהן:
סאמע ביי'ם ים, ווי אריז אויפגעשטעלט,
פעסט פון גראניט שטעהט דארט א שטיין;
ער איז שוין א זקן, גאנץ לאנג אויף דער וועלט.

עס רוישעןֹ, עס קאכעןֹ, עס לויפעןֹ, עס יאגען
די חוואַלים ביי׳ם ברעג, אין כעס סכנות:
עס שפּריצט זיי די פּיהנע, זיי קלאַפּען, זיי שלאַגען.
דעם אַלטען שטורמאַק, גאָר אָהן רחמנות!

צו׳ם הימעל דעם קאָפּ, שטומם אָהן אַ וואָרט,
פאַרשפּריצט, פאַרנעצט די פיס און דאָס פּנים,
גיט זיך דער העלד קיין ריהר פון זיין אָרט,
מאַכט חוזק און לאַכט פון די נאַראַנים.

ער בראָט זיי, ער שטעכט זיי, די שונאים אין ים,
דאָס שטאָלץ פון דעם ריז, וואָס שטעהט אויסגעצויגען
ער מאַכט זיי ניט ענג, גענוג איז זיי גראָם,
נאָר ער שטעכט ווי אַ דאָרן זיי אין די אויגען!

פיעל מעהר שוין מיט כח, שוין מלא רציחה,
שמייסען די חוואַלים, פּאַטשען דעם שטיין,
זיי נעטצען איהם אונטער זיין מקום־מנוחה,
ווילען אויספיהרען גאָר ער זאָל געהן!

אַ בלאַטיגע ליים, זעהר שמוטציג און מיאוס,
אַ זאַמדעל, אַ שטיינדעל, וואָס ליגען ביי׳ם עק,
אַ ווילד שטיקעל גראָז, וואָס וואַכסט ביי די פיס,
דאָס שלעפּען די חוואַליעס מיט נצחון אַוועק:

דער גבור, דער ריז מאַכט זיך גאָרניט דער פון,
ער נעהמט אין זיך איין די נעטץ און די קעלט:
ער וואַרעמט זיך אויס באַלד קעגען דער זונן
שטעהט ווייטער קאַלטבלוטיג, קוקט אויף דער וועלט!

בוך — ד
התרמ"ה - התרס"ה
1905 ~ 1885

י. ל. פרץ.

יצחק לייבוש פרץ — געבארען דעם 25טען מאי 1851, אין זאמאשטש, לובלינער גוב. געשטארבען דעם 3טען אפריל 1915, אין ווארשוי. יצחק־לייבוש פרץ איז איינער פון די זיילען פון דער אידישער ליטעראטור. זיין אויפטו אין פראזא איז פיעלפאכיג און קען איינגעטיילט ווערען אויף פאלגענדען אופן: אלס רעאליסט אין זיינע דערצעהלונגען און בילדער, אלס סימבאליסט, אלגעמיינע מעשה'לאך, אלס דיכטער פון חסיד'יזם — הסיד'ישע בילדער און מעשה'לאך און אלס אידישער ראמאנטיקער — פאלקסטימליכע געשיכטען. אבוואל אין דער פאעזי איז ער פון א פיעל קלענערער באדייטונג ווי אין דער פראזא, פארנעמט ער אבער אויך דא אן אנגעזעהענעם ארט, ערשטענס מיט די אידיש־ראמאנטישע טענער, וואס ער האט אויפגעוועקט און הויפטזעכליך מיט דעם מאדערן־אייראפעאישען טאן, וואס ער האט אריינגעבראכט אין אידישען פערז. א דאנק דעם לעצטען, מעג ער בעטראכט ווערען אלס דער זיידע פון דער מאדערניסטישער שולע אין דער אידישער פאעזי. ביבל. יור. ענג. ענצ. 9, 598־599; ל. וויענער "Yiddish Literature" אינדעקס; בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטען"; ש. ניגער, „וועגען „יודישע שרייבער"; דר. מ. פינעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור", 2, 40־64־160; ז. רייזען „לעקסיקאן"

ליעבע.

א.

אויף דיין באלקאן הענגען מיינע אויגען;
זיי זעהען דיך נישט!
ס'וועלקען דארט בלומען, די טהיר איז געשלאססען,
די שויבען פערוו שט...

ווי א פויגעל פליהט ארויף מיין נשמה
אונ שלאגט זיך דארט צווישען די אייזען...
שטיללערהייט קלאפט זי ביי דיר אין די שויבען,
דו ווילסט זיך נישט ווייזען...

דאנן פליהט זי צוריק, באנג אונ דערשראקקען,
דערשלאגען אונ מ עד;
אונ אין דעם קראנקען הארץ הויבט אן קלינגען
דאס טרויריגע ליעד!

ב.

אין דער שטיללער נאכט,
— קיינער הערט און זעהט! —
גיעסט זיך אויס מיין הארץ, —
הארסטו מיין געבעט?

אין דער שטיללער נאכט,
ליג איך אויסגעשטרעקט
אונ וויין... צו האט דיך עס
אמאל פון שלאף געוועקט?

ג.

כהאָב מיך אויף דעם בעט געוואָרפֿען,
אַך דער קראַנקער קאָפּ וויל רוהען;
איך פערשליעס די קראַנקע אויגען:
אין דער לופֿט דאַך יאָגען, פֿליהען.

טרייבען, מישען זיך און שוועבען
פלעקען פאַרבינע און שפינען

בלומען, שטערען און געזיכטער
און זיי ווערען באַלד צערינען!

איין געזיכט דאָך בלייבט שטעהן
לענגער:
שוואַרצע אויגען פול מיט טרעהרען,
עפּעס שעפּטשען בלאַסע ליפּען,
נאָר איך קען קיין וואָרט ניט הערען.

ד.

פאָלקס-מאָטיוו.

שטיינערנע פּאַלאַצען,
אייזערנע באַלקאָנען,
טרעפּ פון ווייסען מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען;

קריסטאָלנע זשיראַנדאָלען
בלאַנקען דורך די שויבען...

דאָרט וועט מיין געליעבטער
זיך אַ כלה קלויבען;

זיך אַ כלה קלויבען,
שענער און געזינטער,
און איך וועל דאַ פוילען,
ווי אַ בלאַט אום ווינטער...

קענסטו?

קענסטו, מיין ליעבסטע, דאָס פעלד,
וואו אַלע דורות
זעען מיט טרעהרען?

קענסטו, מיין ליעבסטע דאָס פעלד,
וואָס האָדעוועט שטיינער
און נעהרט בלויז ווערים?

קענסטו, מיין ליעבסטע דאָס פעלד,
וואו צווישען די זאַנגען
בליהט דאָרט מיין האָפען?

קענסטו, מיין ליעבסטע, דאָס פעלד,
וואו מיין הארץ און מיין ליעבע
וועלען ווען עס איז שלאָפען?...

קריאת שמע.

שיק שלאָף צו אונזערע אויגען,
צו אונזערע ברעמען דרימעל...
נאָט, וואָס קיניגסט אין הימעל...

הער אוים אונזער תפלה...
שיק אונז חלומות, זיסע, שטילע,
פון ישועות, פון נחמות...

און קומען צו דיר די נשמות,
האַלט זיי ביז מאָרגען,
אונטער דיינע פליגעל פערבאָרגען...

*
*　　*

איך גנה ארום אין פרעמדען וואלד.
עס לייכט די זונן, דאך מיר איז
קאלט.
זינגען וויל איך, מיין געזאנג
ווערט פערשטומט אהן ווידער־קלאנג!

עס איז קיין פרייע ליעבע וועלט,
עס גרינט און בליהט דאס פרעמדע
פעלד.
איך רייס א בלום און לייג אין שויס
אח, מיך שטעכט די פרעמדע רויז!

טרייסט.

טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט,
שטארק דאס הארץ מאך פעסט דעם גייסט.
זייט ניט דער ווינד, וואס לעשט די פלאם,
נור בלאזט זי אויף, ווייל נאכט איז סם!
נור בוימעל גיסט אונ פוצט די קנויט,
ווייל נאכט איז גיפט אונ שלאף איז טויט!
טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט!

מאכט פעסט דאס הארץ אונ שטארקט דעם גייסט, —
עס האט געלייכט שוין נישט איין נאכט,
עס האט געזיעגט שוין נישט איין שלאכט.
און נישט געלאזט די פאהן פון האנד!
עס שטעהט — איין אייזען־פעסטע וואנד,
אין וויסטען, ווילד־פערקאכטען ים!
אה, שטארקט דאס פאלק! בלאזט אויף די פלאם!

אה, שטארקט דאס פאלק, נישט אבגעשלאפט!
זאל שפריצען העל די ליעבעס־קראפט,
אלס פייערדיגע זייל ביינאכט. — —
עס זינקט די נאכט, דער טאג ערוואכט!
אונ שיקט די שטראהל — א גאלדנע פייל —
אלס גרוס דער פייערדיגער זייל! —
אה, טרייסט מיין פאלק! עס דארף די טרייסט!

לשנה טובה תכתבו.

לשנה טובה תכתבו
אללע, אללע וואו איהר זייט!
צי אייך האט דאס הארטע מזל
אויף א וויסטען סטעפ פערשפרייט!

צו איהר קיהלט די הייסע שטערען
ביי דער נאססער מערב־וואנד,
צו איהר ישבט אייך איבער ימים
צו א נ י י פערשפראכען לאנד!

צו איהר טראגט די יאָך די שווערע,
מיט א שמייכעל: איי ווי גרינג!
און איהר קויפט די לופט צום לעבען
און איהר צאָהלט פאר יעדען שלינג!

אַללע אייך צו׳ם יאָהר צום נייעם —
יעדער שפּראָך און יעדעם קלייד: —
לשנה טובה תכתבו,
אַללע, אַללע וואו איהר זייט!

דריי נייטאָרענס.

די אויגען רויט, די ליפּען בלאָה,
קיין טראָפּען בלוט אין באַק נישט דאָ,
די שטערן בלאַס, בעדעקט מיט שוויים,
דער אָטהעם אָבגעהאַקט און הייס,
עס זיצען דריי מיידלאַך און נייהען!

— — — — — — — — — —

די נאָדעל: בלאַנק, די לייגוואנד: שניי,
און איינע טראכט איך נעה, און נעה!
איך נעה בייטאָג, איך נעה ביינאכט,
קיין חופּה קלייד זיך נישט געמאכט!
וואָס קומט ארוים איך נעה?

ניט איך שלאָף און ניט איך עס...
איך וואָלט געגע׳ן אויף מאיר בעל־נס
אפשר וואָלט ער זיך געמיהט:
איין אלמן חאָטש, איין אלטען יוד,
מיט קינדערליך א שאָק!

— — — — — — — — — —

די צווייטע טראכט, איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אוים נור גראָהע צעפּ!

דער קאָפּ דער ברענט, די שלעף די האַקט
און די מאשין, קלאפּט צום טאקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פערשטעה דאָך יענעמס ווינק!
אָהן א חופּה, אָהן א רינג,
וואָלט געווען א שפּיעל, א טאַנץ
א ליעבע אויף — א יאָהר א גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

— — — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך נעה מיך קראנק, איך נעה מיך בלינד!
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדען שטאָך
און ער — האָט חתונה די וואָך!
איך ווינש איהם נישט קיין שלעכטין!

עט, פערגעסען וואָס א מאָל...!
תכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויף א קליינטשיק פּיצעל ערד,
איך וועל רוהען אונגערשטערט,
איך וועל שלאָפען, שלאָפען!

צוריק אין דער אַלטער היים.

(פראַגמענטע)

א.

קענסט דו דעם פּלאַץ, וואו חלומות בליהען, ווי רויזען:
וואו די שטערען טריעפען סודות אריין אין דער נאכט;
וואו העלע געזיכטער מיט שטראַהלענדיגע אויגען
שפּינען ליעבליכע נעצען ארום דער נשמה,
ארום הארץ?

וואו דער טאָג־גערויש ווערט איינגעזאַפּט מיט פרייד,
און ליעב און בעקאַנט איז יעדע מויער, איז יעדער שטיין,
און יעדער שאָטען, וואָס בויגט זיך אַרוים
צווישען טאָג און נאַכט פון יעדעם שפּאַלט
דערציילט זיס־שווידערהאַפטע זאַכען
אַזוי ליעב ?

דאָס איז די היים,
די אַלטע היים.

ב.

אונשולדיג־שטיל־היימישע נאַכט,
ד'וויל מיך וואַשען ריין
אין דיינע שטיל־ציטעריגע וועלען,
אין דיין שטיל־ציטעריגער זילבער־נעץ,
היל מיך איין.
ד'וויל צוריק זיין דיין אַמאָליג קינד,
דיין אַמאָליג ריין גלויביג קינד —
פּערציל עפּעס, פּערצייל...

ג.

דאָ בין איך, מאַמע,
צוריק דיין קינד,
דיין ריין, אונשולדיג, גלויביג קינד —
ד'וויל פערגעסען די גאַנצע צייט
פון אָבגעריסענקייט פון דיר —

אונטער דיין טהיר
האָב איך זי געלאָזען...
אין דיין שוים, מאַמע, וויל איך אַלץ פערגעסען:
די בלומען, וואָס האָבען פערבליהט,
די דערנער, וואָס האָבען געשטאָכען...
די שלאַכטען, וואו איך האָב געזיעגט
און די וואונדען, וואָס בלוטיגען, בלוטיגען...

ניין.
עס טהוט גאָר נישט, גאָר נישט וועה...
אויף מיין קאָפּ ליגט דיין האַנד, און ער טהוט נישט וועה...
ניין, ער איז נישט גראָה...
קרייזיל מיר די לאָקען, מאַמע...
שוואַרצע לאָקען האָב איך, זעהסט ?
און די רויטע בעקליך בליהען,
און ווי קליין איך בין,

און ווי ריין מיין שטימע קלינגט —
א זילבער־גלעקיל, וואס?

פון יחזקאל.

(קאפיטל ל"ג)

עס שלייכט צו'ן א שטאדט ביינאכט
די שווערט!
נור אויפן טהורם דער וואכטר וואכט,
ער הארט!

און בלאזט טראמפייט
און שמעטטערט מיט מאכט,
עס ציטטערט די נאכט
דאס פאלק ערוואכט — —
דער שונא געהט, דער שונא געהט!
און עס פלאקקערט אויף די שלאכט.

אין הויף, אין גאסס
אויף מויר און וואנד,
פאר ווייב און קינד
פאר פאלק און לאנד!

פאר רעכט און פריי געהט אלץ
אין קאהן!
ווער זיעגען וועט, דאס וויים איין
גאטט;
דער וואכטער האט
דאך זיינס געטהון!
ער האט זיין עהרע נישט בעפלעקט,
ער האט געוועקט!
ער האט געדיענט זיין פאלק, זיין
לאנד!

נור וועה דעם וואכטער, שפאט און
שאנד
וואס האט ביינאכט
איין אויג פערמאכט
און ערוואכט
ערשט אין דער בראנד..

פון „מאניש".

אין קעניגרייך פוילען
הארט ביי דער גרעניץ,
ליגט זיך א שטערטאלע
גרויס ווי א געניץ.

און קוים וואס מען זעהט עס,
מען הארט עס אויך זעלטען;
הייזליך ווי ניסלעך,
פון שמות געצעלטען...

אין גאנצען א צעהנדליג,
צו צעהלען אויף פינגער!
עס בייסען די ציגען
די דאכער פאר הונגער!

און שטיל ווי א קברות;
מענשען ווי מתים.
קיין געוה קיין תעוה,
מ'לעבט פון תעניתים;

קיין חסידים, קיין דייטשען, —
האט תורה א קיום,
עס וואקסען רבנים,
מען פאשעט עלוים...

צינד וואקסט נאך א גאון,
וואס וועט נאך פער'שם'ען
גאנץ פוילען און ליטא,
און זאמיט, און בעהמען.

י. ל. פרץ

פיער שטימען.

א.

ס'איז ווער ערגיץ אבגעגאנגען
אונ זיין ציטער־בילד געפאנגען
האלט א וואסער־שפיעגעל —
קומט די קאן אונ שעפט...

ב.

אונ דער וויין איז אויסגעגאנגען,
אין א ריץ פון ערדען־קריגעל
האט א טראפען זיך בעהאלטען
אונ ווערט אויסגעוועבט...

ג.

לאנג פערהילעכטע געזאנגען!
פון געזאנג
האט זיך לענגער אויפגעהאלטען
א יתום־קלאנג —
טהויט ער אויף אונ ברומט —
אונ פערשטומט....

ד.

א זון איז אונטערגעגאנגען —
פון אבגלאנץ רויטעלט זיך לייכט
א נעפעל־זוים
אונ פערבלייכט,
אונ פערשוואונדען איז דער טרוים...

ד. ג. בן ישי.

ד. ג. בן ישי (דוד גרינבערג) — **דיכטער.** נעבארען אין סלאוויט, א שטעטעל אין וואהלינער גוב. אין יאהר 1852. באקומען אן עכט אידישלאַכע, טראדיציאנעלע ערציהונג ביי פר. ע, חסידישע עלטערען. שפעטער — באקאנט זיך מיט דער השכלה־באוועגונג. האט אויך געלערענט אין זשיטאמירער ראבינער שוהל. נאכדעם געווען א לעהרער פון העברעאיש און רוסיש אין אלטקאנסטאנטין און קעשיניעוו. אויסער אין אידישע אויסגאבען איז ד. בן ישי אויך געווען א מיטארבייטער פון פארשיידענע רוסישע זשורנאלען. אין יאהר 1885, האט ער צוליב פאליטישע אורזאכען פארלאזען רוסלאנד און איז געקומען קיין אמעריקא, וואו זיינע מעהרסטע ליעדער זיינען געדרוקט געווען אין דעם „יודישען טאגעבלאט“.

צו סליחות.

ס׳איז שוין ווייט נאך האלבע נאכט.
דיא נאכט איז שווארץ א מורא;
דאס גאנצע לעבען איז פערשמאכט,
עס הערשט א מרה־שחורה.

און אללעס שלאפט אהן אונטערשיעד,
עס שלאפט א יעדער איינער;
געשמאק שלאפט אויך דער גלות־איד,
רוהט אפ דיא קראנקע ביינער.

נור איינער שלאפט ניט, ער איז וואך,
ער האט א גרוים שליחות;
דער שמש טהוט געטרייא זיין זאך—
ער וועקט זיין פאלק צו סליחות.

דער שמש ווייסט: דער איד איז פיין,
— אין רייך מיט שעהנע מעלות,
ראך מוז זיין גלאנץ פיעל שעהנער זיין,
אויף איהם איז איממער „שאלות“.

ער וועקט געטרייא, ער הערט ניט אויף:
„שטעהט אויף צו סליחות־זאגען;
שטעהט אויף רבי איד ערוואכט פון שלאף,
עס הויבט שוין אן צו טאגען!“

און אידעל שלאפט זיך גאנץ געשמאק,
ער שלאפט אויף אללע זייטען;
ער שלאפט און טרוימט פון נסים רק,
אין אלטע אלטע צייטען

אין דרויסען טאגט, פון מזרח זייט
בעווייזט זיך שוין דער מארגען,
און אידעל שלאפט, ער נעהמט זיך צייט,
אין שלאף האט ער קיין זארגען.

דער שמש וועקט, ער טהוט זיין זאך,
איז טרייא צו זיין שליחות,
ביז ענדליך ווערט דער עולם וואך,
און יאגט אין שוהל צו סליחות!...



יעקב רעווזין.

יעקב רעווזין — דיכטער. געבארען אין מטשאוואוס, מאהליווער גוב. אין יאהר 1852. האט באקומען אן אידיש־טראדיציאנעלע ערציהונג. שפּעטער געווארען א הייסער משכיל. אין 1880 איז ער אוועק אין קליין־פּרעשטשעפּענע, פּאלטאווער גוב., וואו ער איז געווארען א תבועה־הענדלער. שפּעטער איז ער דארט באפריינדעט געווארען מיט א. קאצאוויץ (מיט־רעדאקטאר פון דער אמעריקאניש־אידישער מאנאט־שריפט „דער אידישער פארמער“, דורך וועמען די דאזינגע איינצעלהייטען ווערען געבראכט), וואס האט פיעל מיטגעהאלפען דער ענטוויקלונג פון זיין טאלאנט. אנגעהויבען צו שרייבען ליעדער האט יעקב רעווזין אין עלטער פון 40 יאהר. זיין ערשטען ליעד האט שלום־עליכם צוגעשיקט צו ח. מאליץ, רעדאקטאר פון דעם פילאדעלפיער אידישען זשורנאל „די שטאט־צייטונג“, וואו עס איז געדרוקט געווען אין יאהר 1895. דעם זעלבען יאהר האט ער אויף זיינע אייגענע קאסטען אין ווארשוי ארויסגעגעבען א קליינעם באנד ליעדער מיט'ן נאמען „די מעלאדיען פאן יעקב רעווזין“, וואו עס געפינען זיך מאנכע אויסגעצייכענטע ליעדער.

ביבל. ח. מאליץ, אין „שטאט־צייטונג“ 1895.

דער אייביגער ברונען.

(פראגמענט)

ווער ברענט עס אין עפלד איהרע פארטיגע זאנגען?
וואס שטעהט זי די מוטער און ברעכט איהרע הענד?
וואס ליעגען די קינדער פון הונגער פערגאנגען?
וואס קלאגט אזוי ביטער דער גאנצער אריענט?

— אט דארט אויפ'ן אריענט האלט די מעכטיגע רוים,
מיט גבורה צערשפּרייט איהרע גאלדענע פאנען,
קארטאגען צעוואלגערט, צעבראכען, ווי סדום,
פערפלייצט ירושלים מיט איהרע לעגיאנען:

צי דו ביזט עס ציון? צי מעגליך דערקענען
דיין שאהנהייט, דיין רייכטהום, דו ליכטיגע שטאדט?
די פעסטונגען פאלען, די מויערין ברענען,
די פלאהם טראגט אין הימעל איהר קרבן צו גאטט:

פערוויכערטע, שווארצע, דערשלאגענע שטעהען
די שטיינערנע טורעמס, די מארמארנע זיילין,
די קינדערליך דיינע פער'חלש'טע געהען
אין גלות, אהין ווייט פאר טויזענדער מיילין.

געפאלען איז, ציון, די קרוין פון דיין קאָפּ,
געפאלין דער טוידט אויף דיין איידעלין פּנים.
געפאלין איז ציון פון הימעל אראָפּ,
געפאלין, געפאלין, דערפרעהט איהרע שונאים.

אהין.

(פראגמענט)

ושנאתי את החים כי רע עלי המעשה
שנעשה תחת השמש (קהלת ב י"ז).

א הינטער די הויכע, די אייביגע וועלדער,
אהינטער דעם מדבר, דעם ברייטין, דעם גלייכין,
אהינטער די גרינע בעוואקסענע פעלדער,
אהינטער די ימים, אהינטער די טייכין —

אט דארט, וואו דער הימעל געהט צי צו דער ערד
מיט ליעבשאפט די קרעפטין צו שליסען אין איינעם,
אט דארט, וואו עס בליצט ניט דער שארף פון דעם שווערד,
דער קלאפּ פון דעם פולווער פערטומעלט ניט קיינעם —

אהין טראגט מיך גלייך צו דעם פלאטץ, צו דעם ברייטין,
אהין אין דעם טהאָל טיעף אראָפּ צו דער ניעדער,
אט דארטין, אי בעט איך, אט דארט זאלט איהר גרייטין
א קבר פאר מיר מיינע טהייערע ברידער!

בעקלאָגט זיי ניט הויך מיינע טרוקענע ביינער,
ניט זאלבט זיי מיט אייערע זודיגע טרערין,
ווארפט אז אויף מיין קבר א הויפען מיט שטיינער,
א הויפען א שטארקין, א הויפען א שווערין.

און לאז ער זיך דארטין דער מעכטיגער שטורעם
אלץ שיטען מיט פייער, אלץ שיסען, אלץ קנאללין,
לאז שלאגין דער ים אן דעם אייזערנעם טורעם,
די ערד מאָג אין גאנצין אויף פיצלעך צעפאללין!

נאר הויך אויף מיין קבר דאָס פויגעל דאָס קליינע,
זאל אלץ דארטין אויבין זיך טוקין און וויגין,
און גיסין ווי גאלד איהרע טרעללין די ריינע,
און זינגען מיר אייביג איהר הייליגען ניגון.

זאל זינגען איהר ניגון פון גאטטהייט, פון לעבין,
פון פרייען גן־עדן, פון גליק, פון נחמה,
און הויך מיט איהר שטימע זאל פליהען, זאל שוועבין
ארויף צו די הימלען מיין קראנקע נשמה.

דוד אפאטהעקער.

(דער הינקעדיגער שלים'מזל) — פעליעטאניסט און דיכטער. געבארען דעם 18טען אגוסט 1855, אין פאניעוועזש, קאוונער גוב., געשטארבען אין אקטאבער 1911 אין נויארק. אין 1881 איז אין טשערנאוויץ, גאליציען, ערשינען א קליינע זאמלונג פון זיינע ליעדער אין אידיש און העברעאיש מיט'ן נאמען „הנבל“. אין יאהר 1888 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט זיך באטייליגט אין דער אידישער פרעסע אויף פארשיידענע געביטען. צווישען אנדערעם האט דוד אפאטהעקער אויך געשריבען ליעדער און באלאדען. די לעצטע זיינען געדרוקט געווען אין דער טעגליכער אידישער צייטונג „די ווארהייט“. אין 1910 איז אין נויארק ערשינען א גרויסער באנד פון זיינע פעליעטאנען און הומאריסטישע ליעדער. ביבל. ל. וויענער, “Yiddish Literature” 80-81; יוד. ענג. ענצ. 2, 22; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

די קאפעליע.

ר' איציק דער כלי־זמר א קינסטלער א פידלער,
בעריהמט מיט זיין שפיעלען ביי אידען אין פוילען,
פלעגט אפט אט דיא מעשה, וואס איהם האט געטראפען,
בין מנחה למעריב פאר אלע דערצעהלען:

געווען איז עס איינמאל א חנוכה אבענד,
מיר האבען גאנץ פרעהליך געשפיעלט און געזונגען
חנרות הללו, אויך לאטקעס געגעסען...
דאן האט עס אין קלויסטער צו „נתל“ געקלונגען.

פלוצים מיר הערען עס קלאפט אין דיא לאדען,
מיר לויפען ארויסעט, און ווער איז פארפאהרען?
פעטרושקא דער קוטשער פון גראף פון דעם שטערטעל,
א גוי א געזונטער, א איינגעל מיט שפארען:

— פאן איצקא, נעהם גיכער דיין גאנצע קאפעליע,
— דיא כלים, דיא נאטען, א חתונה שפיעלען
— ביים גראף מיט א גרעפין, און אלע אין הויף דארט
— דיא מוזיק פון אייער קאפעליע זיי ווילען.

א זעלטען פערדיענסטעל! מיר כאפען דיא כלים,
דיא גאנצע קאפעליע זיא זיצט שוין אין וואגען:
פעטרושקא ער פייפט זיך א גוי'אישע לידעל,
דיא פערד נאר וויא אדלערס זיי פליהען און טראגען.

זיי פליהען און טראגען מיט קפיצת הדרך,
גאנץ שוער צו דערקענען וואו איצטער מיר זיינען:
און באלד טאקע זעהען דעם הויף מיר פון ווייטען
מיט העלע לאמטערנעס, וויא שטערען בעשיינען.

מיר קומען אריינעט, עס בלענדעט דיא אויגען!
פיעל לאמפען און ליכטער אין טויזענד קאלירען
בעלייכטען דיא גילדערנע פרעכטיגע זאאלען,
סטאטועו און זיילען, גארדינען און טהירען.

און פארנעהמע מענער, נאר פירסטען און גראפען
מיט שווערדען, פאלעטען, מיט שניר און מעדאלען:
זיי טרינקען שאמפאניער, זיי שטיפען און לאכען,
און פיהרען דיא דאמען ארום אין דיא זאאלען.

א וואונק פון מחותן, אונז כאפען לאקייען
און פיהרען ארויף אויף א בימה מיט בלומען:
מיר שטעלען זיך אויסעט און סטרויען דיא כלים
און באלד זיך מיט חשק צום שפיעלען גענומען.

מיר שפיעלען באלד אויפעט דאם ליעד „נאשא פאלשטשא“,
זיי וואָרפען אונז רענדלעך און אויך אימפעריאלען:
מיר שפיעלען „מאזורקא“ און אויך „קראקאוויאקען“,
און רענדלעך, ווי האגעל אין היטעל זיי פאלען.

מיר שפיעלען אויך פאלקא און וואלצען, קאדרילען,
דיא העררען און דאמען, זיי טאנצען און קוועלען:
מיר שפיעלען מיט חשק, מיט הארץ און נשמה,
זיי שיטען מיט רענדלאך, עס איז זיי געפעלען.

און פלוצים רופט אוים דארט דער רעכטער מחותן:
— איצט שפיעלט „פא זשידאוווסקי“—(נאר אידיש צו שפיעלען)
זיי געהען צום טיש איצט צום עסען און טרינקען,
מיר נעהמען זיך שפיעלען דעם וואונש צו ערפיללען.

מיר שפיעלען „מה יפית“ דער עולם ווערט מונטער,
צום טאקט מיט דיא לעפעל און גלעזער זיי קלינגען:
אי מענער אי פרויען זיי ווארפען אונז רענדלאך,
און העלפען אין קאהר אונז „מה יפית“ צו זינגען.

מיר שפיעלען באלד אויף אויך דעם שעהנעם „לכה דודי“
זיי ווערען שוין ערנסט און שטעלען אוים אויגען:

ד. אפּאָטהעקער

זיי פּאטשען אונז בראוואָ, זיי ווארפען בריליאנטען,
מיר האָבען שוין מעהר ניט וואו אלעם צו לעגען.

מיר שפּיעלען „כל נדרי" מיט טרויעריגע טענער,
דיא געסט ווערען שטילער מיט כבוד זיי הערען,
באלד הויבען אָן זיפצען דיא פרויען און מענער,
און הויבען אָן וויינען מיט אמת׳ע טרעהרען.

קוים זיינען פערקלונגען פון אונזערע פידלען
מיט קרעכצען און וועהען דיא אידישע טענער;
וויא פּלוצים מיר הערען א פּאטשען מיט פליגלען,
און באלד אויך גאנץ הילכיג, עס קרעהען היא העהנער.

עס לעשען דיא ליכטער, עס שווינדען דיא זאאלען,
דיא געסט זיי פערבלאסען ביים טיש דאָרט דעם רונדען;
ס׳ווערט טונקלער און טונקלער, פערגעהט וויא א שטן,
און ענדליך ווערט פ נסטער און אלעם פערשוואונדען.

א קעלט און א שרעקען געהט דורך אונזערע גלידער,
מיר פיהלען דיא כוחות פערלאָזען אונז באלד דאָרט;
דיא גאנצע קאפעליע מיר זיטצען אין בלאָטע
אין זומפּף ביים בית־עולם פון שטעדטיל, אין וואלד דאָרט.

נפתלי־הערץ אימבער.

נפתלי־הערץ אימבער — פאפולערער העב־רעאישער דיכטער. געבארען אין זלאטשעוו, גאלי־ציען אין יאהר 1856. נפתלי־הערץ אימבער איז באזונדערס פאפולער געווארען מיט זיין באוואוס־טען נאציאנאל־העברעאישען ליעד „התקוה“. אין יאהר 1892 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמע־ריקא, וואו ער האט אויך אנגעשריבען א רייהע ליעדער אין אידיש, וואס זיינען צושפרייט אין פארשיידענע אידיש־אמעריקאנישע זשורנאלען: די לעצטע זיינען פון אן אונבאדייטענדען פאע־טישען ווערט. געשטארבען איז נפתלי־הערץ אימ־בער אין יאהר 1908 אין נויארק. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 6, 561־562.

צו אמעריקא.

איך שיידע פון דיר,
דוא לאנד דער פרייהייט.
קיין ירושלים פיהר איך
מיין הייליגע טרייהייט.

אונטער דיין אדלערס פליעגעל,
האב איך רוהיג געלעבט ;
אבער תמיד האבען מיינע געדאנקען,
נאך ירושלים געשטרעבט.

איך האב בייא דיר געלער'נט,
וויא אזויא צו זיין טרייא:
דיין לעקציאן איז מיר הייליג,
דאס הייסט: „מענש זייא פרייא“.

דארט אויף דעם בארג מוריה,
אלס וועכטער וועל איך שטעהן,
ביז אללע ציון'ס פאהנען,
וועלען אויף דעם הר הזתים וועהן.

איך וועל אייך מעהר ניט זעהן,
מיינע ליעבע ברידער;
נור פיהלען וועט איהר מיין וועה,
ביים זינגען מיינע ליעדער.

מ. ווינטשעווסקי.

מאָריס ווינטשעווסקי (נאָוואָכאָוויטש, ל. בענעדיקט, דער משוגע'נער פילאָזאָף) — איינער פון די אנגעזעהנסטע פערזענליכקייטען אין דער אידישער סאָציאַלער וועלט. געבאָרען דעם 9טען אָגוסט, 1856, אין יאנאָוו, קאָוונער גובערניע. מ. ווינטשעווסקי איז באקאנט אין דער אידישער ליטעראטור דורך פארשיידענע געביטען. האָט אויך געשריבען לידער און האָט ווי מיט זיין פערזענליכקייט אלס סאָציאַלער טוער אזוי אויך מיט זיינע לידער געהאט א באדייטענדע ווירקונג אויף דער אידישער סאָציאַלער וועלט פון זייער צייט. אין 1894 איז ער פון לאָנדאָן געקומען אין אמעריקא, וואו ער איז געוועז איינער פון די גרינדער פון דער טעגליכער אידיש־סאָציאַליסטישער צייטונג „פאָרווערטס". איז א געוויסע צייט אויך געוועז רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט". אין 1910 איז אין מייזעל'ס פארלאג ערשינען א באנד פון זיינע געזאמעלטע לידער. ביבל. ש. צינבערג, יוד. רוס. ענצ. 5, 625־626; ק. פאָרנבערג, אין „צוקונפט", 1906; ל. וויענער "Yiddish אינדעקס; ש. עפשטיין, ביילאגע צום „פריינד", 1912; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

דריי שוועסטער.

אין ענגלאנד איז דאָ א שטאָדט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אזא סקוועיר,
אין סקוועיר שטעהען טעגליך דריי שוועסטער,
די מיידליך — זיי קען ווער־ניט־ווער.

די קלענסטע פערקויפט דאָרטען בלומען,
די מיטעלסטע — בענדליך פון שיך,
און שפּעט אין דער נאכט זעהט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האנדעלט... מיט זיך.

די איינגערע ביידע בעטראכטען
די עלטערע שוועסטער אָהן האָס;
דען אלע דריי מיידליך פעראכטען
די וועלט, מיט דער שטאָדט, מיט דער גאס.

און דאָך ווען די קליינע צוויי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופען א היים,
בענעצען זיי בענדליך און בלומען
מיט טרערען, וואָס בלייבען געהיים.

דאָס געשפּענסט

(פראגמענט)

איין אָוונד פערגאנגענעם ווינטער בין איך
אליין אין מיין צימער געוועזען;
און זיצענדיג לעבען קאמין לאנג, האָב איך
געהאלטען א בוך און געלעזען.

און לעזענדיג, בין איך געוואָרען פערטראכט,
פערטראכט און אביסעל פעראומערט,
איך בין מיר געזעסען ביז שפּעט אין דער נאכט,
געזעסען, געטראכט און געשלומערט.

און שלומערנדיג איז געוואָרען מיר קאלט:
עס האָט מיך ערגריפען א שוידער;
פון פייער איז פּלוצלונג ארויס א געשטאלט,
א ביינער־געשטאלט... ווי א טויטער.

א מת, יאָ א מת איז ארויס פון קאמין,
אָהן פלייש, אָהן א הויט, היילע ביינער,
אין פּנים צוויי לעכער אָהן אויגען דארין,
אין מויל אָבער קריצענדע ציינער.

און פון די צוויי לעכער אין פּנים ביי איהם
האָט וואסער געטריפט, דאכט זיך טרערען...
און באלד איז ארויס פון זיין מויל אזא שטים,
וואָס האָט מיך געשווידערט צו הערען.

און ווי יעדעס וואָרט איז ארויס פון זיין מויל,
איז אימער א טראָפּען א נייער —
איז אימער געפאלען א טרער אויף א קויל,
פארלעשענדיג לאנגזאם דעם פייער:

„דו שלומערסט, דו מענש! האָט געדונערט זיין קול,
דו זעהסט ניט, עס געהט אויס דיין פייער;
דו שלומערסט? האָט ער מיך געפרעגט נאָך אמאָל,
די קוילען, מענש, קאָסטען מיר טהייער!

„מיר קאָסט עס מיין לעבען, וואָס דיר איז אין שטוב
דעם אָוונד דאָ ווארעם געוועזען...
אויף מיר איז געקומען דער טויט אין א גרוב,
אום דיר זאָל זיין ווארעם ביים לעזען.

מ. ווינטשעווסקי

נאָכ'ן באַנקעט.

ראַמט אַוועק די טויטע בלומען
פון געשטאָרבענעם בוקעט:
ס'וועט צוריק דער טאָג ניט קומען
צום פערגעסענעם פּאָעט.
ניט דער ום־טוב, ניט דער ריח
פון דעם קראַנץ מיט זיין פערפיום.
אוים איז אלץ און פוסט דער מוח
און די וועלט, אך, טויב און שטום.

נעהמט די כוסות צו, די לעערע,
פון דעם אויסגעזופּטען וויין:
ס'קומט צוריק ניט מעהר די „עהרע",
ניט דער „טרויבענזאַפט פון רהיין".
אלץ איז לעדיג, קאַלט און טרוקען
ווי דער כוס, דער בלומענשטרויס,
און די ליעבע וויזט א רוקען,
און עס געהט די פריינדשאַפט אויס.

נעהמט אראָב די לייכטער שנעלער,
מיט די לוסטרעס פון די ווענט:
ס'וועט שוין מעהר ניט ווערען העלער,
ליכט און לאַמפּ, אלץ אויסגעברענט.
אוים דער גלאנץ, די קאָמפּלימענטען
פון דעם פּרעכטיגען באנקעט.
ווי דער טרוים פון מאָנומענטען
ביין פערגעסענעם פּאָעט.

פון די נאָטען די געשטעלען
נעהמט אויך צו, ווייל די מוזיק
איז פערהילכט, און ברענגען וועלען
ניט מעהר איהרע טענער גליק.
אָבגעצימבעלט, אויסגעפידעלט
איז די פרייד אין די פיער ווענט.
ערגיץ זיצט א שד און לידעלט
אויף א גהנם־אינסטרומענט.

און די סאָפאַ ניט פערגעסען!
טהוט איהם אזא צער ניט אָן:
וואו זיין מלכה איז געזעסען
שטעהט אן אָבגעניצטער טהראָן.
אלץ איז אוים! ס'וועט מעהר ניט זיצען
דאָרט זיין הערצענס־קעניגין;
ס'וועלען איהרע אויגען־בליצען
ניט צוטומלען מעהר זיין זין.

איצט פערשליעסט שוין טיר און טויער,
מאַכט די פענסטער־לאָדענס צו:
פאַר א קבר איז דער מויער
פיעל צו גרוים צו געבען רוה;
אוים פּאַלאַצען, מלוכה, מלך,
מלכה, טהראָן און צויבערבליק:
די הדיוטים לעבען פרעהליך
אין אַ נארען־רעפּובליק.

מ. מ. דאַליצקי.

מנחם־מענדעל דאַליצקי — העברעאיש־אידישער דיכטער און בעלעטריסט. געבאָרען דעם 3טען אפּריל, 1859, אין ביאַלאַסטאָק. אין יאָהר 1882 האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ, וואו ער נעהמט אויך איצט אַן אַנטהייל אין דער אידישער פּרעסע און ליטעראַטור. אויסער אַ גרויסע טהייל פּאָפּולערע צייטונגס־ראָמאַנען האָט מ. מ. דאַליצקי אויך געשריבען לידער און באַלאַדען. לעצטענס האָט ער אין אידיש באַארבייט אַ היבשע טייל תלמוד'ישע לעגענדען אין פּאָעטישער פאָרם, פון וועלכע מאַנכע זיינען גאַנץ געלונגען. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 4, 633; יוד. רוס. ענצ. 6, 285; ל. וויענער, "Yiddish Literature" אינדעקס; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

דער בעל-צדקה.

(נאָך אַ תלמודישער לעגענדע)

בײ אידען האָט אַמאָל געלעבט
אַ איד אַ מענשען־פרײנד*)
וואָס זעלטען זעהט מען הײנט
און זעלען איז געווען
ווי ער אפילו דאָן.
זיין „איך" בײ איהם האָט ניט
געהאַט דעם קלענסטען ווערט.
„וואָס איז אַ מענש אינגאַנצען דען?
אַ הויפען אש און ערד...
דאָס לעבען איז אַ קורצער וועג:
פון אָנפאַנג ביז צום ברעג,
איז בלויז אַ קלײנער שפּאַן" —
אַזוי פלעגט זאָגען ער —
„און יענער, ווער
קיין צדקה גיט,
דער קיינמאָל טאָר
ניט טראָגען גאָר
דעם נאָמען איד"...

געזוכט האָט ער דעם אָרימאַן
אין יעדען ווינקעל נאָר,
און איהם געגעבען מעהר
ווי זיין פערמעגען האָט
ערלויבען איהם געקאָנט,
און שטיל און אָהן געשרײ...
די „קליבער" פון זיין שטאָדט
איהם האָבען שוין געקאָנט:
ווען צדקה האָבען זײ געמאָנט,
אַנטלויפען פלעגען זײ
פון איהם אויף גיך,
ער זאָל ניט געבען זײ אַוועק
זיין גאַנץ פערמעגען מיט אַמאָל
און גאָרניט לאָזען זיך,
בלויז קאַפּטען, העמד און שיך...

ער געהט און זעהט אַמאָל
ווי זײ אַנטלויפען אָן אַ זײט;
ער לויפט זײ נאָך און שרײט:
„למאי פערשעהמט איהר מיך?!"
ער יאָגט זײ אָן געשווינד
און שטעלט זײ אָפּ אין וועג.
„פאַר וואָס אַנטלויפען? ווארפט
ער פאָר.
„דאָס איז אַ גרויסע זינד!
פאַר וועמען זאַמעלט איהר?
איך בעט אייך און בעשוועער,
פערלייקענט ניט פון מיר!"

---

*) רבי אלעזר איש כפר ברתותה.

ניטאָ קיין ברירה מעהר —
„הכנסת־כלה“ — זאָגען זיי —
„און אַ יתומים־פּאָר
צו חופּה פיהרען מיר!“
— „ווי גליקליך מאַכט עס מיך! —
מיט שמחה רופט ער אויס —
„די גרעסטע מצוה איז דאָך דאָס!
שוין לאַנג געגאַרט האָב איך
זיי העלפען מיט עטוואָס —
ניט איינמאָל, אָ, געגאַרט!“
ער כאַפּט זיין געלד אַרויס,
אַ וואָרף, און לויפט אַוועק,
ער לאָזט קיין שפּור נאָך זיך...

און דאָרט ביי איהם אין הויז,
זיין כלה־טאָכטער וואַרט:
געגאַנגען איז ער קויפען איהר
תכשיטים אַלערהאַנד.
נאָך מאָדע׳ס לעצטען וואָרט,
פון יעדען מין און סאָרט:
צום בריסטעלע אַ בראָש,
צום העלזעלע אַ באַנד,
אַ שפּילקעלע צום צאָפּ
מיט פּערעל, ווייס ווי שנעע,
און צו איהר שוואַרצען קאָפּ
אַ שעהנעם מין „של־ראש“
אין מיטען אַ בריליאַנט,
און רינגען אַלערליי,
מיט עדעל־שטיינדלעך פול,
וואָס שטראַהלען מיט אַ שיין
און גיבען מיידלעך צו
וואָס מעהרער חן און רייץ...
ער קומט גאָר מיט אַ קאַש
פון בלויז איין מעסטעל ווייץ —
אין שפּייכלער שטעלט ער עס אריין
און געהט אַוועק אין שוהל.

זיין אשה קומט פון גאַס,
די כלה איז אין כעס.
די מאַמע טהוט אַ פרעג:
„האָט ער תכשיטים דיר געבראַכט?“
די טאָכטער וויינט און לאַכט:
— „ער טרייבט אַ בייזען שפּאַס! —
ער איז געקומען און אַוועק
און האָט אין שפּייכלער דאָרט
אַ קאַשיק ווייץ געלאָזט,
וואָס בלויז אַ „קשיטה“ קאָסט —
אַ שעהנע גאַרדעראָב!“...
און ברויזענד ווערט די פרוי:
„אָ, פינסטער איז מיין וועלט!
שוין ווידער מן־התם
פערטהיילט האָט ער זיין געלד,
געוואָרפען ווי אין ים...
דאָס איז דאָך אַ געוואַלד,
איך מוז ערפאַהרען עס גענוי,
דאַן גיב איך איהם אַ גאָב!“...

זי לויפט צום שפּייכלער באַלד
און עפענט אויף די טהיר —
עס שפּאַרען זיך אויף איהר
אַ צעהנדליג כוואַליעס נאָכאַנאַנד
פון תבואה אָהן אַ צאָהל,
די שעהנסטע וואָס אַמאָל
געוואַקסען האָט אין לאַנד...
געפּאַקט דער שפּייכלער איז דערמיט
פון אונטען ביז אַרויף,
ניט מעסטען אויפ׳ן מאָס,
ניט וועגען אויפ׳ן שאָל...

דער צדיק קומט דערויף —
די אשה זאָגט דערפרעהט:
„מיין מאַן, בעטראַכט נאָר דאָס;
דו האָסט דאָך קיינמאָל ניט
געאַקערט און געזייעט;
געוואַקסען און געבליהט
קיין תבואה האָט ביי דיר —
פון וואַנען האָבען מיר
אַזאַ געוואַלדיג הויכען באַרג!?“...

דער צדיק שמייכעלט צו
און זאָגט מיט מילדער רוה.
„געאַקערט האָב איך יאָ

און אויך געזעעט אין צייט,
אביסעל נאה'נט, אביסעל ווייט
און גאט, ער איז ניט קארג,
א דאנק איהם יעדע שעה,
איהם קומט א „תשואות־חן" —
ער צאהלט מיר איצט מַיין לוין...
פון צדקה אבער קומט עס מיר,
אויף צדקה זאל עס געהן!...
איך פיהר צוזאמען שוין
די שטאדט־קבצנים דא,
געבראכענע פון נויט,
און טהיילען גלייכע וועלען מיר
זיך נעהמען פון דעם ברויט"...

דער אייזעל־טרייבער.

א.

אמאל איז גאט געווארען בייז
און האט קיין רעגען ניט געשיקט.
די לופט איז זודיג הייס,
עס ברענט די היץ און שטיקט,
ניטא אפילו טהוי בייגאכט,
און אידען געהען אום פערשמאכט,
פער'חושך'ט און פער'צער'ט:
די תבואות ווערען אויסגעדארט,
די ברונימם — טרוקען, לעער...
דער עולם פאסט און וויינט,
מען לאזט אין שוהל א טרעהר,
מען וועקט זיין רחמים אלע טאג,
און דארט אין הימעל ע ר,
קיין תפלה הערט ניט מעהר...
פערשלאסען זיצט ער הויך און טיף,
די גרעסטע לייט פון שטאדט,
די פרימסטע וואס די עדה האט,
דאן פאלען צו צו גאט:
„דו גרויסער שעפער אלהים!
דו ביזט קיין אכזר ווען געווען,
ווי ווילסטו איצט מיט ווילדען גרים
פערניכטען אונז אזוי?!
א, לאז עס ניט געשעהן!"...
און דאן אין חלום קומט צו זיי
א מלאך שפעט בייגאכט,
און צערטליך קלינגט זיין שטים:
„אויב רעגען ווילט איהר האבען גלייך
דאן געהט צום „עזעל־טרייבער" דארט
און טרעט ניט אפ פון ארט,
ביז ער זאל בעטען גאט פאר אייך,
און קומען רעגען וועט א טייך"...

ב.

„דער עזעל־טרייבער!"... ווער?...
א היבשע ווײלע נעהמט,
ביז זיי דערמאנען זיך אן איהם...
א איד א ק ב צ ן גאר,
געבויגען שטענדיג און פערקלעמט,
וואס ארבייט ביטער, שווער,
מיט זיין בהמה און אליין,
און קיינמאל האט ער צייט
צו לעהרנען תורה און פערשטעהן...
דער מלאך אבער הייסט
און דאס איז ווי געבאט...
און באלד ביים ערשטען קרעה פון האן,
די גרעסטע לייט פון שטאדט,
די שעהנסטע קליידער טהוען אן
און לאזען זיך צו איהם
אויף גאט'ס בעראטה...

ג.

זיי טרעפען דארט א אידעל אן
פער'חושך'ט און פערדארט,
דאס פנים אויסגעצויגען, בלייך,
די אויגען איינגעזונקען, אבער ווייך
און רוהיג, מילד און צארט,
זיי פרעגען זאנפט איהם: „זאג,
וואס איז ר' איד, דיין טהאן?"
פערוואונדערט קוקט ער אויף די געסט:
ווי קומען זיי צו איהם אין נעסט,
וואו דלות וואוינט און נויט?...
ער ענטפערט ווי פערשעהמט:

„ניט לאַנג צוריק האָב איך פערמאָגט
אָן עזעל, וואָס איך פלעג
פערדינגען איהם אויף טעג.
דאָס האָט מיך גוט בעלוינט
און האָב געהאט מיין ברויט,
און איצטער האָב איך איהם פער־
קויפט“...

ד.

זיי פרעגען ווייטער איהם ערשטוינט:
„איז דאָס איינגאַנצען וואָס דו קענסט
דערצעהלען וועגען זיך?...
מיר בעטען און בעשווערען זיך
ערקלעהר אונז ווער דו ביזט,
און וואָס געטהאָן האָסט דו אזוינס,
וואָס גאָט אזוי געפעלט
און האָט געהייסען געהן צו דיר?
דאָס איז דאָך ניט אומזיסט...“

ה.

דאָס אידעל טהוט א טראַכט און זאָגט
עניות'דיג און פרום:
„געקומען איז א פרוי צו מיר
פון שטעדטעל דאָ ארום
און דינגט מיין עזעל פאַר איהר פעלד.
זי קומט דערנאָך צוריק
און צאָהלט מיר אָפּ מיט געלד
פאַר יענע ארבייטס־טעג.
איך זעה זי זיפצט און פרעג
וואָס איז אזוינס מיט איהר.
זי ענטפערט מיט געוויין:
„מיין מאַן, דער שפייזער פון מיין
הויז,
ער זיצט אין תפיסה פאַר א חוב:
האָב איך מיין פעלד פערזעצט אליין;
און אויב די תבואה מיר געראָט,
דאַן נעהם איך איהם ארויס...
איצט בלייבט מיר גאָרניט מעהר,
ווי נאָר צו בעטען גאָט“...
איך פרעג איהר ווידער דאַן:
„און ווי וועט זיין אז ע ר
וועט חס ושלום גאָר
ניט שיקען א געראָטען יאָהר?!“...
די אשה ענטפערט מיט א טרעהר:
„דאַן לאָז איך מיך אוועק
צו זיינע וועכטער, און איך ווער
א שקלאַפ ן דאָרט ביי זיי,
אבי בעפרייען זאָל מען איהם,
און זאָל פון הונגער רעטען ער
די קליינע קינדער, וועה!“...
איך זעה די פרוי ביים זינקען האַלט:
ניט ווייט פון איהר א שפּאַן
פערוויקעלט ליגט די שלאַנג פון זינד,
איך לויף אין מארק געשווינד,
מיין עזעל דאָרטען באַלד
פערקויפט האָב איך:
איך גיב דער פרוי דאָס געלד,
און זי קויפט אויס איהר מאַן,
און ווי איהר קוקט מיך אָן אצינד,
אָנשטאָט מיין עזעל, ארבייט איך
אליין“...

— — — — — — — — — —

פערוואונדערט בלייבען שטעהן
די גרויסע לייט פון שטאָדט:
זיי פאַלען באַלד צו זיינע פיס,
זיי קושען זיינע שיך —
„אַ, גרויסער איד, מיר בעטען דיך:
שפּרייט אויס די הענד צו גאָט
און זאָל א רעגען געהן!“...

שלום עליכם.

שלום־עליכם (שלום ראבינאוויטש — איינער פון די גרעסטע אידישע שריפטשטעלער. געבארען דעם 18טען פעברואר 1859 אין א שטעטעל ארום פעריאסלעוו, פאלטאווער גוב. געשטארבען דעם 13טען מאי 1916 אין נויארק. עס איז צו גלויבען אז זעהר א קליינע צאל פון זיינע פארעהרער ווייסען אז אט דער אונז אלע־מען באוואוסטער און באליבטער שלום־עליכם האט אויסער זיינע, אונז נאהענטע, אפטמאל ביז טרעה־רען גוטמוטיגע מעשות, אויך געשריבען לידער. און אז מאנכע פון זיי האבען צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער אידישער פאעזי פון זייער צייט. איינע פון זיי איז דאס ליעד „ליעדער פונ׳ם חדר" (געוועז געדרוקט אין זיין „יודישער פאלקס־ביבליאטעק" אונטערן נאמען „שלומיאל"), וואס איז געשריבען אין אזא׳ן איינפאך פאלקסטימ־ליך־ליעבען טאן. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 10, 302; בעל מחשבות „געקליבענע שריפטען", 1, 91־109; בעל דמיון, אין „דאס נייע לעבען" 1908, 1; ל. וויענער "Yiddish Literature" אינדעקס; ש. ניגער, „וועגען יודישע שרייבער", 1, 71־132; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

ליעדער פונ׳ם חדר.

שלעכטע קומען און פערבייטען
שטענדיג ליעבע גוטע צייטען!
נאכ׳ן זוממער שטעהט שוין הינטען
באלד דער אסיען מיט די ווינטען.

און אין שטוב איז פינסטער, נאס,
קאלט און בלאטיג אויף דער גאס,
און די נעכט, זיי ווערען גרעסער
אויף דעם הארצין אויך ניט בעסער.

און ער שטעהט שוין דא ניט ווייט,
דער בעהעלפער, ביי דער זייט,
מיט א שטעקען, א לאנטערען,
— איינגעזונקען זאל ער ווערען!

און דער רבי שמייסט כסדר
גרויס און קליין, דעם גאנצען חדר
לערענט ערענסט, ברעכט די ביינער,
לערנען אבער וויל נישט קיינער:

ס׳ציהט אהינצי אויפ׳ן אייז,
ס׳אייז איז גלאט, דער שניי איז
ווייס!

ווילט זיך גליטשען, א קאטאוועס?
און ער דילט אונז מיט „פיער־
אבות":

מיט „פיער־אבות" מיט „נזיקין"
טאנצט דער קאנטשיק אויפ׳ן ריקען..
פון פארטאג ביז שפעט ביי נאכט,
ביז מע ווערט שוין גוט פערשמאכט.

ווילט זיך עסען, נאך מעהר שלאפען,
און מיר געהען דא מיט וואפען:
שטיינער, שטעקענס אללערליי,
ווי סאלדאטען מיט געשריי!

און מע הייסט אונז זינגען פרעהליך,
שרייען הויך: „אדוני מלך"!
ווער עס וויל ניט זינגען הויך,
כאפט א קניפ, א קולאק אויך.

אין דער היים מע פאלט אנידער,
מע וויל שלאפען, קומט ער ווידער,
אוי, דער רבי, ער קומט צו חלום,
קומט צו חלום, גיט אפ שלום:

„העך נאר שייגעץ, ס'איז א סברה,
ס'איז שוין צייט צו דער גמרא!
זאג, וואס וויל רב־פפא האבען?
זאג! ניט, וועל איך דיך בעגראבען!"

אין דער פריה, צוריק אין חדר,
היינט ווי נעכטען, אזוי כסדר;
און דער קאנטשיק דרעשט די ביינער,
לערנען אבער וויל ניט קיינער.

*   *
*

פון דער זינן די גוטע שטראהלען,
דורכ'ן דונקלען פענסטער פאלען;
קליינע נעכט, די טעג שוין גרעסער,
אויף דעם הארצען ווערט שוין בעסער.

ווארט זשע, קינדער, האפט אויף מארגען,
איר דארפט האפען, טארט ניט זארגען!
די אמונה, דער בטחון —
אונזער יודישער נצחון...

גוטע קומען און פערבייטען,
תמיד שלעכטע, וויסטע צייטען:
נאכ'ן אסיען, נאכ'ן ווינטער
קומט דער פריהלינג, ליבע קינדער!

שלאף מיין קינד.

(א וויעג ליעד)

שלאף, מיין קינד, מיין טרייסט,
מיין שעהנער,
שלאף, מיין זוהנעניו!
שלאף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליו־ליו.

ביי דיין וויעגעל זיצט דיין מאמע,
זינגט א ליעד און ווייגט:
וועסט א מאל פערשטעהן מסתמא,
וואס זי האט געמיינט.

אין „אמעריקע" דער טאטע
דיינער, זוהנעניו!
ביזט א קינד נאך שלאף לעת־עתה,
שלאף־זשע, שלאף ליו־ליו.

דאס „אמעריקע" פאר יעדען
זאגט מען איז א גליק,
און פאר אידען א גן־עדן,
עפעס אנ' אנטיק.

דארטען ווייסט מען פון קיין גלות,
גזרות, זוהנעניו,
פון קיין צרות, קיין יללות,
שלאף זשע, שלאף ליו־ליו.

דארטען, זאגט מען, זענען אידען,
קיין עין־הרע רייך.
יעדער לעבט זיך דארט צופריעדען,
אלע זענען גלייך.

דארטען עסט מען אין דער וואכען
חלה, זוהנעניו!
יאיכלעך וועל איך דיר דארט קאכען,
שלאף זשע, שלאף ליו־ליו.

נאר דערוויילע לאמיר האפען,
אוי, וואס קאן מען טהון?
כ'וואלט שוין לאנג צונ' איהם
געטראפען,
וויים איך ניט וואוהין...

גאט וועט הייסען, וועט ער שיקען
בריווליך, זוהנעניו!
גאר אין גיכען אונז בעגליקען,
שלאף זשע, שלאף ליו־ליו.

ער וועט שיקען צוואנציג דאָלער
זיין פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעהמען, לעבען זאָל ער
אונז אהינציצו.

ער וועט אלץ פון אונזערטוועגען
שאפען זוהנעניו,
און וועט פאָהרען אונז אנטקעגען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

און וועט האפען דיך צום קושען,
שוויינען אזש פאר פרייד;
איך וועל קוואלען טרעהרען גיסען,
וויינען שטילערהייד.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטעל,
דארף מען, זוהנעניו,
שלאָפען: ס'איז א טייער מיטעל,
ליולינקע, ליו־ליו.

עפיטאפיע.

(פאָרעפענטליכט נאָך זיין טויט)

דאָ ליעגט א איד א פשוט'ער,
געשריעבען אידיש־דייטש פאר ווייבער,
און פאר'ן פראָסטען פאָלק האט ער. —
געוועזן א הומאָריסט א שרייבער.

דאָס גאנצע לעבען אויסגעלאכט,
געשלאָגען מיט דער וועלט כפרות,
די גאנצע וועלט האט גוט געמאכט,
און ער — אוי וועה — געוועזן אויף צרות!

און דוקא דעמאָלט ווען דער עולם האט
געלאכט, געקלאטשט און פלעגט זיך פרעהען,
האט ער געקרענקט — דאָס וויים נאָר גאָט —
בסוד, אז קיינער זאָל ניט זעהען.

ש. פרוג.



שמעון־שמואל פרוג — בארימטער אי־דיש־רוסישער דיכטער. געבארען אין איינער פון די אידישע ערד־ארבייטער־קאלאניעס באבראווי קוט, כערסאנער גוב. אין יאהר 1860, געשטארבען אין אדעס דעם 5טען אקטאבער, 1916. ש. פרוג האט צוערשט אנגעהייבען שרייבען אין רוסיש און דאס מעהרסטע און בעסטע פון זיין שאפען באלאנגט צו דער רוסישער ליטעראטור, וואו ער פארנעמט אן אנגעזעהענעם פלאץ. דאך האט ער באוויזען אויך אין אידיש ארויסצוגעבען אייניגע בענדער ליעדער און פעליעטאנען. אין אידיש איז ש. פרוג דער איבערגאנג־דיכטער פון פאלקס־טימליך־בדחנ׳ישען צו׳ם שעהנעם לירישען ליעד. ביבל. יוד. ענג. ענצ. 5, 524; ל. וויענער „יידיש ליטעראטשור", אינדעקס; בעל מחשבות, „געקליבענע שריפטען", 1, 123־130; דר. מ. פי־נעס, „די געשיכטע פון דער יודישער ליטע־ראטור", 2, 37־39; ז. רייזען, „לעקסיקאן",

זאמד און שטערען.

עס שיינט די לבנה, עס גלאנצען די שטערען;
די נאכט שוועבט אויף בארג און אויף טאל...
דאס אלטיטשקע ביכעלע ליעגט פאר מיר אפען, —
איך לייען עס, לייען עס טויזענדע מאל.

איך לייען די הייליגע טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך א שטימע: „איך שווער —
מיין פאלק, דו וועסט זיין ווי די שטערען אין הימעל,
ווי זאמד אויפ׳ן ברעג פונ׳ם מעער..."

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פערפאלען
פון דיינע הבטחות קיין איינציגעס ווארט:
מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען,
אלץ קומט אין זיין צייט, אויף זיין ארט.

און איינס איז שוין טאקע מקוים געווארען,
דאס פיהל איך, דאס וויים איך געוויס:
מיר זענען געווארען ווי זאמד, וואס איז הפקר,
וואס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יא, גאטעניו, אמת, ווי זאמד און ווי שטיינער,
צעשפרייט און צעווארפען אויף שאנד און אויף שפאט,
נו, אבער די שטערען, די ליכטיגע קלארע —
די שטערען, די שטערען — וואו זענען זיי גאט??

דאָס יודישע קינד.

טיעף בעגראָבען אין דער פינסטער,
ווייט פון לופט און ליכט —
זעהסט דו דאָרט דעם בלינדען
וואָרעם,
ווי ער קריכט?

אין דער ערד איז ער געבוירען,
און בעשערט
איז איהם אייביג, אייביג קריכען
אין דער ערד...

ווי א וואָרעם אין דער פינסטער,
שוואַך און שטום און בלינד —
לעבסט דו אָב די קינדהייט'ס יאָהרען,
יודיש קינד!

אויף דיין וויעגעל זינגט די מאמע
ניט קיין ליעד
פון א רוהיג-שטילען לעבען,
פרייהייט, פריעד.

פון די גערטנער, פון די פעלדער,
וואו דאָס פרישע קינד,
שפיעלט און פרייט זיך פריי און
לוסטיג,
ווי דער ווינד.

ניין! א קוואל פון טיעפען יאָמער
רוישט און קלינגט...
אוי, ווי ביטער איז דאָס ליעדעל,
וואָס זי זינגט!

טיעפע זיפצען, הייסע טרערען,
מיט א שטאַרקע מאַכט,
קלינגען, רוישען אין דעם ליעדעל
טאָג און נאַכט.

טיעפע זיפצען, הייסע טרערען,
הונגער קעלט.
שלעפען זיך מיט דיר צוזאַמען
אויף דער וועלט.

און פון וויעגעל ביז צום קבר,
אויף דעם לאַנגען וועג,
וואַקסען גאַנצע וועלדער צרות,
אָהן א ברעג.

שבועות.

„דער גרינער יום-טוב קלאַפּט אין טהיר
די זון געהט אויף און שיינט.
וואו זיידע, וועלען מיר דאָס גרינס
אויף יום-טוב נעהמען היינט?"

„— וואו פרעגסטו? קום, מיין גאָלדען קינד,
אויף אונזער הייליג אָרט, —
דער פריהלינג האָט מיט גראָז בעדעקט
דיין טאַטענס קבר דאָרט...

„קום, קינד מיינס! אונזער א י ג ע ן גרינס
דערקענען איז ניט שווער:
פון יעדען גרעזעלע שטראַהלט-אָב
א הייסע יתום-טרעהר"...

ש. פרוג

אייניקליך.

איהר הערט פון דער ווייטען א וויינענדע שטימע?
דאָס קלאָגען זיך, עלענד און אָרים,
די קינדער פון ציון: דאָס זיפצען און וויינען
די אַלטע צובראָכענע קברים.

דאָס וויינען די היילינע אַלטע מצבות —
פערשוואַרצט און פערפינסטערט געוואָרען.
דאָס וויינט אונזער מאַמע, וואָס איז ביי די קינדער
אויף אייביג אַרויס פון זכרון...

א זומער-נאַכט.

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז פינסטער,
מיט שוואַרצע שאָטענס איז בעדעקט
דער שטילער טייך. די גערטנער שלאָפען:
עס וועהט מיט פרישע גראָז; עס שמעקט
פון וואַלד מיט שוואַמען און מיט בלומען.
די לופט איז ריין, און פריש און קיהל:
אַלץ שלאָפט און רוהט אין שטילען פריעדען, —
נור פון דער אַלטער וואַסער־מיהל
הער איך צוויי ליעבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבען וואוינען דאָרט:
זיי וואָרקען, האַלזען זיך... ווי רוהיג
איז אויף זייער שטילען אָרט...
איך געה אהין, אָן אַלטע ווערבע
שטעהט אויפ'ן שטילען גרינעם ברעג;
זי איז מיין פריינד, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריגע טעג.
מיר זיינען ליעב די אַלטע צווייגען,
וואָס הענגען טרויעריג אַראָב,
גלייך ווי פאַרצייטען ביי אַנ'אַבל
די האָר פון טרויעריגען קאָפּ.
זי איז מיר ליעב די אַלטע ווערבע;
אָפט זיץ איך איינזאַם אונטער איהר,
און זי בעדעקט מיך מיט די צווייגען,
גיסט אויס א זיסע רוה אויף מיר.

הערבסט-ליעד.

ווי נאַס און פינסטער איז דער וואַלד,
ווי ווענינ בלומען איז געבליעבען:

אײן בינטעל פאר א גאנצען טאג
האב איך זײ קוים צונויפגעקליבען.

װי שװאך, װי דונקעל זײנען זײ,
פערשװארצט פון קעלט, פערנעצט פון רעגען!...
אויף װעמעס קבר זאל איך איהם,
דעם לעצטען קראנץ אניעדער לעגען?

איין־איינציג קרענצעלע האב איך,
אזוי פערװיאלעט, שװאך און ארעם,
און דא, אויף יעדען, יעדען טריט
זעה איך צושפּרייט אזוי פיעל קברים!...

מיט הונדערט רינגען, הונדערט הענד
האט מיך דער טויט ארומגענומען —
װאוהין־זשע זאל איך לעגען דא
דעם לעצטען ק ר א נ ץ, די לעצטע בלומען!...

אין א װינטער־נאכט.

א.

די באבעניו זיצט מיט׳ן זאק אין דער האנד.
דאס לעמפּעלע צאנקט. פון די שפּיזלען
צעװיגען־זיך, לויפען ארום אויף דער װאנד
אי חיות, אי פויגעל, אי ריזען...

די באבעניו שװײגט... אלע מעשיות שוין לאנג
אונז איבערדערצעהלט פאר׳ן זומער...
אין הארצען בײ איהר ליגט א גיפטיגע שלאנג,
א טיעפער, א גליהענדער קומער...

אין דרויסען איז פינסטער, אין דרויסען איז קאלט,
דער שנײ האט די סטעזשקעס פערשאטען...
אנ׳ אומעטיג בילד, א פערטרויערט געשטאלט
שװעבט לאנגזאם און שטיל װי א שאטען...

די אלטיטשקע זיצט בײ דעם לעמפּעלע, שװער
און טיעף איז איהר רוקען געבויגען...
זי זיפצט און זי שעפּטשעט... א טרעהר נאך א טרעהר
בעלויכטען די דונקעלע אויגען...

ב.

— אוי, געסטעלעך, נעסטעלעך פּוסטע! מיט שנײ
פערשאטען, פערגליװערט געװארען...

עס פליהען די ווינטען און קלאגען אויף זיי
און רוישען און גרימען מיט צארען...

„אוי, פויגעלעך ליעבע! וואו זענען זיי איצט?
אוועק איבער בערג, איבער מעערען,
אהין וואו דער מארגען־שיין פינקעלט און בליצט
און ס'שמייכלען די גאלדענע שטערען.

אהין, וואו די לופט איז געזונד, ריין און פריי,
וואו שניי־ווייסע וואלקענס נאר שוועבען,
צו אנהייבען דארט פון דאס ניי, פון דאס ניי
א פרייעס, א גליקליכעס לעבען.

דער ווינטער איז לאנג, נאר דער שניי וועט צוגעהן,
דער גאלדענער פריהלינג וועט קומען,
דער הימעל וועט ווערען אי ליכטיג, אי ריין,
די גערטנער בעשאטען מיט בלומען.

די ערד אין איהר אלטען געוועזענעם גליק
וועט ווידער אי שיינען, אי בליהען —
און פרעהליך אהער וועלען קומען צוריק
די פויגעלעך ווידער צופליהען...

* * *

„הער צו די תפלה פון דיין קנעכט,
וואס שטעהט פאר דיר, דעם קאפ געבויגען!
וועק אויף דאס קאלטע, טויטע הארץ,
מאך אויף די דונקלע, בלינדע אויגען.

„פון יענע פעלקער אויף דער וועלט,
וואס בלאנדזשען אויף די קרומע וועגען...
ווי אויף די בלום דער מארגען־טהוי,
ווי אויף דעם זאנג דער פרישער רעגען,

„פערגיס אויף זייער דונקלען זין
דיין בארימהארציגקייט פון אויבען,
בעלייכט זיי מיט דיין שיין און מאכט,
ערקוויק זיי מיט דעם ריינעם גלויבען;

„און ווי די אבגרונדען בעדעקט
דער טיעפער ים פון אלע עקען,
זאל גלויבען, ווארהייט, וויסענשאפט
פון עק ביז עק די וועלט בעדעקען!“...

הײם און קאַלט.

(סאַטירע)

נו, מזל־טוב רחל'ע, מזל־טוב דיר —
אַ קינד, אַ בן־זכר געבאָרען!....
דאָס פּיצעלע קוויטשעט און שרײַט אָהן אַ שיעור...
וואָס איז דאָס, דו, קלײנער, וואָס איז דאָס מיט דיר?
דו ציטערסט? דערפראָרען געוואָרען?
אָך, דאָרט, אויפ'ן הימעל, וואו דו ביסט געווען,
איז ליכטיג און פרעהליך, און ווארעם און שעהן,
און דאָ... הערט זיך צו — באמונות:
דאָס פּיצעלע רעדט דאָך, עס שרײַט דאָך: „געוואַלד!"
אוי, מאמע! ווי פינסטער איז דאָ און ווי קאַלט!...
אוי, וועה! האָב רחמנות!"...

דאָס רעדעלע דרעהט זיך
ארום אָהן אנ'עק;
אַ טאָג קומט צו קריעכען,
אַ יאָהר פליהט אוועק...

— „גוט מאָרגען אײַך, רבי!" — גוט מאָרגען! אַ נו!
אָט זעץ זיך אָקאָרשט נאָר אַניעדער
און נעהם זיך צום חומש... נו, לעבעדיג... דו!
מיט חשק, מיט אברים, מיט גליעדער!...
דו שווײַגסט? !... נו, טאַ לעג זשע זיך! ליעג... אָט אזוי...
אײַנס!... צוויי! !... „רבי! רבינו! אוי!..."
„—ליעג, ליעג! דו, כל־בוניק!... ס'וועט קאָסטען דיר טײַער!...
איך ארבײַט, א ך קנעל, איך בעגים זיך מיט שוויים,
און ער... טאַ, טאַ נאַ־זשע דיר! פיהל זשע און וויים...
האַ? ווארעם?"... „הײם! רבינו, רבינו, הײם!
עס בריהט ווי ... פײַער!...."

אַ טאָג קומט צו קריעכען,
אַ יאָהר פליהט אוועק,
אַלץ האָט זיך זײַן אַנפאַנג,
אַלץ האָט זיך זײַן עק...

און נאָך אמאָל — מזל־טוב! מזל־טוב אײַך!
שפּיעלט כלי־זמר'לעך! הויבט זיך אויף פליעגעל!
דעם חתן איז פּשוט... „דער קרומער ניט גלײַך":
די כלה — אַ דימאַנט. אַ שפּיעגעל!
מע הוליעט!... וואַרט אוים, ליעבע פרײַנד, זײַט ניט פויל —
דער דימאַנט האָט נעגעל! דער שפּיעגעל — אמויל...

— נו, מאנעלע! ווארעם? עס קוועלט די נשמה?
„—אוי, ברידער, בחורים׳לעך! איילט זיך נים! — קאלט!
איך פריהר ווי אום שבט ביי דער נאכט אין א וואלד...
איך ציטער, איך צאפעל... אוי, ברידערלעך, ג׳וואלד!
איך פריהר, פון נחמה!“

די וועלט איז א חדר
פאר קליין און פאר גרוים!
מע קוועטשט זיך, מע שטופט זיך —
מע לערענט זיך אוים....

א סוחר געווארען... נו, גיכער, רב יוד! —
אין האץ איז א מארק און אין קלאץ — א יריד...
עס הודיעט, עס קאכט ווי אין גיהנום!
איהר זעהט — קיין עין־הרע! מע לויפט! —
פעל, אקסען, זאלץ, קארן, פלאקס, פאצירקעס, לעדער!
מע פליהט ווי אויף פליעגעל, מע פאהרט ווי אויף רעדער,
מע האנדעלט, מע וואנדעלט, מע קויפט, מע פארקויפט....
דאס סוחר׳ל יאגט זיך נאך דעם און נאך יענעם.
עס ציטערט, עס צאפעלט, בעגיעסט זיך מיט שוויים...
אוי, סוחרים׳לעך, יודעלעך, פייערדיג, הייס!
עס ברענט ווי אין גיהנום!

דאס וועלטעלע דרעהט זיך —
א מארק, א יריד!
עס הודיעט, עס פלאקערט,
עס ברענט און עס זידט...

ברענט, ברענט, — איהר וועט אבגעקיהלט ווערען רב־יוד —
איהר איילט זיך נאך סחורה? — נאך אייזען, נאך ברעטער,
נאך זייד און נאך סאמעט — איהר פלאקערט, איהר זידט?
פערגעסט נאר נים — זייט אזוי גוט — פון יריד
א שטיקעלע לייוואנד צו ברייגנען, רב־פעטער...
עס קלאפען די פושקעס, עס ארבייט די זעג,
פיער ברעטער, צוויי שערבלעך, — און אוים מיט אנ׳עק!
געקומען צופאהרען פון לעצטען יריד׳ל...
נו, גיכער, שמשים! פערשיט שוין, בעהאלט!...
אוי, יודעלעך, קאלט איז דארט — זאג איך אייך — קאלט?!...



מ. פענקאָווסקי.

מנחם־מן פענקאָווסקי — דיכטער. געבאָרען אין לובין, פּאָלטאַווער גובערניע, ארום 1860 (לויט שלום עליכם, וועמעס ער איז געווען א פּערזענליכער פריינד). אין זיין יוגענד איז מ. מ. פענקאָווסקי געווען א העברעאישער לעהרער אין זיין געבורט־שטאָדט. זיינע ליעדער זיינען מעהרסטענס געדרוקט געווען אין פּעטערסבורגער „יודישען פאָלקסבלאט“, צווישען די יאָהרען 1882־1884, אונטער דער השגחה פון שלום עליכם. שפּעטער איז ער פארשוואונדען געוואָרען פון דער ליטעראַרישער וועלט. ניט אכטענדיג דאַרויף, וואָס זיינע ליעדער זיינען מעהרסטענס שטרייננ טענדענציעז און אָפט מאָל ניט אויסגעהאלטען טעכניש, לאָזען זיי דאָך איבער דעם איינדרוק, אז מיט מ. מ. פענקאָווסקי׳ס פארשווינדען איז פארלאָרען געגאַנגען א באַדייטענדער אידישער דיכטער.

די האָפּפנונג.

רבת צררוני מנעורי יאמר נא ישראל (תהלים קכ״ט, א׳).
ואמר אבד נצחי ותוחלתי מה׳ (איכה ג׳, י״ח).
ואיה אפוא תקותי מי ישורנה (איוב י״ז, ט״ו).

א סך, א סך בין איך פארשווארצט געוואָרען
און האָב געגוג געליטען צרות, שלעק:
איך האָב כמעט דעם בעכער פון גאָטטס צאָרן
אין גאַנצען אויסגעטרונקען ביז צום דעק...

נאר... תמיד, ווען די חוואַליעס פונ׳ם לעבען
זעניון גרייט געוועזען צו דערטרינקען מיך,
האָב איך דער האָפּפנונג נאר א ווינק געגעבען —
און זי האָט זיך צו מיר געיאָוועט גיך.

זי האָט מיך תמיד, ווי א טרייע מוטער,
געטרייסט מיט איהרע גוטע, זיסע רייד:
„ניט אייביג וועט דאָך דיר זיין אזוי ביטער;
וועסט איבערקומען אלע דיינע לייד!“...

און איהרע ווערטער פלעגען מיר תמיד קלינגען
אזוי מעלאָדיש, אנגענעהם און פיין,
אז איך פלעג זיי מיט גרויס פערגניגען שלינגען,
זיי פלעגען מיר טיעף — טיעף אין הארץ אריין.

ניט ווילענדיג פלעג איך איהר מוזען גלויבען
און קלויבען נחת פון איהר פלוידעריי,
אז מיין מזל וועט זיך נאָך דערהויבען,
און איך וועל פון אלע צרות ווערין פריי.

ניין, ניין! ניט אייביג זאָגט די האָפפנונג ליגען:
ררעהט זיך דאָס ראַדיל דען ניט איבער אָפּט?... —
אזוי האָב איך געליטען אונ געשוויגען,
אונ אלע מאָל געהאָפּט, געהאָפּט, געהאָפּט...

אך, האָפּפנונג! דו ביזט מיר געוועזען טהייער:
דו פלעגסט מיר תמיד היילען יעדע וואונד;
מיט דיר בין איך דורך וואסער און דורך פייער
בשלום דורכגעגאנגען ביז אצונד.

דו האָסט מיר געזונגען שאָנע, זיסע ליעדער
אונ מיך מיט זיי פארשלאָפערט אונ פארוויעגט...
אך! ווי וואָלט איך געוואָללט זיי הערען ווידער!
ווי וואָלט איך מיך אצונד מיט זיי דערקוויקט!

הלואי וואָלט איך געקענט איצטער ווידער האָפען
אונ לאָזען זיך פארוויעגען, ווי אמאָל!...
נאָר אוי! מיין האָפּפנונג איז פון מיר אנטלאָפען,
איך האָר שוין נישט איהר צוקערזיסעס קול!

וואו ביזט דו. האָפּפענונג? וואוהין ביזט דו פארשוואונדען?
פאר וואָס רופסט דו זיך איצט ניט אָן צו מיר?
פאר וואָס קומסט דו ניט היילען מיינע וואונדען,
וואָס זענען גרויס אונ טיעף גאָר אָהן א שיעור?!...

איך בעט דיך, וויין מיר איצט דיין פריינדשאפט ווידער
אונ טרייסט מיין הארץ מיט דיינע זיסע רייד:
פארוויג מיך נאָך אמאָל מיט דיינע ליעדער,
איך זאָל פארגעסען אלע מיינע לייד!

הערבסט אין רומעניען.

„אך, דער הערבסט! ער זאָל שוין גיכער
איבערלויפען!“... שרייען לייט;
נאָר פאר מיר — זאָג איך אייך זיכער —
איז דער הערבסט די בעסטע צייט.

זיין טומאן, זיין שווארצע מראה,
הארמאָנירען מיט מיין הארץ:
תמיד ליגט דארויף א המארע
שטענדיג איז עס פינסטער, שווארץ.

די צרות פון די לעצטע צייטען,
די אומדערבארעמדיגע קלאפּ,
וואס שיטען זיך פון אַלע זייטען
אויף אונזערע אומגליקליכע קאפּ;

די פרישע גזירות, די נייע דינים,
וואס מע ווארפט נאר אויף אונז אַן;
די אנטיסעמיטישע נגונים,
וואס קלינגען אלע אויף איין טאָן, —

דאס האט אין מיר מיין מוטה דערשלאָגען
און דאס לעבען וויסט געמאכט:
איך וואלט געוואלט נאר ווײנען, קלאָגען
און גיעסען טרעהרען טאג ווי נאכט!...

דאריבער איז מיר גרינגער, בעסער,
ווען איך זעה, אז אלץ איז שווארץ;
וואס די פינסטערניש איז גרעסער,
ווערד מיר לייכטער אויפ'ם הארץ.

די שווארצע חמארע, דער שלאקס־רעגען,
וואס פייפט און ליאפּעט מיט א כעס;
די פארדארבענע, פארוויסטע וועגען,
די טיעפע בלאָטע אויף דער גאס;

די פארדארטע, טויטע פעלדער;
די פרוכטגארטנער, וואס זענין פוסט;
די נאקעטע, פארשמאכטע וואלדער,
די בלאטער, וואס וואלגערן זיך אין מיסט, —

דאס אלץ בין איך איצונד זעהר גערן:
מיר שטעלט זיך פאר, אז די נאטור
ווערד געריהרט פון מיינע טרעהרען —
און קלאָגט און טרויערט גלייך מיט מיר...

דערפון ווערד מיר אביסיל לינדער:
איך בין ניט עלענד אין מיין געוויין!...
מיינע טרעהרען פליעסען איצט געשווינדער,
זיי לויפען, קייקלען זיך אליין...

ר׳ מרדכי׳לע.

ר׳ מרדכי׳לע (חיים טשעמעריִנסקי) — זשורנאליסט און סאטיריקער. געבארען אין מאָטעלע, גראָדנער גוב. אין יאהר 1862. אין 1904 האָט ער זיך צום ערשטען מאָל באוויזען אין דער אידישער ליטעראטור מיט א רייהע פאבלען מעהרסטענס נאָך קרילאָוו׳ן. האָט אויך איבערזעצט אין אידיש וויקטאָר הוגאָס ראָמאַן „א מענש וואָס לאַכט“ („פריינד, 1911). אין 1906 האָט ער אין קיעוו רעדאגירט די טעגליכע אידישע צייטונג „דאָס יודישע פאָלק“. שפּעטער איז ער געוואָרען א שטענדיגער מיטארבייטער פון „פריינד“, וואו ער האָט פון צייט צו צייט פערעפענטליכט א רייהע אויסגעצייכענטע סאטירישע ליעדער און פובליציסטישע ארטיקלען. באזונדערס צייכענט זיך ר׳ מרדכי׳לע אויס מיט זיין אריגינעלען, ווערטער־רייכען אידיש און לייכטען סאטירישען טאָן. האָט זיך אויך אבגעגעבען מיט דער פילאָלאָגישער זייט פון דער אידישער שפּראַך. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאָן“.

נאָטקע־קאַפּאָטקע.

(סאטירע)

נאָטקע
האָט נאָר איין קאַפּאָטקע,
א לאַנגע מיט א שפּאַלט,
מיט א קורצען סטאַן,
פון אַלטען אידישען פאַסאָן:
ער טראָגט זיא פון דער חופּה אָן —
שבת, יום־טוב, און ידער וואָכען —
און זיא איז שוין טאַקע אַלט,
נעביך שטאַרק צוקראָכען!
פון עלענבויגען־לאָכען
בולט׳ן דיא דאַרע קנאָכען,
און א רחמנות
און א רחבות
אין דיא פאָחוועס!
הינטען הענגען פון קאַפּאָטע
לאַפּען, איינגעזאַפּט אין בלאָטע,
שלעפּען זיך וויא ציצית נאָך א טלית
און עס שלומפּערט
אונגעלומפּערט!
אונזער נאָטעל
ווערט ניט בטל —
דאָס איז א פערשייטער דלות,
און א בריה, טויג צו אַלעם —
„נאָטעל —
זאָגט ער — איז א קאָזאַק
אויפ׳ן זאָטעל!“
דאַרף מען — בלאָזט ער אויפ׳ן
בלאָזאַק
נייהט ער חופּה־קליידער כלות,
גיט איהם נאָר אהער
א נאָדעל־פאָדים, אייזען־שער —
מאַכט ער לאַנד און לייט פון זיינע
בגדים,
און געה לאָז איהם!
אונזער פיפיגער בן־אדם
נעהמט זיך שטאַרק צו די מלבושים,
ארבייט היים מיט אַלע חושים,
שטשאָבעט שבת־שטעך מגושם,
נייהט און טרענט,
און דיא ארבייט ברענט
אונטער זיינע הענד!
וויא אַן עכטער חיט
זיצט ער זיך און קראַיעט
מיט א נגו׳לע פון פּייט:
„ביי א בריה
פעהלט ניט קיין מאַטעריע —

תמיד סטייעט
און עס בלייבט נאָך איבער יתיר.
נאָטקע מאכט עס אויך מיט אלע
פליטער.

וויא א שניידער א געניטער:
צו וועלכע שלים־מזלות
דארף איך האָבען פאָלעם
לאנגע וויא דער גלות?
א שנייד אראָב דיא שמאטעס —
האָב איך שוין אויף לאטעס;
א בויג אריבער א פאָלבאָניע —
ווערט'ס א קאפטען, מעשה פאָניע;
קומט מיר אויס אביסעל שמיידיג
אין דיא עלענבויגען,
א העזה פון א לאָך א לייראק —
פעדמווייז צוצויגען
זיך דער ליץ
וויא א נעץ
ביז'ן סאמע פלייצע —
און גיב איהם דאָ אן עצה!
שונאי ציון זעץ
א פאָאר שפאקולען אויף צוויי
בלינדע אויגען--
אזביידע ארבעל טויגען
נאָר אויף מארהע צו א מכה!
דארף איך טאקע
ביידע אויף כפרות:
כ'זינג זיי אב א פיין „וכרות“,
און פון פאָרענט — בראָק
ארויס דעם קראָק —
האָב איך א פאָר ארבעל — שררות,
און עס שניידט זיך אויס א ראָק,
אַ וויזיטקע, אן ארטיקעל!
נאָך א כאפ ארויס א שטיקעל
און א זעץ אריין א צוויקעל
אין די אָרעמס,
וועט שוין מעהר ניט פלאצען.
פעהלט מיר נאָך סך הכל,
אויף א קאָלנער לאַצען —
איז עס אויך ווערטה א פיאטאק'ל:
ווידער מיט'ן שער א קנאק —
קומט ארויס א פראק
מיט'ן גאנצען טשאק
חאָטש הלך, נאָטקע, מיט דיא טאצען
גלייך אויף א ספעקטאקעל!“
און עס טהוט זיך, וויא עס רעדט זיך:
ער נייהט־אויף דעם פראק גע־
שווינדער,
מעסט איהם צו און גלעט זיך
אין ענטפלעקטען בייכעל,
און קוועלט אָן:
א פאסאָן —
א מאכל:
ס'ליגט וויא אויסגעגאָסען
איטליכס פיצעלע בעזונדער
ממש וויא א פראנט א חתן
אויסגעפוצט זיך מכות רצח;
נאָר עס בעט זיך
אויף'ן קאָפ נאָך א צילינדער
און צום טיש: א גילדערן יאייכעל!“

*   *   *

אצונד
ווילט איהר הערען נאָך א בת־קול,
איך זאָל ארויסזאָגען אייך רונד
א נמשל מיט א מוסר־השכל,
און איהר מיינט דאָך מן הסתם
אז דאָ ליעגט אין גרונד
סתרי־תורה — פייער פלאם:
א שפאָגעל ניי פראָגראם,
בעשטוקעוועט גראם־שטראם
פון הענגעל־שלעגעל,
יעולי רגל
מיט'ן אלטען ציון־דגל,
צו לכל הפחות „בונד“
וואָס איז זיך אָפטמאָל סותר
ווען עס קומט אויס שמאָל איהם —
חס ושלום!
כ'בין קיין טעאָרעטיקער קיין גרויסער
שרייב מיר פשוט'ע משלים,
און ווייט ניט פון קיין פוסר,
פון קיין חלום.
דאָסמאָל מיין איך גראָד
א סוחר פון בראָד,
וואָס דרעהט א גרויסע ראָד:

ר' מרדכי'לע

א מויל — א קאלאטקאטקע,
הענד — כאטש פערל פיקען,
א קראם — אן אבאראטקע
מיט אלע שיקען,
סחורה — האדקע,
לויטער אנטיקען,
קרעדיט — פא גלאטקו,

(קאמיסיאנערען שיקען!)
געלד — כאטש שווינק
זיך, — אין אלע ביינק,
אין קאפיטאל — א קרענק!
לסוף נאך אלע גליקען
איז עם — נאטקע
מיט זיין קאפאטקע...

יהודא־ליב גארדאן.

יהודא־ליב גארדאן (שני, החדש) — רבי. מחבר פון „סדור בית יהודא". געבארען אין מיאדעל, א קליין שטעטעל אין ווילנער גוב. אין יאהר 1862. דערצייגען זיך ביי ארעמע עלטערען. באקומען אן אידיש־טראדיציאנעלע ערציהונג. אין 1899 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט צווישען אנדערעס אויך אנגעשריבען א פירוש אויף דער גאנצער תורה „התורה והדעת", וואס וועט קירצליך פארעפענטליכט ווערען. דער דערמאנטער פירוש שטיצט זיך אויף וויסענשאפטליכע יסודות און איז געשריבען אין העברעאיש, אידיש און ענגליש. האט אויך אנגעשריבען א רייהע ליעדער און באלאדען אין אידיש, די מעהרסטע פון וועלכע עס געפינען זיך נאך אין מאנוסקריפט. די פאלגענדע באלאדע געפינט זיך אין א זאמלונג פון אידישע ליעדער, צו וועלכע דער באקאנטער אידישער קאמפאזיטאר פלאטאן ברונאף האט צוגעפאסט מוזיק.

הושענה רבא נאכט

(באלאדע)

האלבע נאכט הושענה רבא
מיט הושענות פעקלעך פיעל,
געהט דער שמש רבי אבא,
ביי דער שוהל פערטראכט און שטיל.

טיעף פערזונקען אין זכרונות
פון זיין לעבענס־קוואל און פיין,
און עס לויפען דיא רעיונות
דיא ארויס און דיא אריין.

פלוצלונג אוי, א שרעק, אן אימה,
איהם האט ציטערען געמאכט.
ער דערמאנט זיך אז זיין שלמה
איז געשטארבען דיעזע נאכט.

און ער זעהט שוין אין טליתים
מיט לולבים אין דיא הענט,
קריכען פון דיא קברים מתים,
און ער האט זיי גלייך דערקענט.

דאכט זיך איהם זיי לאכען, שפאטען,
הייבען זיך ארויף, אראפ,
ער דערזעהט באלד אויף זיין שטן
הינטער זיך גאר אן א קאפ.

קען זיך מעהר ניט ריערען קעהרען,
ביי דער שוהל וואנד בלייבט ער
שטעהן,
און א שטימע לאזט זיך הערען:
„רבי אבא אחרון"...

און ער געהט שוין נאך דער שטימע,
פונקט וויא נאך א צויבער הארף,
געהט ארויף גלייך אויף דער בימא
מאכט דיא ברכה קורץ און שארף.

און מען הייסט איהם אתרוג
בענטשען,
בענטשט ער אתרוג גיך און שנעל.
און אויף מארגען האבען מענשען
איהם געפונען טויט ביים שוועל...

עוזר סמאלענסקין.

עוזר סמאלענסקין — דיכטער. געבארען דעם 23טען אקטאבער 1862, אין העלמיאזעוו, א קליין דערפעל אין פאלטאווער גוב. נאך אין דער גאנץ פריהער יוגענד האט עוזר סמאלענסקין שוין געשריבען העברעאישע און רוסישע ליעדער. אין 1893 האט ער מיט זיין פאמיליע אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער געפינט זיך אויך איצט. זיינע ליעדער זיינען געווען געדרוקט אין פאר־שיידענע אמעריקאניש־אידישע זשורנאלען ווי די „פרייע ארבייטער שטימע", רעדאגירט פון ש. יא־נאווסקי און אנדערע אויסגאבען.

קינדער.

אין די רייכע הייזער
ווינטער ביי דער נאכט
לעבט זיך גוט די קינדער, —
יעדער שפילט און לאכט,
און ס'בעלייכט פון אויוועז
ליעבליך זיי דער פלאם;
הערען צו דער מוטער'ס
מעשיות אויפמערקזאם;
זייערע געזיכטער
שיינען פון פיעל פרייד,
ברעכען לאכענד אונטער
אפט דער מוטער'ס רייד.

ס'מעג זיך בייז אין דרויסען
רוישען דארט דער ווינט, —
ווארעם איז דעם רייכען,
וואויל איז אויך זיין קינד.
ס'דארף זיך קיינמאל זארגען
פאר דעם טאג וואס געהט,
אימער איז איהם אלעס,
אלעס צוגעגרייט:
נייע, גוטע קליידער,
העמדער קלאר ווי שניי,
זעמעל, פוטער, קאווע,
שפיעלצייג אלערליי...

און אין ארמע הייזער
אין דער זעלבער נאכט
ווייגען קליינע קינדער
(זיעבען אדער אכט).
קאלט, א שרעק, אין צימער,
חאטש פערטרייבען הינט.
ס'איז נ טא אויף קוילען,
חאטש פארזעץ א קינד.
זייערע געזיכטער
פון טרערען זיינען רויט...
„גיב אונז" — שרייען אלע,
„גיב אונז, מאמע, ברויט!"...

ש. הורוויץ.

שמואל הורוויץ (א. ליטווין), — זשור־נאליסט און דיכטער. געבארען אין יאהר 1862 אין מינסק. זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט האט ש. הורוויץ אנגעהויבען מיט אייניגע ליעדער אין רוסיש. שפעטער האט ער אנגעהויבען אנטייל נעמען אין דער אידישער פרעסע מיט סקיצען, ליעדער און פארשיידענע פובליציסטישע און קריטישע ארטיקלען. פון זיינע געזאמעלטע שריפטען זיינען ארוים אין באזונדערע אויסגאבען „פון חדר'שען פנקס“, „אין דער נייער היים“, „פון ארבייט און נויט“ (ליעדער) „אין פאדריאד“ (פאעמא). ש. הורוויץ צייכענט זיך באזונדערס אוים מיט זיין פאלקסטימליכקייט. ארום 1913 איז ער צום צווייטען מאל געקומען אין אמעריקא וואו ער האט ארויסגעגעבען 3 בענדער פון זיינע שפעטערע געזאמעלטע שריפטען „מאמענטען און פערזאנען“, „נאטור און מענש“, „רעליגיאן און ערציהונג“. אויך דער ערשטער באנד פון זיינע „יודישע נשמות“ (פערלאג „פאלקס־בילדונג“ נו־יארק); איז אויך געווען דער ארויסגעבער פון דער מאנאטשריפט „ליטעראטור און לעבען“. ביבל. ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

זשאמעלע.

„דו וועסט זיין א גביר, מיין
זשאמעלע,
פלעגט מיר זינגען ביי מיין וויעגעלע
אלע נאכט אמאל די מאמעלע —
איך געדענק נאך היינט איהר ניג'עלע.

און מקוים איז געווארען מיר
די הבטחה פון מיין מאמעלע:
שווער צו קריגען אזא גרויסען גביר,
אזא נ'עושר ווי איהר זשאמעלע.

שלאפען, שלאף איך אויף א קערבעלע,
מאך „המוציא“ אויף א סקארינקע
און „לחים“ אויף א שערבעלע,
פול מיט ברונען־וואסער קלארינקע.

און די קינדערלעך און ס'ווייבעלע
נעהען אויסגעפוצט אנטיקעלע:
דורך אין אנטשקעס דאס לייבעלע
און פערגארטעלט מיט א שטריקעלע..

די זאקענמאכערקעס.

אוי, א קלוגע וועלט איז היינט,
מיידעלעך געווארען!
ניט וויא אין דער באבעס צייט,
אין דיא אלטע יאהרען.

קונציג ווערען היינט געמאכט
אלע פראסטע זאכען:
אויסגעקלעהרט מאשינדעלעך,
אוי, אין אלע פאכען.

לאז אראב דיא אויגעלעך,
אלטע באבע האדע!
דיינע ליעבע פרענטעלעך
זיינען שוין אוים מאדע.

קום אריין צום אייניקעל
דא אין מאסטערסקאיע:
גאר חדושים וועסטו זעהן, —
פרענטעלעך גאר נייע!

פאַרקען יעדע אויגעלע
דאַרף מען ניט בעזונדערט
גיעב א רוק א הין, א הער —
פארטיג ווערט א הונדערט.

אוי, א גביר צו זיין איז היינט
פראַסט א פערגעניגען
האָט ער א מאשינעדעלע,
קען ער שוין אלץ קריגען.

האָט ער א מאַשינדעלע,
אוי פון שטאַל און אייזען
וואָס דאָס הארץ געלוסט איהם נאַר,
קען ער שוין דערווייזען!

נור פיר אונז איז, שוועסטערקעס,
ניט געוואָרען גרינגער:
צו מיט די מאשינדעלעך,
צו מיט הוילע פינגער.

פון די נייע פרענטעלעך
קומט צו נייע שמערצען:
יעדער רוק און דרעה ביי אונז —
קלאַפּט זיך אָפּ אין הארצען.

ווי אין שטייג א פויגעלע,
איינגעשפּארט אין חדר,
צוגעשמיעדט צום ביינקעלע —
דרעהען מיר כסדר.

ווייסען ניט פון לופט און שיין,
תמיד איינגעבויגען:
גריבער אין די בעקעלאך,
פינסטער אין די אויגען.

הענטעלעך און פיסעלעך
ברענען אונז ווי פייער:
אוי, איהר שיינע זעקעלעך,
אוי, איהר קאָסט אונז טייער!..

די נייטערקעס.

אין א קליינעם שטיבעלע,
ביי א לאַנגען טיש,
זיצען דאָרטען מיידעלעך,
וויעגען מיט די פיס.

דרעהען די מאשינדעלעך
פון דער פריה ביז נאַכט,
און אזוי ווערט טוצענווייז
העמדעלעך געמאַכט.

העמדעלעך, איהר ווייסינקע,
זאָגט, וואָס זענט איהר נאַס?
מיידעלעך, איהר שעניגקע,
זאָגט, וואָס זענט איהר בלאַס?

העמדעלעך און מיידעלעך
רעדען נישט קיין וואָרט,
אויסער די מאשינדעלעך
הורזשען אימער פאָרט.

דושנע איז אין שטיבעלע,
אונטער'ן שטעדטעל באַלד,
לויפט א פרישעם וואַסערעל,
שטעהט א גרינער וואַלד.

און אין גרינעם וועלדעלע
שפּיעלט דער שעהנער מאַי,
בלאָזט א פרישעם ווינטעלע,
פליהט ארומ'עט פריי.

דאָרטען בליהען בלימעלעך,
בלומען אלערליי,
פליגעלעך פיעל גאָלדענע
שושקען זיך מיט זיי.

אין די צווייגען פויגעלעך
זינגען צוקער־זיס,
און דאָס פרישע וועסערעל
פּלעסקעט אונטער: ביס!

און דאָס קיהלע ווינטעלע
לויפט זיך פריי אַרום,
שפּיעלט זיך מיט'ן וואַסערעל,
שפּיעלט מיט יעדער בלום,

שטיפט מיט אַלע פויגעלעך,
פליגעלעך אין גראָז:
דעם אַ גלעט דאָס קעפּעלע
דעם גיט עס אַ בלאָז.

*

פלוצלונג ווערט דעם ווינטעלע
אומעטיג אין וואַלד
און אַהין צום שטיבעלע
לויפט עס אונטער באַלד,

גנב'עט זיך אין לעבעלע
שנעל אַריין פון לאַד,
רוימט איין יעדער מיידעלע
שטילערהייד אַ סוד:

מיידעלע דו בלייכינקע,
מיידעלע דו מיין!
טאָג און נאַכט דו האָרעוועסט,
האָרעוועסט אין פּיין;

טאָג און נאַכט אין קלעמעניש —
ווי ווערט דיר ניט מיאוס?
לאָז צורוה די הענטעלעך,
לאָז צורוה די פיס.

וואַרף אַוועק די העמדעלעך,
גיי פון דער מאַשין!
דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
קום מיט מיר אַהין...

דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
בליהט דער שענער מאַי,
שפּיעלט און לאַכט די זונעלע
ליעבליך און געטריי.

דאָרטען ועט דיין אויגעלע
שטראַהלען מיט אַ גלאַנ..

דיינע מאַטע פיסעלעך
הויבען זיך צום טאַנץ.

קום זשע, פיינע מיידעלע,
קומט מיט מיר ביינאַנד,
אין מיין שענעם קעניגרייך,
אין מיין שענעם לאַנד...

*

„ווינטעלע דו ליעבינקער,
ווינטעלע דו קלעק! —
ענטפערען די מיידעלעך: —
גייט פון אונז אַוועק!

לאָזען די מאַשינדעלעך
טאָרען מיר נישט, ניין,
און מיט דיר אין וועלדעלע
קאָנען מיר נישט גיין.

ניט פאַר אונז, אוי, נייטערקעס,
בליהט דער שענער מאַי,
נאָר אין אונזער לעצטער שעה
ווערען מיר ערשט פריי.

זעהסט דאָרט — אויפ'ן פּאָליצעלע
ליעגט פאַר אונז אַ באַרג,
און די בעל הבית'טעטשקע
שטעהט איבער'ן קאַרק.

גיי זשע דיר אין וועלדעלע,
גיי פון אונז אַוועק,
ווינטעלע דו ליעבענקער,
ווינטעלע דו קלעק".

און פערקלעמט און צאַרענדיג
לויפט אַרויס געשווינד,
דורכ'ן לאַך פון לעדעלע
זיפצענדיג דער ווינד.

דושנע ווערט אין שטיבעלע,
שטיל, מען הערט קיין וואָרט,
אויסער די מאַשינדעלעך
רוישען אימער דאָרט...

א. מ. שארקאנסקי.

אברהם מ. שארקאנסקי — דיכטער, געבארען אין יאהר 1862 אין קאוונא, געשטארבען אין 1905 אין נויארק. ארום 1887 האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האט פארעפענטליכט א רייהע ליעדער אין פארשיידענע זאמעלביכער און צייטשריפטען. שפעטער האט ער מיט פיליפ קראנץ רעדאגירט דעם מאנאטליכען זשורנאל „דער שטאט־אנצייגער“, מיט מארים ראזענפעלד א וויצבלאט „דער אשמדי“ און א דריימאנאטשריפט „דער פנקס“. א. מ. שארקאנסקי באלאנגט צו די שעהנסטע אידישע דיכטער פון די נײנציגער יאהרען. זיינע ליעדער זיינען געשריבען אין אווארימען פאלקסטימליך־הארציגען טאן. אויסער ליעדער האט ער אויך אנגעשריבען אייניגע טעאטערשטיקער וואס זיינען אויפגעפיהרט געווארען מיט ערפאלג. אין 1895 איז אין נויארק ערשינען א קליינע זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „יודישע נגונים“. אין 1911 איז ערשינען א פארגרעסערטע זאמלונג פון זיינע ליעדער מיט'ן נאמען „גלות־בילדער“. א. מ. שארקאנסקי איז איינער פון אונזערע אונגערעכט פארשוויגענע דיכטער און מיט זיין פריהצייטיגען טויט איז ער אויך אפגעשטארבען פאר דער ליטעראַרישער וועלט. ביבל. ל. וויענער, “Yiddish Literature” 120-121, 226-229; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

מיר חלום'ט.

מיר חלום'ט זיך אפט פון א ליעבע,
איך זעה איהר געשטארבען אין טרוים;
זי ליגט אַז א זייט אין א קבר,
און איבער איהר וויעגט זיך א בוים.

מיר חלום'ט זיך אפט פון מיין לעבען
איך זעה זיך אלליין אין מיין טרוים;
מיר שיינט אז מיין הארץ איז א קבר
און איך א געפאלענער בוים.

פערגעסען.

איך האב אמאל געליעבט צוויי אויגען —
וואו זיינען זיי,
די אויגען צוויי?
ס'איז פערפלויגען, ס'איז פערפלויגען.

איך האב אמאל א הארץ בעזעסען —
וואו און ווען
איז דאס געווען?
כ'האב פערגעסען, כ'האב פערגעסען.

שפּיעלט מיר אַ וויינענדיגם.

איהר קענט דאָך רב איד אזוי אינמיטהיג שפּיעלען,
איהר זיינט דאָך פון אללע כלי־זמרים דער גלאַנץ;
נו טאָמער וואָלט איהר מיין בקשה ערפיללען,
אַט נאַט אייך אַ דיטקע*) און שפּיעלט מיר אַ טאַנץ.

נאָר שפּיעלט מיר אַ ווייגענדיגם, ווי ביים געזעגנען,
איך האָב דאָס געהערט שוין אַ פּאָר מאָל פון אייך:
„ווער ווייסט אויב מיר וועלען אמאָל זיך בעגעגנען",
אזוי האָט די פיעדעלע אויסגעשפּיעלט רייך.

נאָך טרויריגער שפּיעלט מיר, איך וויל עפּעס הערען,
וואָס זאָל מיר אין איטליכען אבר צוגעהן;
טאַ שפּיעלט פון אַ כלה, וואָס האָט מיט די טרעהרען,
געמאכט ווייך דעם חתן׳ס מצבה פון שטיין!

דער קלעזמער, דער אַלטער, ער נעהמט שטיל די פיעדעל,
און ברומט זיך: „איך בין פון די קלעזמער דער גלאַנץ;
איך בין אַלט און אָרעם, מיין טרויריגסטע ליעדעל
הייסט „נאַ דיר אַ דיטקע און שפּיעל מיר אַ טאַנץ".

דער פערוואָגעלטער.

וווינט ביי אַ שטעדטעלע,
דאָרט איז מיין ערטעלע:
כ׳קען יעדען בוימעלע,
ליעב יעדען ערטעלע

אין יעדען גערטעלע,
ביי איטלאכם בוימעלע,
ליגט אַ פערלאָרענער
גילדערנער טרוימעלע.

נאָך בליהט דער בוימעלע,
נאָך גרינט דער גערטעלע:
איך דער פערוואָגעלטער,
זוך מיר אַן ערטעלע...

בר כוכבא.

דער לייב אין פעלד, ער מוז איהם ווייכען.
אין וואַלד דער טיגער — מיידט איהם אויס;
זיין אומה ליעבט ער אָהן אַ גלייכען
און ציון איז איהם הייליג גרויס.

---

*) אַ דיטקע איז אַ פּוילישע מטבע פון 3 קאָפּיקעס.

דעם פיינד'ס חילות וואָרפען שרעקען,
און ציון'ס טאָכטער טהוט עס וועה;
דעם לייב אין פעלד צי דאַרף מען וועקען?
בר כוכבא געהט, ער געהט צו זייא!

פאָראויס צום שלאַכט אין קריג'ס געטימעל,
מיט ציון'ס העלדען ציהט ער דאַנן;
עס שיינט ווי גאָלד די זונן אין הימעל,
נאָך שעהנער שיינט בר כוכבא'ס פאָהן.

דיא אַלטע נעכאָמע.

וואָס איז מיט דער אַלטער נעכאָמען?
וואָס פעהלט דער בעיאָהרענטער מאַמען?
זיא איז מיט דיא קינדערלאָך יעצט!
עס האָבען געבראַכט איהר צופיהרען
פון ליטאַ, דיא קינדער, דיא גביר'ן,
און האַלטען איהר דאָ הויכגעשעצט.

זיא איז דאָך מיט שמחה געפאָהרען,
זיא האָט דאָך געביינקט לאַנגע יאָהרען.
דיא זיהן מיט דיא איניקלאָך זעהן!
נו וואָס זשע קען פעהלען דער מאַמען,
וואָס איז מיט דיא קינדער צוזאַמען,
וואָס איז פאַר א בייז איהר געשעהן?

ווּיא קען זיין דיא מאַמע צופריעדען?
דיא זיהן איהרע זיינען קיין אידען,
מען הערט ניט א אידישען וואָרט!
מען וואוינט ניט מיט אידען צוזאַמען,
וויא קען עס דען שמעקען נעכאָמען,
וויא קען זיא גאָר איינזיצען דאָרט?

מען עפענט צומאָל ניט א סידור,
מען זינגט לויטער גוי'אישע ליעדער,
מען רעדט נאָר דיא גוי'אישע שפּראַך!
דיא איניקלאָך קענען קיין אלף,
עס שניידט איהר דאָס האַרץ מיט א חלף:
וויא קען זיא פערגעסען דאָס, אַך!

דיא איניקלאָך איהרע, דיא קלוגע,
זיי קוקען אויף איהר וויא משוגע
און שטילערהייד מאַכען זיי שפּאַס:
וואָס טויג זיי דיא אַלטינקע באָבע,
וואָס האָט נאָר אין זין עולם הבא,
וואָס טויג זיי דען איהר משוגעת?

און זיא, אונזער אַלטע נעכאָמע,
דיא טרייע, דיא צערטליכע מאַמע,
זיא זיצט אָפּט און וויינט אין דער שטיל;
זיא ביינקט נאָך אַמאָליגע יאָהרען.
חרטה האָט זיא אויף'ן פאָהרען,
און שטאַרבען איז דאָס וואָס זיא וויל.

דער שומר ביינאַכט.

א פּוילישער דערפעל... ביים וועג שטעהט א שענקיל,
דאָ וואוינט זיך דער אַלטער ישוב'ניק, ר' יענקיל,

איין איינציגער איד בייא א מחנה ערלים,
ער הארעוועט, פראצעוועט אויף אלע כלים.
דיא שטיקעל פרנסה קומט אז שווער און ביטער,
דער גוי צאפט דיא דמים, דא קאכט ער, דא בריהט ער,
און יענקיל מוז אלע זלזולים פערשוויינען,
זיין ווייב טאר זייא אויך א קרום פנים ניט צייגען.
אזוי איז בייא טאג, נאר ביי נאכט צוועלף אזייגער,
ווען סאשעק ליעגט אונטערן ט ש וויא א פגר,
און מיכאל זיין חבר, איז אויך שטארק בעזאפען,
הייסט יענקיל זיין ווייב און זיין מיידעל געהן שלאפען,
און ער געהט צום שאף, מאכט דעם תהלים'ל אפען.
ער קלינגט אז מיט „אשרי" אין מיטען דער נאכט.
ער זינגט און ער זאגט און ער זיפצט און ער טראכט.

בייא „תפלה לעני" גיט יענקיל א ציטער:
וואס טהוט מען, ד א צייט איז אין דארף אזוי ביטער!
ניטא מעהר קיין עהרליכער גוי אויף א רפואה,
מען טאהר זייא ניט גלויבען צומאל אויף א שבועה.
נאר רשעות אויף אידען, דאס קענען זייא ריידען!
וויא שעהן איז געוועזען דער דארף פאר מיין זיידען,
דער גוי פלעגט איהם ברייגנען פון קארען און פלאקסען,
זיין שפע איז איהם גאר אהן רעגען געוואקסען,
און פלעגט איהם א גוי אמאל זידלען און וואשען,
צו ברעכען דיא גלעזער, צו האקען דיא פלאשען,
פלעגט ער זיך דערנאך דאך אביסעל בעזינען,
און זאגען איהם „זשידעק, דוא קריעגסט צו פערדינען",
און געהן מיט איהם טאנצען אין מיטען דערינען...
דיא אלע זכרונות ווערט יעצט אין איהם פריש,
און גלייך גיט ר' יענקיל דעם תהלים א מיש.

„מן המצר קראתי"... און יענקיל טראכט ווייטער:
דער היינטיגער דור איז דורכאוים א פערשייטער,
פאר צווייא וואכען קומט דא א איד אנצופאהרען,
אהן בארד און אהן פאות, אין גאנצען פערשארען,
איך טענה צו איהם און דערצעהל איהם דיא ליידען,
איך הער פון איהם רייד, וויא א גוי וואלט עס ריידען!
„רעכט אויף אייך, זאגט ער, רעכט אויף אייך אלעס,
איהר שטעלט מיט דיא שענקען דיא גוים בדלות,
מיין ארעמער שכל קען דאס ניט בענעהמען,
מיר גנב'ענען דען, צו מיר רויבען פון וועמען?
פערמעגען זאל איך וואס זייא זיינען מיר שולדיג,
זייא זידלען, זייא שלאגען, און איך בין געדולדיג,
בין דאר וויא א שפאן און דער גוי וויא א בול דיק;

נו קומט נאָך א איד און ער גיט זייא נאָך רעכט,
„כל גוים סבבוני...“ אי טאַטע, ס'איז שלעכט!

„אהללה ה' בחיי“... קלינגט זיין שטימע גאנץ ליעבליך,
ער קוקט דורכ'ן פענסטער אויף די גויעשע שטיבלעך,
דער גאנצער דארף שלאָפט, עס וואכט נאָר ער איינער,
ר' יענקיל נעהמט פיהלען א קעלט אין דיא ביינער.
זיין הארץ ווערט אין איהם וויא א בוימעל צוגאָסען:
אי טאַטע, שיק צו פאר מיין מיידעל א חתן!
איך בין שוין א איד, גאָט צו דאנקען, בעיארענט,
און האָב נאָך מיין איינציגע קינד ניט בעווארענט,
איהר חתונה מאכען וואָלט איך אזוי וועלען,
און ווייטער זאָל זיין שוין וויא גאָט וועט געפעלען.
„אי הנה לא ינום“... דוא טאַטע געטרייער!
ר' יענקיל ער שטעהט יעצט און היט בייא זיין שייער,
א גוי האָט געסטראשעט אין דרויסען בייא נאכט,
מיט'ן תהילים אין האנד שטעהט ר' יענקיל און וואכט.

דער חסיד מיט'ן רבי'ן.

א חסיד האָט געפרעגט דעם רבי'ן:
„אָי, רבינ'יו, וואי מיר, וואי!
נו זאָגט מיר דעם תכלית פון לעבען,
און וואָס דאָס איז גאָר כדאי?“
דער רבי — ער איז נאָך פאר קידוש,
און איז זיך מסדר דער וויל,
ער קוקט אויפ'ן חסיד דער וויל,
ער קוקט אויפ'ן חסיד מיט חידוש,
און זינגט מיט דיא געסט „אשת
חיל“.

דער רבי האָט זיך שוין געוואשען,
און זיצט מיט דיא חסידים ביים טיש,
מען גיסט אָן דעם וויין פון דיא
פלאַשען,
מען טרינקט און מען עסט שוין דיא
פיש,
דער חסיד פרעגט ווידער בנעימות:
„נו, רבי'ניו, ענטפערט מיר, זעהט!“
דער רבי הייסט געבען דעם צימעס,
און גיט זיך דיא באָרד שטיל א גלעט.

עס איז שוין אריבער דאָס עסען,
און שטיל איז דער „זמירות“ געזאַנג;
דער חסיד האָט זיך ניט פערגעסען,
ער פרעגט און דאָס הארץ טהוט
איהם באנג:
„נו זאָגט מיר דעם תכלית פון מענשען
א ענטפער מיר איידער ס'ווערט
שפעט!“
דער רבי—ער ענדיגט יעצט בענשען,
און הייסט דיא ווייב מאכען דיא בעט.

דער חסיד האָט גאָר ניט פערשטאַנען,
פון הייליגען רב'ן דעם מיין,
ער זאָגט אז ער געהט ניט פון דאַנען,
ביז ער וועט דעם תכלית פערשטעהן.
דער רבי האָט זיך צוגעבויגען,
און רוימט איין דעם חסיד בסוד:
„מיר שליעסען זיך יעצט מיינע
אויגען,
עס שלעפערט מיר שטארק נאָכ'ן
באָד“.

וואָס איז אַ איד.

אַ בעטלער, אַ שררה,
אַ וואָרים, אַ ריעז;
אַן אלטע הושענא,
אַ שטעכענדער שפּיעז;
אַ בלום און אַ דאָרען,
אַ בראַנד אַ שטיק אייז;
אַט דאָס איז געוואָרען,
ישראל דער גרייז.

אַ שטענדיגער חולה,
און שטאַרבט ניט אויף טוידט;
מסחרים גאַנץ וואוילע,
און האָט ניט אויף ברויט,
אַ גרייליכער קענער,
און ווערט קיינמאָל גרויס;
ער מאַכט שאַרפע פּלענער
און פיהרט זיי ניט אויס.

אַ שטאַרקער, אַ שוואַכער,
אַ טרום און אַ העלד;
ביים עמוד אַ מאַכער,
אַ גאָר נישט אין פעלד;
אַ נדבן, אַ שנאָרער,
דאָ פריש און דאָ מיעד,
דאָ האָניג, דאָ מרור,
אזוי איז דער איד.

ער גלוסט פּאַלעסטינאַ
און זיצט אין דער היים;
ער האָפט צו דער שכינה,
און גלויבט אין בעל שם.
ערשט תשעה באב קלאָגט ער,
און גלייך איז „נחמו“;
אַ פּאַק צרות טראָגט ער,
און טאַנצט זיך נאָך צו...



לינגוויסטישע
און ביבליאָגראפישע באמערקונגען.

ווערטער-בוך.

לינגוויסטישע און
ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען:

(צו די לידער פון בוך א.)

פון ב. באָראָכאָוו.

ר׳ זעלמעלין׳ס שבת־ליד. ז. 8.

(איבערזעצונג)

סטרונען־מוזיק אַזן איטליכע לוסט, — וועלכע קעניג דוד האָט קיינמאָל ניט געוואוסט — און אַנדערע נביאים מעהר — ווי אויך אַנדערע, וועמען דאָס אַלעס ווערט ענטפּלעקט — און ווער עס דערפילט דעם גרונד פון זיין הארץ — זיין (גאָטס) נבואה און תורה, — (דאָס אַלעס) וואָלט ער דאָך ניט קאָנען דערצעהלען. — גאָטס לויב און אַלע זיינע וואונדער, — וועלכע זיינען פריהער געשעהען און געשעהען נאָך — (פאַר) די, וועמען ער האָט אויסגעקליבען באַזונדער (ד. ה. פאַר דעם אתה־בחרתנו־פאָלק, די אידען). — זיבציג פאַרשוין זיינען זיי געקומען אין עגיפּטען, — (דער נאָך) האָט דער קיניג פּרעה פאַרגעסען יוסף׳ן (פּרגל. שמות א, 8: ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף) — און ער האָט געפּייניגט דעם זאָמען פון יוסף׳ס קינדער.

ערנסטליך האָבען זיי דאָ גערופען צו גאָט; — ער האָט געזעהען זייער נויט, זיי זיינען צו איהם צוגעטראָטען (צוגעשטאַנען). — זייערע ליידען האָבען גענומען אַ סוף — ווי ער האָט פאַרשפּראָכען צו אברהמ׳ען: — (אין) 400 יאָר, ווי עס שטעהט אין פּסוק — וועל איך זיי פון דאַנען אומקערען. — דאָס איז געשעהען (וכך הווא), פּרעה איז פאַר־זונקען — אין דעם מויל פון׳ם ים. — דאָס איז געוועזען דער לויז און אויך דער דאַנק — פאַר די שווערע האַרטע זינד — וועלכע זיי (די עגיפּטיער) האָבען באַגאַנגען געגען זייערע אָרימע קנעכט. — גאָט האָט דערלייזט זיינע ליבע קינדער — און געגעבען זיי דאָס געזעץ, וועלכעס זיי האָבען גערן אָנגענומען.

אַ ליבליכע מאָרגענגאָב צו דער האַנט — איז געשיקט געוואָרען צו דער ליבער כלה: — שבת איז געוועזען דער געשאַנק (אַ רמז אויף דער אַלעגאָריע, וועלכע שטעלט פאָר דעם מתן תורה, ווי אַ מתנה פון גאָט צו זיין כלה, דעם פאָלק ישראל). — מיט הימלישען ברויט (ד״ה מיט מן) שפּייזט ער זיי דאָ (אין מדבר) — און גרייט פאַר זיי צו דאָ אויף דער ערד וואַכטלען (פּערעפּיאָלקעס; אַ רמז אויף דער דערצעהלונג, אין שמות ט״ז 13, במדבר י״א 31, אַז גאָט האָט אַראָפּגעשיקט פאַר די אידען אַ מחנה „שלוים" — פּערעפּיאָלקעס — אָזוינע פּעטע פויגלען). — לכבוד דעם הייליגען שבת — הילכט ער אויף זיינע הימלען — (אַז) מע זאָל ניט מישען צוזאַמען, — פרייטאָג זאָלען זיי צווייפאַך זיין (מסתמא, אַ רמז אויף דער דערצעהלונג, שמות ט״ז 5, אַז פרייטאָג האָט גאָט געשיקט פון הימעל צוויי מאָל אָזוי פיעל שפּייז, ווי אַלע טאָג, כדי מע זאָל ניט דאַרפען זאַמלען שבת; דערפון נעמט זיך, לויט דער לעגענדע, דער מנהג צו לייגען צוויי חלות אויפ׳ן טיש פרייטאָג און שבת), — פיעל אָדער ווייניג, ווי זיי זיינען נעקומען (פּרגל, וילקטו המרבה והממעיט — שמות ט״ז 17). — אָזוי זאָל איך אויך אין מיין הויז זיך פיהרען: — צוויי גאַנצע ברויטען זאָל איך מיר אַרויפלייגען, — איבער זיי זאָג איך מיין ברכה.

מנחם אַלדענדאָרף. ז. 10.

נ ו׳ ז ו ע ל, ד ש ד י ע ש נ י ד א נ ט נ ע ל ט, ד י ט ו ר י כ ט ד י ו ו ע ל ט — זאָל גאָט נעבען, אַז איהר, דער נאַרישער וועלט, זאָל עס ניט פאַרגעבען ווערן. א י ר נ ד נ ק ן ד א ד י ט י ט א ו ם נ י ן — איהרע גע־דאַנקען טום וועלכע זי (ד. ה. די וועלט) געהט אַרום. נ י ד ר א ו נ׳ ה ו ך... — סיי נידעריג סיי הויך, (אַלע) אין דער וועלט האָבען אַז איילעניש, אַ יאָגעניש און שלאָגע־ניש, נאָך דער פּרנסה, דאָס ווערט איהר געוואָהר אַלע טאָג. פ פ א ז א ו נ׳ ד י ל י י ן — גלחים און וועלטליכע מענשען. ד א ל א ז ן ז י נ י ט פ א ז — פון דעם לאָזען זיי ניט אָפּ. צ ו ז א ם ל ן נ ע ל ט... — אום צו זאַמלען געלט האַלטען זיי זיך ניט אָפּ צו מאַכען אַ קריעגעריי, צו וואָגען איטליכע עקשנות, וואו נאָר זיי זייער מאַכט געפינען.

נ ע ל ט ד ש ע ר ש ט ב ל ו ט — (באַדאַרף מען, וואַהרשיינליך, לייענען, ניט „געלט דאָס ערשט בלוט", נאָר „געלט ד ע ם ערשט ב ע ל ו ט", און אויב אָזוי, דאַרף מען דעם פערז פאַרטייטשען אָזוי:) פון געלט לאָזט זיך הערען קודם כל, אָדער ראשית חכמה איז געלט (ז׳ אין ווערטערבוך „ב י ל ו ט ן"). נ א ך א י ם

פינדליך... — צוליעב איהם (דעם געלט) שאפט מען שנאה־קנאה, א טויטען הונט וואלט מען אפגעשונדען צוליעב איהם. איין הארטעס לעבן... — א הארטעס לעבן געבען זיי אויף, אויף דעם, (ד. ה. אויף א לייכטעס לעבען) זיינען זיי זשעדנע (?). זיינט זי געשן קאן מען לייענען אויף צוויי אופנים:
1. זיינען זיי געזען, ד. ה. גארען (אבוואהל געזען ווערט געברויכט אין מיטלהויכדייטש ניט אין דער בילדליכער, נאר אין דער בוכשטעבליכער באטייטונג וועגען דער גארונג פון ווייז און אנדערע פליסיגקייטען), אדער 2 זיינען זיי געססען, ד. ה. זשעדנע (דאס צווייטע איז מעהר קרוב לאמת, ווייל עס גראמט זיך ווייטער מיט עססען און פערגעססען). דש איזט איין בייז טויט... — דאס איז א מיתה משונה, וואס מע לאזט זיך ניט באנוגענען (מיט) דעם געלט לויט דער לאגע, (נאר) ליבערשט ווילט זיך זיי עסען קאנפעקטען. זיי מאכען געלט אויף א פארברעכערישען אופן פון טויט און לעבעדיג (?). צו פילט אונ' ויכט — ז' ווערטערבורך „פילט". וואש זאל — וואס נוצט? צו דר ערדן דאמן פון אישט גינומן — צו דער ערד, פון וועלכער מען איז גענומען. איז דער וועלט דא מיר היין קומן... — אין דער וועלט, איז וועלכער מיר געהען אוועק, און פאר דעם וועלכער האט אלצדינג אין זיין רשות. אום וואש איינר האט גיזונט האלט, נייע אונ' אלט — מיט וואס איינער האט זיך גראד פארזינדיגט, נייע און אלטע (חטאים). זיך לאנג בינרזט אונ' בזאכט — זיך לאנג אנגעפאשעט און אנגעקליבן. גאטעש ניט גיאכט — ניט געזארגט וועגען גאט.

זלמן סופר. ז. 12.

מעגליך, אז זלמן סופר און זעלמעלין זיינען איין פערזאן.

דאס טעמא „וועטשטרייט צווישען ווייז און וואסער" איז זעהר אלט און באגעגענט זיך ביי א סך העברעאישע און אידישע דיכטער פון מיטעלאלטער (פראפ. נ. סלושץ איז געווען אזוי פריינדליך מיר מיטצוטיילען, אז דאס סאמע פאפולערע פון אט דעם מין לידער איז געווען אברהם בן עזרא'ס „ריב בין המים והיין").

זלמן סופר'ס ליד איז אן „אקראסטיך", ווייל די ערשטע אותיות פון יעדער סטראפע בילדען דא זיין נאמען: ז—ל—מ—ן—ס—ו—פ—ר.

זאהן דעם ווייזבין... — דער זון פון ווייטרויב רופט מען מיך. איך בין גיוועזן... — איך בין צוגענגליך דעם ארימען, ווי דעם רייכען. צו דר פרויען ברויטען — צום חתונה מאכען פרויען. דו קאנסט זיך פור מיר ניט גירעגן — דו קאנסט זיך פאר מיר ניט ארויס־רוקען, אניף מיר הויבט מען אן צו בענשען.

ז. 13. העטשט דו וואויל בארמיטן — האסט דו זיכער געזאלט פארמיידן. דו האשט אונש איינן מן פערזונד... — דו האסט אונז א (גרויסען) מאן פארזינדיגט, משה'ן גאטס קנעכט (א רמז אויף דער דערצעהלונג אין דברים ל'ב 51 פרגל. שמות י'ז און במדבר כ' 1—13, אז משה רבינו איז געשטארבען אין מדבר אלס שטראף פאר זיין ניט פאלגען גאטס באפעהל מכח דעם וואסער אין מדבר צין). קושן דען טאט קאן מען פארשטעהן אויף צוויי אופנים: אדער — קושען דעם טויט (וואס זאל זיין א רמז אויף דער לעגענדע פון דער אגדתא און מדרש, אז משה רבינו איז געשטארבען דורך א קוש פון גאט, „מיתת נשיקה"), אדער, פיעל איינפאכער, זאל דא זיין פארגרייזט קושן אנשטאט קושטן (לייענט: קאסטען), ד. ה. — פארזוכען דעם טויט, דערקענען דעם טויט. וואש טושט דו דיין רעד אהן באהאלטן — וואס רעדסט דו אהן אויפהער. מיין וואשר וואורדן געשפאלטן — (קריעת ים סוף). טרוקנש פוש — מיט טרוקענעם פוס. צוויי פירטל (ל' פירטייל). „פט.זא,

שמואל הורלן. ת. 14.

אין דעם סאטירישען ליד רעדט זיך וועגען דעם ווירפל־שפיעל (אין שטיינדלאך אדער ביינדלאך), וועלכעס איז געווען אין מיטעלאלטער און אין אנהויב פון דער נייער צייט שטארק פארשפרייט צווישען קריסטען און אידען, אלס האזארד־שפיעל (שפעטער האבען די קארטען פארנומען זיין ארט). אויף די ביינדלאך זיינען אויסגעקריצט „אויגען" אין באשטימטע צאהלען, און לויט ווי עס פלעגט פאלען די צאהל „אויגען" ביים ווארפען, האט זיך נאך דעם געווענדט דער ערפאלג פונ'ם שפיעלער. דערביי פלעגט מען טרייבען א סך שווינדעל, און מענשען פלעגען רואינירט ווערען דורך דעם „ווירפעל", ווי היינט דורך קארטען.

מיך האבן איר... — דריי פון זייער חברה האבען מיך בארויבט; אויב איהר גלויבט עס מיר ניט, טא זאל עס מיר באשטעטיגען דער פערטער, וועלכער האט עס פון מיר אוועקגעטראגען. הגם עס איז ניט געווען מיין געוועהנליכער וועג... זא רעכט קליין — זייענדיג אזוי גאנץ קליין. וואופן איבר... — וועה געשריען איבער דיר! אונ' אך, דש נירגן קיין פארבורגן וואך... — און אך! אז קיין שטרענגע פעסטונגס־וואך קאן פאר דיר אין ערגעץ ניט בלייבען (קאן פון דיר ניט אויסהיטען)!

ז. 15. איך מוש מיך דיינר דר וורן — איך מוז זיך

געגען דיר שיצען, אויסהיטען פון דיר. די מענכן איז טויט האבן געוואונד — וועלכע (די זינד פון׳ם שפיעל) האבען מאנכע מענשען געטריבען (געוועגדעט), אדער פארוואונדעט צום טויט. ער זיי גוט אדער בייז גינכט — ער מעג זיך רופען גוט אדער בייז (ד. ה. סיי א גוטען סיי א שלעכטען — שאנעווען זיי ניט). אך ידש זי מישן... — אך מוזען זיי (די זינד פון שפיעל) געמאכט ווערען צו שאנד, ווייל וועה, ווי ביטער זיי צאהלען זיך! טורשט איך זאגן — איך וואלט געמעגט דרייסט זאגען. לידיג און פריי אן געלט .... — אויסגעליידיגט און פריי פונ׳ם געלט און אויך פונ׳ם פארמעגען. די קרייז מוש איך געלטן... — איך מוז צאהלען (ליידען) פאר די פעהלער, און דורך דעם ווער איך געזעהען אין ארימקייט (ד. ה. מע זעהט מיין דלות); ווען איך רעד זיך איין, אז זיי (ד. ה. די געפעהרליכע צאהלען) בלייבען אנדערש־וואו, ערשט זיי זייגען גרייט פאר מיר דא, און איך ווער גרייז און גרוי, ווי אן אלטער מאן. זי זייגט ווער אנדערש־וואו (איז ניט גאנץ קלאר, וואס מיינט דא דאס ווארט ווער: אפשר איז דאס פון ווערן, ד. ה. בלייבן?) אך ווירפל דש גניש איך דיין — אך, ווירפל, דאס גענים איך פון דיר.

ז. 16. איי איך ווייש — איידער איך וויים. פאר שאנדן מוש איך... — פאר שאנדע מוז איך אפליידיגען דעם פלאץ, פאר די 14 הערן, וועלכע שטעהען דא. געגען די זיבען אומגליקליכע האב איך זיבען אדער פערצעהן. מיר העלפט ניט מיין בעטען און ניט מיין וויינען; נאר ווינציג דערבארעמען זיי זיך איבער מיר, זיי האפען זיי וועלען נאך מעהר געווינען, ווען נאר עס זאל אויספאלען א גוטער שאנס. און גלויבענדיג צו געווינען האב און גוטס, האט ער עס אזוי פארלארען אויף א העלפט. אויב ער האט זיך ניט געניט אין דעם שפיל און ער קען ניט די זייטען פונ׳ם ביינדעל... — מיט לאנגן און׳ מיט קורצן (רעדענסארט) — מיט אלע מיטלען, מיט כל המעגליכקייטען. זי האבן אויגן און׳ זיינד דאך בלינד — (דאס איז אן איבערזעצונג פונ׳ם באקאנטען פסוק „עינים להם ולא יראו“, נאר דערביי מיט א ווארטשפיל, ווייל „אויגען“ הייסען די שווארצע לעכלאך אויף ןעם ווירפעל).

ז. 17. איר מאהר מישן ווערדן אז זי זינד — זייערע מאכער מוזען ווערען אזוי ווי זיי אליין — (ד. ה. די מאכער פון די ווירפלען מוזען אויך ווערען בלינד, הגם זיי האבען אויגען). און׳ אלדער זיך איר אונטרווינד — און איטליכער וואס פארנעהמט זיך מיט זיי, וואס גיט זיך אפ מיט זיי. פיל שיר געהט׳ אים אן זיינם באלג — זעהר אין גיכען שטעהט פאר איהם אין קאן זיין הויט, וועלכע וואלט דאך געוואלט לעבען. ווען די אלטן שפריכווארט... — גלויב די (פאלגענדע) אלטע שפריכווער־טער, וועלכע נארען זעלטען אפ: 1.שפיל שטיל און וואך הויך; 2. צו איינעמס טויט ווערט ביי לייטען אן איילעניש, זיי לויפען איהם (ד. ה. דעם מת, דעם ארון) פאראויס און נאך, ווי פאר א (לעבעדיגען) שררה.

ז. 18. ער שפיל ערליך אדר ניכט — ווי ער זאל ניט שפילען, ערליך אדער ניט. אלש גאר איין וויכט — אלץ איינס (אלץ גאר איין בריאה). גצויקעש — (פארגרייזט פון גצויגניש) דאס עדות־זאגען.

ז. 19. ווירפל פון מיר זיי דיר ווידר־זייד — וויר־פעל, זאל עס דיר זיין פון מיר געזאגט אנקעגען. איך וויל מיך בארבש ביקערן געגצליך אין גאטש הוט — איך וויל זיך בארוויסערהייט באקערען אינגאנצען אין גאטס השגחה (בארוויס איז געווען ביי די קריסטען אין מיטעל־אלטער דער שטארקסטער סימן פון רעליגיעזער הכנעה און פון תשובה־טאן). בארבש קאן אבער אויך הייסען פירבאס, ד. ה. אויף ווייטער וועל איך זיך אינגאנצען אומקע־רען אין גאטס השגחה).

בכלל איז כמעט קיין ספק ניט, אז דאס גאנצע ליד „איבער דאס שפיעלען“ איז ניט קיין אידישעס, נאר פשוט איבערגעשריבען פון דייטש, ווייל אינ׳ם גאנצען ליד איז קיין סימן פון אידישקייט ניטא, קיין איין העברעאיש ווארט און איז פול מיט קריסטליכען גייסט פון מיטעלאלטער.

בבא־בוך פון אליהו לעוויטא (בחור). ז. 20.

דאס „בבא בוך (לייענט: באווא־בוך) איז אן איבערזעצונג פונ׳ם איטאליענישען וואריאנט פון אן אינטערנאציאנאלער לעגענדע, וועלכע האט וואריאנטען ביי פארשיידענע פעלקער, צ. ב. אין רוסיש די באקאנטע מעשה פון „באווא קאראלעוויטש“, ד. ה. באווא דער פרינץ, אין ענגליש דער אמאל זעהר פאפולערער ראמאן „סער בעווים אף סמוטה־העמפ־טאן“. נאר די סאמע ערשטע באקאנטע ווערסיע פון דער דאזיגער לעגענדע איז די אלט־גריכישע געשיכטע פונ׳ם קיסר אגאמעמנאן, וועלכער איז גע׳הרג׳עט געווארען דורך אן אינטריגע פון זיין פרוי קליטעמנעסטרא פון איהר געליבטען עגיסטהאס, און דערנאך האט אגאמעמנאנס און קליטעמנעסטראס זון ארעסטעס גענומען נקמה פון זיין מוטער און איהר צווייטען מאן. אויסער אט דעם אוראלטען גרונד־קערן פון „בבא־בוך“ פלעכטען זיך דארט אדורך אויך אנדערע אלטע לעגענדען, צום ביישפיל די דערצעהלונג פון א קיסר, וועלכער נעמט אויף דער עלטער א יונג מיידעל, כדי צו דערווארימען זיין פרירענדיגען לייב (אזא לעגענדע איז פאראן אויך אין תנ״ך וועגען דוד המלך, מלכים א א׳).

אזוי ווי דאס „בבא־בוך“ איז פארפאסט געווארן אין איטאליען, באגעגענען זיך אין

איהם אפט איטאליענישע ווערטער. דער אויסצוג איז, ווירקליך, פון דער אויסגאבע אין אמסטערדאם פון 1661 יאר.

ז. 21. אירגנט נאך איינר יונגי ווארמי הירן — נאך וועלכער ניט איז יונגער ווארימער דאמע. וואול איז ווער ער לענגר אליין גילעגן — הלואי וואלט ער לענגער אליין געלעגן! (ווייל פון דער מיידעל איז איהם שפעטער געקומען א גרויסער אומגליק.)

ז. 22. זי ווערמט אין מיט גוטן מורן, איך קאן איך ניט מין גיזאגן, דעם שימפפא בראך אויש דען בורן — ? (די גאנצע שטעלע איז שטארק פארגרייזט:) זי ווארימט איהם מיט גוטע צערטליכקייטען (? מיט גוטען באנעמען זיך?), איך קאן אייך מעהר ניט דערצעהלען, דער ליבע־שפיעל האט אפגעבראכען דעם רונז (?). קיין פעשטר שלום וואר ניא גיזעהן — קיין פעסטערער שלאם איז קיינמאל ניט געזעהען געווארען. דינן הילט דער הערצוג וואש ער הט איינגן — דארט האט דער הערצאג געהאלטען וואס ער האט געהאט אייגענם. זיינש ליבן — מיט זיין קערפער (לויט'ן קערפער נאך). דאטרוגער שטעטש צווין דרייא אין הארן — (די שטעלע איז, גיכער פאר אלץ, פארגרייזט. נאר טאמער איז זי ריכטיג, קאן זי האבען צוויי באטייטונגען:) און ער האט שטענדיג געטראגען צוויי־דריי (מענשען פאר די האר? אדער: אייגהארנס, אזוינע לעגענדארע הירשען). גאר ווילד ולוך אים זיין הירן — גאר ווילד האט איהם געזידעלט זיין באלעבאסטע (סיגיבאלדס ווייב).

ז. 23. דו הושט מיך וועלן ניטן — דו האסט מיך געוואלט פארגוואלטיגען. הייש אים נייארט געבן דורט דיא קוצליין — היים איהם נאר געבען דארט די (דיקע ווארימע) קאלדרעס (א סארקאסטישער רמז אויף דעם, אז דעם אלטען הערצאג איז כסדר קאלט און ער מוז זיך צודעקען מיט קאלדרעס אפילו אויף דער יאגד). זא וויל איך דען זער שרייאן אונ' וויינן ווער איך נייארט קענן פור גרושם לאכן — דאן וועל איך אבער זעהר שרייען און וויינען, אויב איך וועל עס נאר קאנען פאר גרויסען געלעכטער (ווייל זי וועט דאך מוזען דערשטיקען איהר פרייד).

ז. 24. קאם קען מגנצן — איז געקומען קיין מאגאנצא. ער הוט שלעכט וואר דש וואורד איך בינדן — ער איז גאנץ גערעכט, איך וועל עס אויסגעפינען (בינדן — לייענט: פינדען). צוך הין גאר דרוט — ציה, פאהר אהין גאר אייליג.

ז. 25. דאש זיא נון דוכט צייט דער זכן — און ווי עס דאכט זיך איהר, אז עס איז די צייט פאר דער זאך. דא פור ער פלוקש אויף זיינם בימן — דאן איז ער איילינג צוגעלאפען צו זיין משרת.

ז. 26. וואר דער זעהן — האט דערזעהען. וואר זיא אין וואל קענן — האט זי איהם גוט דערקענט. צו שטיקן הויאן — צעהאקען אויף שטיקער.

דש זעלביג יאר דש מן צילט צווייא הונדרט אונ' זעכציג זיבן — 1507 יאר לויט דער קריסטליכער רעכענונג.

א ליבע־ליד.

מיכן — מיך עס. בינגן — בין עס. איין ציונט — אנגעצונדען. קאינן — קען עס. שפעהן — שפירן.

דיכטער אונבאקאנט. דאס שמואל־בוך.

דאס „שמואל־בוך" איז די קלאסישע פאעמע פון 16־טען און 17־טען יארהונדערט. עס איז זעהר אפט איבערגעדרוקט געווארען (באקאנט זיינען: די ערשטע אויסגאבע אין אויגסבורג אין 1544־טען יאר; אין מאנטוא אין 1562 יאר (?), אין קראקוי 1593, אין פראג 1609 און אין באזעל 1612). אויסערדעם איז דאס בוך פיעל געגאנגען אין איבערגעשריבענע עקזעמפלארען — (צו אונז זיינען דערגאנגען צוויי אזוינע כתב־יד'ן — אין דער האמבורגער שטאט־ביבליאטעק און אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק אין פאריז). די אויסצוגען, וואס מיר ברענגען דא, זיינען גענומען פון דער ערשטער אויגסבורגער אויסגאבע און פון דעם האמבורגער כתב־יד. א סך אנדערע איבערזעצונגען פון תנ"ך זיינען נאכגעמאכט געווארען דעם „שמואל־בוך", און געגראמט „בנגון שמואל־בוך". דער דאזיגער „נגון" רופט זיך אנדערש אויך „אכט געזעץ", ד. ה. א סטראפע פון אכט פערזען, און יעדער פערז באשטעהט פון דריי־פיער פוס (על פי רוב יאמבען, אדער אמפיבראכיען, זעל־טען ווען טראכעען און דאקטילען). דער „נגון" איז אבער ווייט ניט אויסגעהאלטען. דאס „ריימען אין אכט געזעץ" האבען די אידען גענומען פון דער דייטשער פאעזיע, ספעציעל פו דעם „ניבעלונגען־ליד", און ער שטאמט ביי אידען, ווארשיינליך, פונ'ם 14־טען אדער 15־טען יארהונדערט.

דאס „שמואל־בוך" געהערט צו די גרויסע אנאנימע קלאסישע ווערק פון דער אלט־אידישער ליטעראטור, אזוי ווי דער „ספר מידות" און דאס „מעשה־בוך", וועלכע זיינען פארפאסט אין פראזא. פון די אלע ביכער זיינען ניט באקאנט סיי זייערע מחברים, סיי די צייט און ארט פון זייער פארפאסונג. גלייך ווי די אנגערופענע צוויי אנאנימע ווערק, איז אויך דאס „שמואל־בוך" איבערגעזעצט געווארען פון קריסטען. די ערשטע אריגינאלען פון די אלע דריי ווערק זיינען אבער פארלארען

געגאנגענ, און די קאפיעס, וואס זיינען צו אונז דערגאנגענ, סיי די געשריבענע, סיי די געדרוקטע, זיינען פארגרייזט און שטארק פארענדערט בכלל.

דאס „ש מ ו א ל־ ב ו ך“ איז אן א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג, א י ן ג ר א מ ע ן, פ ו ן ש מ ו א ל א׳ א ו ן ש מ ו א ל ב׳, נאר ווייט ניט קיין ווארט־געטרייע איבערזעצונג. דער מחבר האט אריינגעפלאכטען א סך הוספות פון דער אגדתא און מדרש, ווי אויך זיינע אייגענע סברות.

א סך פארשער האבען געפרובט אויסצוגעפינען דעם מחבר פון דער מערקווירדיגער פאעמע, נאר די פראגע איז היינט־צו־טאג פונקט אזוי טונקעל, ווי זי איז געווען איידער דער דייטשער פילאלאג ה ע ר מ א ן ל א ט צ ע האט זיך, כמעט דער ערשטער, פאר־אינטערעסירט מיט דעם אין 1869 יאר. ביבליאגר.: יאה. קר. ו ו א ל ף, ביבליאטעקא העברעא ב. 4 ז. 201. מ. ש ט י י נ ש נ י י ד ע ר, איבער די פאלקסליטעראטור דער יודען, אין ר. גאשע׳ס „ארכיוו פיר ליטעראטור־געשיכטע“ ב. 2, 1872. ה. ל א ט צ ע, צור יודיש־דייטשען ליטעראטור, — אין דעמזעלביגען „ארכיוו“ ב. 1, 1870. פר. צ א ר נ־ ק ע, ביבליאגראפישע נאטיץ אין „ליטערארישעם צענטראלבלאט“ 1869, ז. 1298. פר. צ א ר נ ק ע, דעם פוילום עמיליום ראמאנוס איבערזעצונג דער ביכער סאמועלס, אין די „בעריכטען“ פון דער קעניגל. געזעלשאפט דער וויסענשאפטען אין לייפציג, פילאז.־היסטאר. קלאסע 1870. ריכ. ג א ש ע, זענדשרייבען אז הערן פראפ. ריכ. צארנקע איבער איינען געטויפטען יודען פוילום עמיליום ראמאנוס 1872. מאקס ג ר י ו נ ב ו י ם, יודיש־דייטשע קרעסטאמאטיע, 1882, ז. 12—18 און 319; יאז. פ ע ר ל ע ס, בייטרעגע צור געשיכטע דער העברעישען אונד אראמעישען שטודיען, 1884, ז. 169—173. אד. ק א־ ה ו ט, געשיכטע דער דייטשען יודען, ז. 485. גוסט. ק א ר פ ע ל ע ס, ליטטע פאן רעגענסבורג, אין „פעסטשריפט צום זיעבציגסטען געבורטסטאגע א. בערלינערס“ 1903. פע־ליקס פ א ל ק, מעלאנזש ביבליאגראפיק סיור לעי ליוור דע סאמיועל אן סטראף דעי ניבעלונגען 1909. (פראנצ. דאסזעלביגע איבערגעזעצט אין דייטש אין די „מיטטיילונגען פיר די יודישע פאלקסקונדע“ 1908). אלעזר ש ו ל מ א ן, שפת יהודית־אשכנזית וספרותה (1903 און) 1913, צד 17־19. ז. ר י י ז ע ן „לעקסיקאן“, די ארטיקלען „יוסף בן יקר“, „מיכלבאך“, „עמיליום פוילוס“, „שווארץ, חיים“ און „אנאנימע תנ׳ך־איבער־זעצונגען“.

די פאלגענדע השערות זיינען ארויסגעזאגט געווארען וועגען דעם מחבר פונ׳ם „שמואל־בוך“: 1. לויט צ א ר נ ק ע ׳ ס מיינונג איז דער מחבר פ ו י ל ו ס ע מ י ל י ו ס (ראמאנוס), נאר גאשע האט דיזע מיינונג גרינדליך צעשלאגען. 2. לויט פ א ל ק ס מיינונג איז דער מחבר — י ו ס ף ב ן י ק ר, דער איבערזעצער פון סדור אין 1544 יאר. פאלק האט צוגעזאגט דאס צו באגרינדען אויפ׳ן סמך פונ׳ם פאריזער כתב יד פון „שמואל־בוך“, נאר ער האט עס, ליידער, ביז איצט ניט ערפילט. 3. לויט דער פאר־שפרייטסטער מיינונג איז דער מחבר א פ ר ו י, „ל י ט ע פ ו ן ר ע ג ע נ ס־ ב ו ר ג“. דיזע מיינונג שטיצט זיך אבער אויף א גרויסען טעות, וואס די ביבליאגראפען, אנהויבענדיג פון יאה. קר. וואלף, האבען געמאכט, באטראכטענדיג דעם ה א מ ב ו ר־ ג ע ר כתב־יד. וועגען דעם ז׳ אונטען אונזערע באמערקונגען צום ליעד „ד ש ג י־ ז א נ ק ד ו ד“.

אין דער ערשטער געדרוקטער אויסגאבע האט דאס בוך געהייסען: „ס פ ר ש מ ו א ל דש בוך שמואל אין טויטשר שפראך הויפש אונ׳ בישיידליך אויך קורץ ווייליג דארינן צו לייאן“ (ד. ה. דאס בוך שמואל אין טייטשער שפראך שעהן און פארשטענדליך און אויך אינטערעסאנט דעריין צו לייענען).

דש גיזאנק דוד.

דער פאלגענדער אויסצוג ווערט געבראכט פון דעם האמבורגער כתב־יד, פונ׳ם „שמואל־בוך“ נאר טיילווייז קארעגירט דורך די וואריאנטען אין דער ערשטער געדרוקטער אויס־גאבע פון 1544־טען יאהר.

דער כתב־יד איז אהן אן אנהויב און אהן א דאטע. דער סוף פון דער האנטשריפט לייענט זיך:

„דש בוך הון איך גשריבן מיט מיינר האנט.
ליווא בון רעגנשפוק בין איך גננט.
מיינר ליבן גונירין ברײדלן אישט זיא גננט.
צו ברייד זול זיא עש נוצן אונ׳ לייאן דש בגער איך“.

ד. ה. „דאס דאזיגע בוך האב איך געשריבען מיט מיין האנט, לייב פון רעגענסבורג איז מיין נאמען, (פאר) מיין ליבער פריינדין, פריידעל איז איהר נאמען, צו פרייד זאל זי עס נוצען און לייענען, דאס ווינש איך“. אט די ווערטער האבען ארויסגערופען א מאסע מיספארשטעהעניסען ביי די ביבליאגראפען און דורך זיי ביי די „היסטאריקער“ פון דער אידישער ליטעראטור. ו ו א ל ף, האט על פי טעות אנגענומען די ווערטער „ליווא בון רעגנשפוק“ פאר „ל י ט ע פון רעגענסבורג“ (די שטעלע איז פארפלעקט מיט וואסער און לעזט זיך שווער, די צוויי ויו׳ען זיינען שטארק פארווישט, און דערפאר האט וואלף געהאט דעם טעות.) פון וואלפס לייכטער האנט, מיט צוויי־הונדערט יאר צוריק, איז אוועק די לעגענדע, אז דאס „שמואל־בוך“ איז פארפאסט געווארען פון א פרוי ליטע פון רעגענס־בורג, און קיינער פון די, וואס האבען דיזע לעגענדע פארשפרייט, האט זיך גאר ניט גענע־בען די מיה צו קריעגען די האנטשריפט גופא און צו לייענען זי. דער ערשטער האט דעם טעות אויפגעדעקט גוסטאוו ק א ר פ ע ל ע ס אין דער „פעסטשריפט צום זיבציגסטען

נעבורטסטאגע א. בערלינערס" 1903, נאר ער האט דערביי א צווייטען פעהלער באגאנגען, לייענענדיג „ליוואַ" בוכשטעבליך LIWA. אזא נאמען איז ניטא. ליווא הייסט ליב אדער ליבע און אנדערש קאן מען דאס ניט לייענען, אויב מען האט דעם מינדסטען באגריף פון דער אלט־אידישער שפראך.

היינט שטעלט זיך די פראגע, וואס איז געווען אט דער ליב, ד. ה. יהודה־לייב, אדער משה־לייב פון רעגענסבורג: דער מחבר פונ'ם שמואל־בוך אדער בלויז אן איבערשרייבער? איך האב געלייענט דעם גאנצען כתב־יד, געקאפירט און פאטאגראפירט פון איהם א סך שטעלען, און איך באהויפט מיט ענטשידענקייט, אז דער ליבע איז ניט מעהר ווי אן איבערשרייבער, דערצו נאך אן עם הארץ, גיכער פאר אלץ א בחור (פריידעלס חתן?); ער האט אויף שריט און טריט פארגרייזט דעם „שמואל־בוך", וואס איז קלאר סיי פונ'ם כתב־יד גופא, סיי פון דעם פארגלייך מיט די געדרוקטע אויסגאבען. אין דעם כתב־יד זיינען דא, חוץ דעם, אינמיטען עטליכע זייטן, געשריבען פון א גאנץ אנדער האנט.

היינט וואס איז געווען אט דער איבערשרייבער פונ'ם „שמואל־בוך"? מיר האבען ניט קיין שום היסטארישע ידיעות פון א לייב פון רעגענסבורג, מיט דער אויסנאם פון איין איינציגער פערזאן, וועלכע איז גראד געווען א שרייבער — דאס איז יהודה־לייב בן ישראל פון רעגענסבורג, דער מחבר פונ'ם „קליינעם בראנט־שפיגעל" (ווייטער ברענגען מיר אן אויסצוג דערפון), געדרוקט אין ווענעדיג אין 1566 יאר. עס איז זעהר מעגליך, אזביידע לייבעס פון רעגענסבורג זיינען איין פערזאן, — דהיינו, אז ליבע פון רעגענסבורג האט אין דער יוגענד איבערגעשריבען דאס „שמואל־בוך", און אין די עלטערע יאהרען (וואוינענדיג אין לומפענבורג?) פארפאסט דעם „קליינעם בראנט־שפיעגעל".

נאך א פראגע: אין וועלכער צייט איז דער האמבורגער כתב־יד געשריבען געווארען? די וואסער־מארקע פונ'ם פאפיר שטעלט פאר א פאר וואנשאלען, אויפגעהאנגען אויף א זעקס־שפיציגען שטערן. אין נ. פ. ליכאטשעוו'ס ווערטערבוך פון פאפירענע וואסער־מארקען (פעטערבורג 1899) געפינט זיך פונקט אזא מארקע אין דריטען באנד אונטער נומער 3422: דאס פאפיר איז פון ווענעדיג פון 1538טען יאר. אין ס. מ. בריקעט'ס ווערטערבוך פון פאפירענע וואסער־מארקען (אין פראנצויזיש: לעי פיליגראן, דיקסיאנער אלפאבעטיק, פיער בענדער, 1907), געפינען זיך זעהר עהנליכע וואסער־מארקען צו אונזער האמבורגער כתב־יד אונטער נומער 2584 און 2587, פון פארשיידענע שטעט אין דייטשלאנד, ספעציעל בייערן, און אין איטאליען, פון די יארען 1501 ביז 1532.

אננעהמענדיג לויט ליכאטשעוו און בריקעט, דעם אומזאץ־פעריאד פון פאפיר אין 16־טען יארהונדערט פאר 10 ביז 15 יאהר, קומט אויס, אז דער האמבורגער כתב־יד איז געשריבען געווארען צווישען די יאהרען 1486 און 1553. פון די אלע וואסער־מארקען איז יענע פון ווענעדיג 1538 אבסאלוט גלייך צו דער מארקע פון אונזער כתב־יד פון „שמואל־בוך". דאס מאכט זעהר ווארשיינליך אונזער השערה, אז לייבע פון רעגענסבורג, דער שרייבער פון אונזער כתב־יד, און יהודה־לייב פון רעגענסבורג, דער מחבר פון „קליינעם בראנט־שפיגעל" אין ווענעדיג זיינען איין און דיזעלביגע פערזאן.

צו סטראפע 6: ער שרייב אונ' לאז... — ער האט געשריבען און געלייענט אין גאטס דיענסט (און צו גאטס דיענסט) איז ער געווען גרייט.

צו סטר. 7: דער מאכט די ארמן זאט — א גרויסער בעל צדקה. צו זיינם ליב — צו זיך.

צו סטר. 8: ער וואז איין לוי ורומר... — ער איז געווען א לוי און א פרומער, אזוי ווי מע געפינט דאס געשריבען (ד. ה. ער האט אפגעהיט אלע דינים, ווי עס שטעהט געשריבען אין דער תורה). מיט אים ביטראגן — געהאט מיט איהם (צעהן קינדער).

צו סטר. 9: ווידר זיין וויב... — אקעגען זיין ווייב פנינה האט ער קיינמאל ניט געטאן (קיין שלעכטס). דענאך האט ער... — פונדעסטוועגען האט ער מעהר ליעב (געהאט) חנה'ן איידער זי.

צו סטר. 10: גען שילה בראכט — האט געבראכט קיין שילה. רגל — א יום טוב, ווען מע געהט צו־פוס קיין ירושלים. בראכטן אפפיר דאר — האבען דארט געבראכט קרבנות.

צו סטר. 11: היילינקייט — דער היכל. איר קיינן ער ניט ורגאס — פון זיי האט ער קיינעם ניט פארגעסען.

צו סטר. 12: ביד וויב אונ' קינד — אלעמען, ווייבער און קינדער. דש ווליסיט זיך... — דאס פלייסט זיך דער יונגער מאן, ניט צו פארגעסען עס.

צו סטר. 13: חנה גאב — חנה'ס גאב, חנה'ס חלק.

צו סטר. 16: זאלט איך אונזרם מאן האלבר... — ווען איך וואלט צו אונזער מאן פון דעם געזאגט (דערצעהלט).

צו סטר. 17: אל מאל צו איר זייט — זאגט צו איהר שטענדיג (דיזעלבע שפאטישע רייד). דער שמאכהייט אלזא ויל ז... — מחמת די פילע באליידיגונגען און צו־להכעיס'דיגע פייניגונגען.

VI.

צו סטר. 19: ביז דש מאן ניט אס — ביז וואַנען מע האָט אָפּגעגעסן.
צו סטר. 23: וואז ניט דער זיטן — איז ניט געווען קיין מנהג (ד. ה. עס איז געווען געגען דעם מנהג), אַז עמיצער זאָל זיך אַוועקשטעלן היימיש דאַווענען פאַר דעם טעמפּל.
צו סטר. 24: איהר האָט ניט רעכט בידאַכט — איהר האָט עס ניט ריכטיג פאַרשטאַנען.

נאָכוואָרט פון שמואל־בוך.

דיזעס נאָכוואָרט איז פאַרפאַסט ניט פון׳ם אומבאַקאַנטען מחבר פון „שמואל־בוך", נאָר פון׳ם דרוקער, ד. ה. חיים בן דוד שוואַרץ אָדער זיין שותף, דעם משמד פּויליוס עמיליוס ראַמאַנוס: אין זייער דרוקעריי אין אויגסבורג איז דאָס „שמואל בוך" געדרוקט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין יאָהר 1544.

פון׳ם נאָכוואָרט זעהט מען, אַז דאָס שמואל־בוך איז געווען שוין לאַנג פּאָפּולער און באַקאַנט, נאָך איידער חיים שוואַרץ האָט עס געדרוקט אין 1544טען יאָר. דער דרוקער אַיז אַליין מודה, אַז דעם נגון פון ספר שמואל קאָן כל ישראל און אַלע קענען איהם אין פּאַראויס, אַזוי אַז מע שפּאָרט אָפּ דאָס לערן־געלט.

משה בן מרדכי פרלאַג („משה הונט").

וועגען דעם מחבר וויים מען גאָרניט, אויסער די עטליכע ווייניג פאַרשטענדליכע ווערטער, וואָס ער זאָגט אַליין אין דער האַנטשריפט צום שלוס פון דער איבערזעצונג פון „שופטים" (מיר ברענגען די שטעלע אין דער אויסלעגעכץ פון אָריגינאַל:

„דש בויך הוט אוייש גשריבן
איין מן דיזווינטורט
וואל נוייציהן מונט נאָך דעם שאק בע׳ה צו ברישא
הוט מן אווש אוביל מרטערט
אָבער דער אַלמעכטיג גוט הוט אווש גטון בעשר
ווידר וויר הבן גמירטערט.
אויף איין טייל בעשר ווידר דער אנדר
דרום דש זי הבן קונאַן קלובין
דש אונ׳ דש אנדר צו אנדר
ובפרט די דו זיין וורוליך אונ׳ הבן גלאַכט
דש הבן אַלש די חכות גמאַכט
אונ׳ זיא זיין אל ווייזר גוועזן ווידר משה הונט
גרמרצי הוט ער זיין רובאַ געבן דעם קונט
דרום מוש ער שטינטערן לערנן
אונ׳ שרייבן טאַג אונ׳ נאַכט
ווער העט איין זולכש
אויף משה הונט דער טראַכט
אדי אדי גוט געב אויף אלן גוטי נאַכט
אמן.

אויף וויפיל איך קאָן דאָס פאַרשטעהן, איז דער טייטש: „דאָס דאָזיגע בוך האָט אָנגעשריבען אַן אומגליקליכער מענש, אַרום 19 חדשים נאָך דער ערדציטערניש בעונותינו הרבים אין ברעשיא (אַ שטאָט אין איטאַליען). דאַן האָט מען אונז שלעכט באַהאַנדעלט (גע׳רודפט), אָבער דער אַלמעכטיגער גאָט האָט אונז געטאָן בעסער, איידער מיר האָבען פאַרדינט. אויך איין טייל (פון אונז) בעסער איידער דער אַנדערער, דערפאַר ווייל זיי האָבען געקאָנט גלויבן דאָס און יענעם איינער אויפ׳ן צווייטען. ובפרט (זיינען שלעכט) די, וועלכע זיינען פריילין און האָבען געלאַכט, און האָבען אַלץ חכמות (?) געמאַכט, און זיי זיינען אַלע געווען קליגער ווי „משה הונט". מערסי! האָט ער געגעבען זיין רויב דעם קונה (?), ובכן מוז ער לערנען אויסגעריסען ווערען (?) און שרייבען טאָג און נאַכט. ווער וואָלט אַזעלכעס אויף „משה הונט" געגלויבט? אַדיע, אַדיע, גאָט זאָל אייך אַלעמען געבען אַ גוטע נאַכט. אמן!"

פון אָט דעם נאָכוואָרט פיהלט זיך אַ קרעכץ פון אַ הומאָריסטיש־אויפגעלעגטען קבצן, וועלכען זיינע אַרומיגע האָבען פאַרפאָלגט מיט שפּאָט און פוילע וויצען. די לאַנדסלייט פון׳ם שרייבער האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „משה הונט!" נאָר ער וועט זיי ציינען, צו וואָסער גרויסקייט ער איז פעהיג!

ער זעצט איבער — און דוקאַ אין גראַמען! — די הייליגע ספרים. זיין ריטם איז דערזעלביגער „ריים אין אַכט געזעץ", וועלכען מיר האָבען שוין געטראָפען אינ׳ם „שמואל־בוך".

ביבל.: ב. באָרוכאָוו אין׳ם „פּנקס" („ביבליאָטעיק", ז. 40 — 41, נג׳ 312 און 313).

צו סטראָפע 2: משה רבינו... — משה רבינו, ווי ער איז געווען הייליג, און געווען ביים קיניגרייך! (ד. ה. געהאַט אַ קיניגליכע מאַכט). ואלק גאַט — גאָטס פאָלק.

צו סטר. 5: דש טו מיר אויך ביקאַנט — דאָס מאַך מיך אויך געוואָר (איך זאָל דאָס אויך געוואָר ווערען).

צו סטר. 6: איר זאַלט מיך... — איהר האָט געזאָלט מיך הייליגען ביי דעם גרויסען שטיין ביי דעם גרויסען נס, ווען דאָס וואַסער האָט אַרויסגעשאָסען פון דעם שטיין (צו סטר. 6 ביז 9 פרגל. דברים ליב 51, שמות י״ז און במדבר כ׳ 1—13).

צו סטר. 7: דאַ וואָרט איר... — און איהר האָט איהם גאָר געשלאָגען.

צו סטר. 8: אום ווילן דרציכן שיין — צוליעב דעם באַשיינ־

פערליכען באוויז פון די נסים. אין אן גיזיכט...—פאר די אויגען פון דער פארזאמלונג.

צו סטר. 9: ער האט דען וויגן...— ער האט גוט אפגעהאקט דעם פייער־געזעגנונג (פרגל. במדבר י״ג 23).

יהודה־לייב פון רעגענסבורג. — קליין בראנטשפיגעל.

מארגן שיין — דער מארגענדיגער טאג. איז איבר וואר און' איז דר פון — איז פארבייגעגאנגען און ניט מעהר דא. 6: דעם קאן ער וואל... — דעם קאן עס אין א קורצער צייט אויספאלען ניט גוט. מיט וליים טון דינן ביגערן — וועלען דינען מיט חשק. 7: אין צייט אירן ליידן — אין זייער עת צרה. זעהין איר זאך וואל ור מעסן — זעהען אז זייער זאך לאזט זיך אויס גוט. 51: צייק — מערק זיך, גיב אכטונג. ביז דו האסט דיך מיט... — ביז וואנען דו האסט מיט איהם ניט אויסגעפרובירט א סך נסיונות. 52: ער מעין אז ור מאג ור טוט — ער פארטוט מעהר ווי ער פארמאגט. 69: ער האט אן ווייב ניט... — ער האט ניט געקאנט דורכקומען מיט ווייבער. 70: דער ויר — פארביי. דיך... ויר גינומן — זיך פארגענומען.

ר׳ הוסלן׳ס.

דאס ליד שטעלט פאר, ווי א קארגער רייכער מאן האט איינגעלאדען צו זיך דעם דיכטער און דערלאנגט איהם צום טיש וואסער אנשטאט וויין, און דער דיכטער (שלמה בן גבירול), דריקט אויס זיין ביטערע ענטוישונג.

דער רעפרען „איך האב קיין וויין, די אויגן מיין רינן וואסר, רייגן וואסר“ איז ביי שלמה בן גבירול — „ככלות ייני תרד עיני פלגי מים“.

קינט רכב — ז׳ ווערטערבוך רכב.

משה שטענדאל. ז. 29.

ור ולבן (ווארשיינליך א דרוקפעלער, דארף זיין ור ולקן, ד. ה. פארוועלקען, פארוויאנען, ווייל אין תנ״ך שטעהט דאס ווארט „יבול“; (ז׳ אבער ווערטערבוך „ור ולבן“).

צוכטשפיגל. ז. 30.

איין גנזעץ איין ערען דיב — א גנזעץ איז א פארלוימדער (?)

אלחנן העלן. ז. 31.

דאס זיינען איינצעלנע סטראפען פון מגילת וינץ, ניט נאך אנ׳אנד, נאר פון פארשיידענע שטעלען.

דאמן צילט שע׳ב אין דער זעלבין צייט — אין דערזעלביגער צייט ווען מע צעהלט שע׳ב (ד. ה. אין יאר 1612).

ז. 32. ווארזיך מערן — האט זיך אלץ פארמעהרט (פארגרעסערט). ווארן זיא דריגגן — האבען זיי (די פאגראמטשיקעס) זיך צונויפגעלאפען.

ז. 33. אזו איז עז אינן אך ביקומן (ווערטליך: אזוי איז עס זיי אויך באקומען) — אזא יאהר אויף זיי! איין גירש זאלטן מיר האבן דער קענן — אנשטאט דעם האבען מיר געזאלט ליידען א גירוש.

אייזיק וואליך. ז. 35. פון תהלים.

פון תהלים.

פרגל. תהלים ק׳ח 5 — 17, 23. דאס ליד איז געשריבען זיכער נאך 1601 יאהר, נאך מייסליינס טויט, ז׳ אונטען.

איך וואל אלעס בעסער וואס — איך וואלט וועלען אז אלצדינג זאל זיין בעסער. רבי יוסף אשכנז — מסתמא איז דאס ר׳ יוסף בן יצחק הלוי אשכנזי, א בארימטער געלערנטער אין מעץ, דייטשלאנד (געבוירען ארום 1550, געשטארבען 1628 יאר).

מייסליין — מסתמא איז דאס דער בארימטער נגיד און פילאנטראפ מרדכי מארקוס מייזעל, דער ראש הקהל אין פראג (געבוירען 1528), געשטארבען 1601 יאר) די שול, וואס ער האט אויסגעבויט אין פראג, הייסט נאך עד היום „מייזעלס שול“.

א פורים־ליד. ז. 36.

דאס פורים־ליד איז, בלי ספק, נאכגעמאכט א קריסטליך־דייטשען סטודענטען־ליד, נאר מיט א סך הומאריסטישען טאלאנט נאכגעמאכט.

ער קריגט איינען בארט — איידער ער ווערט אלט. (הומאריסטיש).

ז. 37. ער ווערט אונז שעלטן איין פראש — ער וועט אונז שילטען „פרעסערס“. אין דער שיסעל... — אין דער שיסעל וועלען מיר זאגען צום קוגעל: יוחאשי האביטעי! נאך דעם פערז: ברענגט הער דיא בעסטע דינגען שטעהט אזוי אין׳ם כתב־יד אין דער באדלייאנישער ביבליאטעק אין אקספארד.

וישמיט דעם ו׳ היבטאן,
ויל ויש, ורישי וועק, ולייש, ויר וירטייל
וירני וויין,

דרום מוש דיא ו׳ ון ויזתה זו לאנג זיין.

איטליך ווארט הויבט זיך דא אן מיט א ו׳ און דערפון מאכט דער דיכטער א וויץ מכח דעם ו׳ פון ויזתה.

פונ׳ם טויט. ז. 37.

דאס ליד „פונ׳ם טויט“ איז ניט וואליד׳ס און ווערט פון קיינעם ניט צוגעשריבען וואליד׳ן. דאס איז אן עכט־קריסטליכעס דייטשעס ליד, איינפאך איבערגעשריבען מיט אידישע אותיות.

אונד אונזרר קיין — און פון אונזערע קיינער. רעכט אלס דיע בלום... — פונקט ווי די בלום, ווי א רינג, אזוי איז באמת אויך אונזער לעבען (ד. ה. פארגעהט ווי א בלום, איז קייל־אכדיג ווי א רינג).

אלס איין אנדרר — אזוי ווי יעדער אנדערער. גאט יתברך אורטעל — דער אורטייל פון גאט־יתברך.

לייב קוטנים. ז. 40.

לייב קוטנים איז דער ערשטער בדחן (אדער מארשאליק), וועמעס נאמען איז אונז באקאנט. גאטעס פורכט זאל זיין דער ערשטע אנפאנג (פרגל. תהלים קי״א, 9: ראשית חכמה יראת יהוה). די ערד האט ער אויף נישט געשפרייט (פרגל. איוב כ״ו, ז: תולה ארץ על בלימה).

יוסף, פורים־ליד. ז. 42.

יעקב זיין קינדר — יעקב׳ס קינדער. יוסף זאן בנימין — יוסף בן בנימין.

ר׳ שלמה פון פראג. ז. 43.

דאס זיע נימאנד מען אנקלעבען — אז זיי זאלען זיך מעהר צו קיינעם ניט צוקלעפען. אויך שווארן האד... — אויך שווערט מען זיך, אזוי ווי ער, הויך און פייערליך.

דוד בר׳ מנחם הכהן. ז. 44.

דאס זיינען דריי פארשיידענע שטעלען פון דער איבערזעצונג פון שיר השירים: די ערשטע סטראפע — פון קאפ. א׳, 7—8; די צווייטע — פון קאפ. ב׳, 17 ביז קאפ. ג׳, 2 און קאפ. ד׳, 6—7; די דריטע — פון קאפ. ו׳, 2—3.

דוא שוינשט אונטר דען יונג פרויאליין — דו ביסט די שעהנסטע צווישען די (יונגע) מיידלאך. מיין פריינט גנגן — מיין פריינד איז געגאנגען.

גימפל סג״ל. ז. 45. מזמור שיר ליום השבת.

אין דעם ליד איז אפט על פי טעות געדרוקט „אין“ אנשטאט „און“.

ז. 46. אויז דיא תורה חידושים — נייע דערקלערונגען פון דער תורה. זאגט מירש עבן — זאגט מיר עס גלייך. ריינה אין פרומה — ריינע און פרומע. קומה — קומען. חיות — ז׳ ווערטערבוך. די פליגלען פון די דאזיגע מלאכים ווערען שוואך, ווען זיי זעהען א זינדיגע נשמה. נסכוי (ל׳ נאסקוי) —? (דאס איז א באגריף פון דער קאבאליסטישער אנאטאמיע, זעהר שווער צו באשטימען, וועלכער אבער דאס איז, לויט די מאדערנע אנאטאמיש־פיזיאלאגישע באגריפען. אין תנ״ך און אין תלמוד טרעפט זיך ניט דאס ווארט „נסכוי“. שטאמען שטאמט דאס פונ׳ם ארמ׳ישען שרש „נסך“ — גיסען וויין־אפער, ברענגען וויין־קרבנות, און איז פארבונדען מיט די וויין־מנהגים ביי הבדלה). סעודה דיא דריט — שלש סעודות.

ז. 47. דיא אידלי ווירדיגה שטיין — די איידעלע ווירדיגע שטיינער.

צו באדעקענס. ז. 78.

אט דאס ליד איז צו אונז דערגאנגען ניט אין אידיש, נאר אין א דייטשען קריסטליכען פלאגיאנט (ניט אין אלט־דייטש, נאר אין עלטערן נייהויך־דייטש). דער קריסטליכער פלאגיאטאר רופט עס: „דער יודען איהר כלה־ליעד“. דער רעפרען פונ׳ם ליד אן דעם אבענד איז נאכגעמאכט די באקאנטע פיוטים מיט׳ן רעפרען „בערב, ערב, בלילה אדגל“; און קען אויך זיין א רמז אויף דעם אויסדרוק „לפנות ערב“ מכח יצחק אבינו אין בראשית כ״ד, 63.

פעקסירעט (אין א צווייטען ווארינאנט פון אט דעם ליד שטעהט פעריררעט). פעקסירטער (ווארינאנט: פערירטער).

אלס אונזר פאטר איציק טעט (פרגל. די מעשה אין בראשית כ״ד, ספעציעל 63־67). זי ערפרייט מיט איר (דרוקפעלער זי אנשטאט זיך). (ער) פרעהט זיך מיט איהר (פרגל. ויאהבה וינחם יצחק אחרי אמו).

גינג דאך איער מוטר איבר גרייז — איז דאך אייער מוטער געגאנגען איבער קרייזען (ווען מע האט זי אונטערגעפיהרט אונטער דער חופה אין קרייז ארום דעם חתן), ד. ה. האט דאך אייער מוטער זיך יא ענטשלאסען חתונה צו האבען!

ז. 59. איין ארם קרעאטור איז דאך אומב (ד. ה. אום) איין ווייב — עס איז דאך א רחמנות אויף א נקבה. אירס מאנס גנאס, די באגלייטונג מצד איהר מאן. אלער פריידן בלאז — בארויבט פון אלע פריידען. מיט שטילשווייגן פאר — מיט שטילשווייגען קודם כל. ערפארעט — ערפאהרט (מען), ווערט (מען) געוואר, דערלעבט (מען). פאר זילבר און פאר רויטם גאלד — ליעבער ווי זילבער און ווי רויטעם גאלד. אלס צפורה... (פרגל. שמות ד׳, 26־23).

יוסף וויצענהויזען. ז. 51. קיניג ארטיש הוף.

די פאעמא איז באקאנט אונטערן נאמען „קיניג ארטוש האף“.

מיין טאג — אין מיין לעבען. און גאטש הילף... — אהן גאטס הילף קאנען זיי דאס ניט דערגרייכען.

ז. 52. אויז דער מאשין — אויסערגעוועהנליך (ווערטליך: אויסער די מאסען), אהן אן ערך. עש וואר אך איין רעכט אין דעם הוף — עס איז געווען אויך בלויז איין געזעץ, איין ארדנונג ביים הויף (פאר אלעמען גלייך). דא וואר קיינר דר זיך דורפט פר מעסין... — עס האט זיך קיינער ניט געטארט דערוועגען צו טרינקען אדער צו עסען, איך דערצעהל עס אייך ריכטיג, איידער מע האט געהאט צוערשט אויסגעהערט א נייע מעשה יעדען טאג.

ז. 53. און העט ער אל דר וועלט גוט צו געבן — ווען ער זאל אפילו פרובען אפגעבען דאס פארמעגען פון דער גאנצער וועלט (וואלט עס איהם אויך ניט געהאלפען (?). וואר דז ניט איין גרושי... — איז דאס דען ניט געווען א באזונדערס גרויסע הערשאפט, אז קיינער האט פארט ניט גע־דארפט ליידען הונגער? דאס איז געווען א גרויסער וואונדער! דער וואה דער אליר קוינשטי מאנן איין — ער איז געווען פון די סאמע מוטיגסטע מענער איינער. איין ריטר פון רעכט — א ריכטיגער ריטער, שוין איינמאל א ריטער.

ז. 54. וואז וואלט ער איר — וואס ווילסט דו פון איהר? (אין 17־טען יארהונדערט פלעגט מען אין דייטש אויס העפליכקייט זאגען „ער“ אנשטאט „דו“, רע־דענדיג צו א נידעריגערן פון זיך). מעכט עז מיט אייערן הולדן דאך זיין — מעג עס דאך זיין מיט אייער גנעדיגער ערלויבניש? טאפפיר — טעפ (מערצאל פון טאפ).

ז. 55. אב אודר צו זאגן — אפזאגען אדער צוזאגען (פארטרייבען אדער מקרב זיין).

ז. 56. זיכר און אלי שפאט — זיכער אהן יעדען שפאס.

ז. 57 — אונ׳ ווער ער שטערקר אז מיינר פיר — ווען ער זאל אפילו זיין שטארקער איידער פיער אזוינע ווי איך. פון דען צווין הילדן ווערט — פון די צוויי ווערטע העלדען.

ז. 58. וואז זאלן דיא ריד נון מיא — צו וואס איצט מעהר די רייד? טעט... גאר וויא — האט איהם אנגעטאן שטארקע שמארצען.

ז. 60. דא שפראך דער קיניג הוך גיבורן צו דעם גאסט איוז ארקורן — דאן האט געזאגט דער הויכגעבוירענער קיניג צו דעם אויסגעצייכענטען גאסט. אוב איר זיא צו איינם ווייב בינגערט... — ווילט איהר זי פאר א ווייב, איהר שטאלצער ווערטער ריטער? זיינט דעם מאל דש איר בינגערט מיין — היות ווי איהר ווילט מיך. ווערין גאנציר וואוכן פיר — געדויערן גאנצע פיער וואכען.

אחד מי יודע. ז. 62.

טאבל מאזים — משה׳ס טאוולען (לחות הברית).

קלאג־ליד. ז. 68.

דש יעקב פול וואשיר זאל מיט גאט וויל פר לאמין — זאל יעקב דער בלאטע־וואשער מיט גאטס הילף הינקעדיג ווערען! (א קללה).

ז. 69 רוח רעה — בייזער גייסט, שד. ווען איך בין גישטארבין — נאך דעם ווי איך וועל שטארבען.

דוד זויגערש. ז. 71.

דען רב זיין הויז — דעם רב׳ס הויז.

משה אייזנשטאט.

בונו׳ה, בענ׳ה — בעונותינו הרבים.

ז. 74. אזו פיל נפשות בעו׳ה דורך דען דבר ב׳מ זיינן אוועקגיקומן — אזוי פיעל נפשות זיינען בעונותינו הרבים אוועקגעקומען דורך דער מגפה אין דער גאנצער געגענד. גנצי גזינדר — גאנצע משפחות.

פורים־שפיל. ז. 77.

ז. 77. איהרי מ׳ט — אייער מאיעסטעט (!) דיזוז — דיזעס.

געליע. ז. 79.

המדפיס — דער דרוקער. הרכה והעגונגה — די צארטע און מילדע.

ז. 83. נאך אב שטערבן דיינר — נאך דיין טויט..

ז. 84. ארייז האבין זיא בפעליז טאז — זיי האבען אריינ־געשיקט א באפעל. פר זיך זעהן — אנקוקען. האלופי ראשי קציני קהילה — די עלטסטע הויפטען און פארשטעהער פון דער קהלה. דאז פאלק — דער המון קריסטען.

ז. 85 איינר דען אנדרן האבין זיך... — איינער האט זיך אוועקגעלאזט צום צווייטענס טיר (צו באהאלטען זיך). לערבער — לעבער. מיכטנים — מחותנים (?) צונפירן — צונויפפירען.

ז. 86. די ערשטע 6 שורות באטייטן, אז די באלאגערער פון שטאט האבען געמאכט א גאנצע פארשווערונג, כדי צו פארגרעסערען זייער צאהל און איינגעהמען די שטאט; זיי האבען צונויפגענומען פויערים פון די ארומיגע געגענדען און געהייסען זיי זיך צו באטיי־ליגען אין דעם שטורם אויף דער פעסטונג; אלס לוין דערפאר האבען זיי צוגעזאגט די פויערים, אז זיי וועלען קריגען פולע מאכט איבער די אידען פון דער שטאדט, אויב זיי וועלען די שטאט איינגעהמען.

ז. 87. מענחה — מאנכע. קליין זייט, נייא שטאט, וישראדר טאר — אזוינע גאסען און קווארטאלן אין פראג. רבגם — דעם רב׳ס גאס.

ז. 88 שמואל בומסלא זיין דאך — שמואל בונצלאו׳ס דאך.

קינה על גזרות תקכ׳ח. ז. 89.

די העברעאישע ווערטער פון אנהויב פון איטליכער סטראפע בילדען צוזאמען א כמעט פארבונדענעם זאץ.

אין דעם ליד פאלט אפטמאל ארויס א „ה". אדער ווערט געשטעלט אן איבעריגער, צ. ב. גיערט (ל׳ געהערט), הויך (ל׳ אויך), הומאניער (ל׳ אומאניער). „אין" און „און" ווערען פארוועקסעלט, צ. ב. אין הויך (ל׳ און אויך).

צרון — צרות (?), צארן (?) וואביר — וויבער. דער רשע סילא — דער באנדיט מיט׳ן נאמען שילא.

ז. 90. חמילס גזרות — כמעלניצקים גזרות. בויכין — (מער־צאל פון באך — טייך) בשבי (העבר.) — אין געפאנגענשאפט.

קריאת שמע.

אז בעריט ליגען צו גען — גרייט צו געהן שלאפען. און עדער מען — און יעדען מאן (ד. ה. גאט זאל באהיטען און באווארען מיך — און יעדער מאן). דער הערע — דערהער.

ז. 94. די וויבר איהרן וואונש אונד קאפף — דעם וואונש און שכל פון די וייבער.

ז. 96. זאג אהנ׳ס מיר — זאג עס מיר אן. נעממ׳ן איין — (איך) נעם איהם איין. מינט וויהגן — מיינעטוועגען. זיעגען — זעגען (ברכה).

יוסף הערצ׳עס פיעסע איז געשריבען אין דעם איינגארטיגען בייערישאידישען דיאלעקט, דערצו נאך שטארק שארזשירט פונ׳ם מחבר (די אונקלארע ווער־טער ז׳ ווערטערבוך).

ווערטער־בוך:

(צו די ליעדער פון בוך א.)

פון ב. באראכאוו.

א.

אַאַך — (בּיעריש) אויך. אַב — וועג, אויב, הגם, אָפּ. אַבגילאַן — אָפּגעלאָזט, אויפגעהערט. אַהן אבגילאַן — אָהן אויפהער. אב׳ד ור׳ם —אב בית דין וריש מתיבתא (דער אויבער־רב, ריכטער און לעהרער. אַב ווייזן — אָפּזאָגען, אָפּטרייבען. אַבשאבן — אָפּשינדען. אַב שטוסן — אָפּקלאפּען, אָפּ־שטויסען. אדי — אדיע !, גוד באי! אובנט — אָווענט (אָבענד). אודר — אָדער. אַ ווע — אוי וויי ! אוידער — אָדער. אויז... — ז׳ אויך אויש... אוים... אויז ארקורן — אויסקליבען, אויסצייכענען, אויסגעציי־כענט. אויז דער מאַשין — ז. מאַש. אויז טון — ענדיגען, אויסטאָן. אויז לעזן — אויסקלייבען. אויז ער ווילן — אויסקלייבען, אויסצייכענען. אויז ער ווילט זיין — זיך אויסצייכענען, זיך אויסטיילען. אויז רייטן — ארויס־פאָרן. אוים... — ז. אויז..., אויש... אויסערקארן — אויסקלייבן. אויף־ביטן — צונויפרופען. אויף האַב — האָב, האָט אויפגעהויבען. אויף הערן — זיך צוהערען, האָרכען, אויפהערען. אויף וואַרטן — באַזאָרגען. אויף וועקן — אויפוועקן ; ארויסרופען אויף אַ שטרייט. אויף טרומיטן — אָנהויבען צו טרומפּייטען. אויף פאנגין — כאַפּען. אויף רעכט — אויפריכטיג. אויף שפּאַנן (דאָש מויל) — עפענען. אויש... ז. אויז...., אוים... אויש ברעכן — אויסברעכען, זיך צייגען, אָפּברעכען. אויש דער קאָרן — אויסגעקליבען, אויס־קלייבען. אויש האבן — פארענדיגען. אויש שפּעהין — אויסשפּיאָנירען. אומב — אום. אום גלייך — קרום. אום ווילן — צוליעב, לטובות. אומז גאָר — גאָרניט, אבסאָלוט ניט. אונ׳—און. און (לייענט אָן) — אָהן אונ־טערשיידען פון אונ׳ ד. ה. און. בלויז פארגרייזט באגעגענט זיך און אין זיינען פון „און”). אונ׳... שאַן — הגם, כאָטש, אָבוואָל. אונגימאַך — דאָס ליידען, יסורים, פארדראָס, עגמת נפש. אונגעמעסען — ניט געמאָסטען. אונגע־ריכט (לייענט : אונגערעכט) — פארברעכעריש, אונגעזעצליך. אונדי — און. אונטר — צווישען, אונטער. אונטר ווייזן — געבען אן אָנווייזונג, באַלערנען (יענעם). אונטר ווילן — מאַנכמאָל. אונטר ווינדן — אונטערנעמען. און מוט — אומעט. און ערבארמליך — אונדערבארימדיג. אונפּאַנגן — קריעגען, באקומען. און פרצאגט — אונדערשראָקענער. אונש — אונז. אוס — אויס, פון. אופּט — אָפט. אופּס — אויבס, פרוכט. אור (לייענט: אָאָר) — אויער. אורזאכר — שולדיגער. אורט — ז׳ אָרט. אורטעל — אורטייל, גזר דין. אורלויב — אָפּשיעד. אורלופּא (לייענט: אורלאָאופּ) — אָפּשיעד. אורלופּא געבן — זעגענען זיך. אורן (לייענט : אָרן) — דאווענען (מגילת ויניץ. ז. 32. דאָס וואָרט שטאַמט פון לאטייניש אָרארע). אז — אזוי ; אזוי ווי ; ווי. אזו (לייענט : אזאַ) — אזוי. אי (לייענט איי, עה) — חתונה, שדוך. אי — ל׳ און ז׳ עי. אי איינר — יעדער, איטליכער. איבר צוועהל — ז. צוועהל. איבר רידן — איבעררעדען. אידיל (לייענט : עדעל) איידעל, אדעליג. אידרמן — יעדער מאַן. איהפּעלע — אַ קליינער אויוועג : אויוועג־דעל (אין די פּירטהער אויסגאבען פון יוסף הערץ׳ס „אסתר” פון 1827 און 1854 יאָרען איז איהפּעלע, און אין דער ווינער אויסג. פון 1849 יאָר — עהפּעלע). איזט — איז. איי — (אַן) איי. ז׳ אויך עי. אייגן זיין — געהערען. אייד — שבועה, הבטחה, פארשפּרעכען. אייטל, אייטעל — אייטעל, הבל׳דיג, נאָר בלויז. איין נעבן — געבען מזל. איין ווילן — אויף אַ ווילע, אַ געוויסער צייט, צייטווייליג. איין וועק, איין וועקין — אוועק. איין וועלט ג — פּראָסט, נאַריש. איינזענגן — איינברענען, אויסברענען, מאַכען אויסגעברענטע צייכענס. איין מאָלט — איינמאָל. איין ציונט — אָנגעצונדען. איין רויז — ארויס. איינש : איינס (ד. ה. פון איינעם, פון א). איינשאַפט — איינהייט, געמיינשאפט. איין שיקן — אוועקשיקען. איינשלאָגן — אוועקנעהמען, אוועק־רויבען. אים — איהם, אינ׳ם. אין — אין, איהם (אָנשטאָט איהנען:)—(צו) זיי, (פאר) זיי. אין האַרן — איינהאָרן (אזא חיה מיט איין האָרן). אינן — אין דאָס. אינן ווערן — דערוויסען זיך, געוואָהר ווערען. א׳נר — איינער. איצונדר — איצט, באַלד. איק (לייענט : עק) — עק. איר — איהר ; זייער

איהרע: זייערע; פון איהר; פון זיי. איש, אישט — איז. אינשטאַן —
איינשטעהן, זיין גרייט פארנומען זיין. אך — אויך. אך — אַך! אך דער
גראַשן ועלשרייא — אך די גרויסע פעלשעריי. אך דש — אַך, אז (אן אויס־
רוף). אכט — אַכטונג, חשיבות. אכטן — זאָרגען, אכטונג געבען, נעה־
מען אין אכט, אויסקוקען, באַזאָרגען. אל — אלע, אַלץ, גאַנץ. אלדאר טראָגן —
צוברענגען, ברענגען צו טראָגען. אל דינג, אל דינגן — אלע זאכען, אלצדינג.
אלהיא, אלהיע — דאָ, אָט דאָ. אלז — אלס, אזוי ווי, איידער. אלז וויא —
אזוי ווי. אלזאָ — אזוי, אזא. אלזו — אזוי. אלטר גראָ — גרייז־גרוי.
אל יערליכן — אלע יאָהר. אל ליבשטר — אלער ליבסטער. אלן (לייענט:
אלען) — אלעמען, אַלע. אלס — אלס, אלעס. ז' אויך אלז. אלש — אלץ, אלעס.
ז. אויך אלז. אמן טרויאן — אמן סלה. אן — אָן, פון, אין, אויף, צו, מכח,
אָהן. אן גבריט — צוגעגרייט. אנגיראנט — אָנגעפאלען, אָנגעיאָגט. אנ־
געסט — אנגסט, אימה. אן דעכטיג — גאָטספאָרכטיג. אנהארעסט — הערסט
זיך איין, הערסט־צו. אנטגעלטן — פארגעבען ווערען, געשענקט ווערען (מכח
אַ שולד). אנטוואכן — דערוואכען, אויפשטעהן פון שלאָף, פון טויט. אנטפינגן
האָבען אנטפאנגען, אָנגענומען. אנטרינן — אנטלויפען. אניין פירן — אַריינ־
פיהרען. אן מעשן זיך — דערוועגען זיך, זיך פאלש ארויסגעבען אלס עפעס.
אנפערן — (ענטבעהרן), אויסקומען אָן עפעס, אויסמיידען (אַ געגענשטאַנד). אן
צאָמן — פאסן, דערציעהען. אן צעמי — פאסט זיך. אנקיגן — אַנקעגען.
אנקלעבן — זיך צוקלעפען, צושטעהן. אן רופטן — האָבען אָנגערופען, האָבען
צו (איהם) גערופען. אנשענקען — אָנגיסען. אם — האָב, האָט געגעסען.
אפינבאר — אפען, עפענטליך. אפן באר, אפן בארן — ז' אָפינבאר. אפס —
אויבס. אר... — ז' אויך ער..., דער..., דר..., הר..., הער... ארגלישט —
שלויהייט, שווינדעל. ארדן — אָרדען (א חברה, אַפּטיילאַל אַ געהיימע). ארט —
אורשפרונג, יחוס. ארט — סוף, ענד, שלוס, אָרט, פּלאַץ. ארלויב — אָפשיעד.
ארלויב נעמען — געזעגענען זיך. אר לענגן — מאריך זיין. ארצייגן —
צייגען, לייסטען, באווייזען, אָפּגעבען (כבוד). ארק — (נח'ס) תבה. אר
קענן — דערקענען, מודה זיין.

ב.

ב... — ז' אויך בא..., בי..., בע... באדנקן זיך — באדענקען זיך, מישב
זיין זיך. באדשטוב — באָדהויז, באָד. באהאלטן — איינהאַלטען, פאר־
שוויגען. באזהייט — רשעות, שלעכצקייט. באט — האָב, האָט געבעטען.
באט — שליח; האָב, האָט באַפוילען. באטן ברוט (ל' באָטענבראָט) — ברויט,
וואָס מע פלעגט געבען אַ שליח נאָך זיין אַנקומען אויף אן אָרט; מתנה אָדער פאר־
בייסענס, ווען מען איז מכבד אן אָנגעקומענעם שליח; לוין, געצאָלט, שכר הליכה.
באטשאפט — שליחות, נבואה. באיזי וויכט — רשע, שלעכטער מענש. באלג —
הויט, לייב; שלאָגעניש, אמפערניש. באלדי — באלד. באם — בוים. באנד —
האָב, האָט געבונדען. באנד אן — האָב, האָט אָנגעבונדען, צוגעבונדען. באף —
טייך (מערצאָל: בעך). באר — עקשנות, דער צולהכעיס, רוגזה, דער ברוגז, אָנגע־
שטויסענקייט, פאריבעל. באר... — ז' אויך בור..., בר..., ור..., פר..., פאר...,
פור..., פער... בארבש — (לייענט: בארפואָס) באָרוויס; הכנעה'דיג (?)
בארבש — (ל' פירבאס) — פאָראויס, פאָרווערטס, אויף וויטער! בארט —
באָרד. איינן בארט קריגן — אַלט ווערען. באר יעהן (לייענט: פאריעהרען) —
דערצעהלען. בארמיטן — פארמידען. באשייד — ענטפער. בגינן (לייענט:
בעגינען) — אָנהויבען. בואָך — בוך. בוב — איינגעל, בחור; געמיינער קערל:
שפּיעלער. בווערן — פארשעפען, פארפלאָנטערען. בוטן ברוט — ז' באטן
ברוט. בויאן — בויען. בויז — בייז. בוישן — שלאָגען. בולן (לייענט:
פיולן) — פיהלען. בולן ברוכט (לייענט: פאָלן בראָכט) — פארענדיגט. בון
(ל' פאָן אָדער פון) — פון. בונט — רעטעניש, פארפלאָנטעניש, פלאָנטער. (מער־
צאָל: בינט, בינד, ביינדן). בור... ז' אויך באר..., בר..., ור..., פאר..., פער...,
פר... בורא (לייענט: באָרע) — גאָר. בור ביים — האָב, האָט (אין זיך) פאר־
ביסען. בורג גרוב (לייענט: בורג גראף) — בורג־גראף (א טיטול פון אַ שררה).
בורגנייה (לייענט: בורגאָניא) — א פראָווינץ אין פראנקרייך. בור הין — אין
פאָראויס, פאָראויס. בור זאנק — בין, איז פארזונקען. בור שטאַן — פאר־
שטעהן. בור שעידן — שטארבען, פארשווינדען, אונטערגעהן, טויער. בוש־
הייט — רשעות. בזאכט — ז' ביזאכן. ביברייא (לייענט: ביבעריי) —
אויסגעלאסענקייט, שמד־שטיק. בינאבן — באטיילען מיט מתנות. ביגונד, בי־
גונט — הויבט אָן. ביגיננן — האָבען באגאנגען. בינעבן זיך —
אוועקלאָזען זיך (ערגעץ), געהן. ביגראזן — פאשען, האָדעווען. ביגראזן זיך —
זיך אָנפּאַשען (נאָך היינט זאָגט מען: „ער האָט אָפגעגראָזט", ד. ה. ער האָט שוין
פארצערט, פארנוצט אלץ וואָס איז געווען מעגליך). בינרזט — ז' ביגראזן.
בידאכט — באטראכט, מישב געווען, פארשטאַנען. בידן — ביידען. בידר —
עהרליך, ארנטליך. בידערמאן, בידהרמן — א פיינער מענש. ביהאגן — געפעל־
לען. ביהוט — אָפּגעהיט. ביהענד, ביהענדן, ביהענט — שנעל, געשווינד.
ביוואַרטן — האָבען אָפּגעהיט, האָבען באַוואכט. ביז (לייענט בייז) — בייז,

שלעכט. ביזי — בייזע, שלעכטע. ביזאכן — פארזאָרגען, האָדעוועץ; איינ־
ריכטען. ביז אל הער — ביז איצט. ביזליך (לייענט: בייזליך) — שלעכט,
ביטער. ביזלע — ביסעלע. ביט (ל׳ בעט) — דיענער, לאַקיי (דאָס איז אַ ביי־
ערישע פאָרם פונ׳ם דייטשען וואָרט באָטע). ביטאָרן — אָפּנאַרען. ביטן —
בעטען, דאוועגען, מתפלל זיין. ביט לייז (לייענט צוזאמען ביטליין) — דיענער.
כלאָפּ (איינצאָל און מערצאָל גלייך). ביטראַב — פועלט, קומט אויס, פאלט אויס.
בייא לייב (א שבועה) — ווי דער לעבען איז (מיר, דיר) טייער. בייא שטאָן—
פּאָלגען. בייד, ביידי —ביידע. ביידי... אונ׳ — סיי... סיי (אזוי ווי אין
ענגליש: באָטה... ענד). בייטן — ווארטען. בילוטן (לייענט: בעלוטען) —
זיך לאָזען הערען, קלינגען, הילכיג זיין. בילייגן — פאָרלעגען, דאָקומענטאליש
באשטעטיגען, באווייזען מיט פאַקטען. ביליך — ביליג, גערעכט, פאסיג. (פון
דעם נעמט זיך דער היינטיגער יידישער קאָמפּאראטיוו בילכער). ביטרן —
געפינען (ל׳ פינדען): בינדען, ז׳ אויך בונט. בינז — בין עס. ביפּאָרני
— צוערשט, קודם. ביפסט (לייענט: בעפעסט) — באפעסטיגט. בי־
צוואנג — האָב, האָט איינגענומען, באַהערשט. ביצווינגן — מאַנס
זיין, פארגוואלטיגען. ביצייגן — באשטעטיגען אַלס עדות. ביקעהרן
זיך — אומקעהרען זיך. ביקענען — מודה זיין, באַשטעטיגען. ביקערט —
באקערט, באוואנדערט, , באַהאַווינט. ביקרייזן — ארומרינגלען. בירייען —
הרטה האָבען. בישוועצן — אויסלאכען. בישווערן — אונאנגענעמליכקייט.
בישטאַט — בלייבט. בישטאַן — באשטעהן, באקומען, אויסהאלטען, שטעהן
בלייבען. בישיידליך — דייטליך, קלאָר פארשטענדליך. בישיקן — צושיקען.
בלאז — בלויז, בלאָז. בלג — (לייענט: באלג) — שלאָגעניש, אמפערניש, הויט.
בלד — באלד. בלוט — בלוט; (ל׳ בעלוט:) — 1. 3. פערז. איינצאָל פון
„בילוטן“. בלום — בלומען: די וואונד ביי יעזוס קריסטוס. בלייבען צום
טייל — צוגעטיילט ווערען. בלייטן — באלייטען, באגלייטען. ב׳מ — בכל
מקום (?). בנג — באַנג. בע... — ז׳ אויך ב... בא... בי... בעהגלע — ביג־
לען, פרעסען וועש (בייעריש). בעהעפטן — ארומבינדען, אויספלעכטען.
בעו׳ה. — בעונותינו הרבים. בעט — א בעט; בקשה. בעטליין — בקשה.
בעטן ברוט ז׳ באָטן ברוט. בעך — ז׳ באַך. בעשוף — האָב, האָט באַשאַפען.
בר — ז׳ אויך באר... בור... ור... פאר... פור... פער... פר... בראַד, בראָט—
ברויט. בראָדעהויב (בייעריש) — גאַרדעראָבע (?). בראָך — האָב, האָט גע־
בראָכען. בראָך אויש — ז׳ אויש ברעכן. בראָכט — האָב, האָט געבראכט.
ברוד, ברוט — ברויט. ברויט—כלה, ברויט. ברויטן חתונה האָבען. ברוכט—
(ל׳ בראָכט) — ברענגט; האָב, האָט געבראכט. ברומן (לייענט בעריועמען) —
בארימען. ברייד (לייענט:) — פרייד. ברײדלן (לייענט: פריידלין) —
פריידעל, (א פרויען־נאָמען). ברייט (לייענט: בערייט) — גרייט. בריאן —
געבראָטענס. ברם הרציג — בארמהאָרציג. ברנדוניה (לייענט: בערנאַדאָ־
ניא) — א פרויען־נאָמען. ברעטלין — געבראָטענס. בשיידן — דערצעהלען,
געבען אַ באריכט, אויסרעכענען (פאקטען).

ג.

ג... — ז׳ אויך גי... גע... גאב — גאָב, מתנה, חלק. גאָטיז, גאָטיש,
גאָטעש, גאָטש — גאָט׳ס, פון גאָט. גאָטשפורכט — יראת שמים, פרומקייט,
עהרליכקייט. גאָך — אײלעניש, שנעל, גיך. ז׳ אויך גויך. גאן — געהן.
וואל גאן — וואויל געהן, וואוילטאג, פארגינען. גאנן — פארגינען. גדנק—
געדאנק. גו׳ — גאָט. גוט — גוט, פארמעגען, האָב און גוטס. גויך — נאר,
טפש, קוקוק (פויגעל). גוך (לייענט: גאָך) — איילעניש, גיך, שנעל. גולדן—
גאָלדענער. גונירין — פריינדין. גזיין (לייענט: געזיין) — זיין, עקזיס־
טירען. גי.. — ז׳ אויך ג..., גע... גיאכט — ז׳ אכטען. גיאכפּרט — גע־
אכטעט, געעהרט. גיבערד — דאָס באנעהמען זיך, די אויפפיהרונג. גיברעכן—
אויספאלען צו חלק. גידאַן — נגישות, המצאות, געדיכט, קונסטווערק, קינסט־
לערישער טאַלאַנט. גיה — געה. גיהערנשט — געהארנישט, געפּאַנצערט.
גיוואַן — האָב, האָט געוואונען; האָב, האָט געהאַט א קינד. גיוואונד — פאר־
וואונדעט, (פון: וואונדען), געוועגדט (א פארגרייזט פאָרם פון וועגדען). גי־
וואלט — רשות, מאַכט. צו גיוואלט האבן — האָבען אין זיי רשות, אין זיין
מאַכט. גיווין — געווינס. גיווינן — געווינען, האָבען אַ קינד. גיווערן —
ערפילען. גיוועשט — געוועזען. גיוטי — גוטקייט, חסד. גיזאגן — רע־
דען, זאָגען, דערצעהלען. גיזאנט — געשיקט. גיזונט — געזונט, געזינדיגט.
גיזיין — זיין. גיזעלן זיך — זיך פאראייניגען. גיזעץ — געזעץ, פערז,
כטראָף. גיזעש — וואוינאָרט, לאגער. גימיט — געטויט, געמאָרדעט. גי־
טראָגן אב—פארלאָרען. גילאָג—האָב, האָט אפּגענאָרט, פארפיהרט. גילאַן—געלאָזט.
גילוגן — געליוגט, געזאָגט ליגען. גילעבן — לעבען. גימאך — הויז, צימער,
וואוינונג. גימוט — געמיט, שטימונג, געשטימט. גימעכליך — באַקוועם,
ווי ביי זיך אין דער היים, היימיש. גימערט — פארגרעסערט, פארמעהרט,
דערצעהלט (א מעשה). גין — געהן. גינגן — זייגען געגאַנגען. גינוד —
גענאַד. גינעהן — מקרב זיין, דערנעהענטערען. גיפאטר — געפאטער, סנדק.

גיצעלט — געצעלט (קאַמער). גיראכן — זיך נוקם געווען, נקמה גענומען. גי־
רעגן זיך — זיך באַוועגן, זיך קעהרען. גירעכט — פאַסיג, גערעכט. גישאַף—
איז געשעהען. גישטאלט — (האָב, האָט) געשטעלט. גישטירביסט— שטאַרבסט.
גישיכט — געשעהט, געשיכטע. גישטיין — שטיינער, אַ הויפען שטיינער.
גישנט (געשאַנט, געשענט) — געשענדעט, צו שאַנד געמאַכט, געטאַדעלט, געשאַנע־
וועט. גישפּיין — מאַלצייט. גלאַבן — גלויבען. גלורייא — (לייענט: גלאָראַי
אָדער גלאָרעי. לאטייניש־פראנצויזיש, באגעגענט זיך אינ'ם קלאסישען מיטעלהויך־
דייטש) — רוהם, בארימטקייט. גלידיג — גליהענדיג, צעגליהט. גמירטערט
(לייענט: געמעריטערט) — פאַרדינט. (דאָס איז אַן איטאַליעניש וואָרט). גנגן
(ל' גאנגען) געגאנגען. ' גניש—גענים. גננט — גערופען מיט'ן נאָמען. גע...
ז' אויך ג..., גי..., געאַרדינירעט — באפוילען, באשערט. געבאגן — קרי־
געריי, סכסוכים. געביר — חוב. געבן — געבען, מאַכען מתנות. גגעדיג
זיין. געבן זאמן — צונויפמישען, געבען זאַמען, חתונה מאַכען, צונויפפּאָרען.
געווערן — אָפּגעבען. געזאנט — געשיקט. געיל — שטאָלץ, מיט תקיפות,
מונטער. געלטן — באצאָהלען, ליידען פאר (זינד). געלן (לייענט: געלין —
קאָנקורענטין, קעבסווייב, מיטווייב. געמיין — צוזאמען. גען — קיין (דריקט
אויס אַ ריכטונג — געהן, פאָהרען קיין...) גענאָם — גענאָסע, לעבענסבאגלייטער,
באגלייטונג. געניגן זיך — באנוגענען זיך. גענין — געהן. גענם (פארגרייזט
אנשטאט גענוס, לייענט: גענאָס) — חבר, באגלייטער, חבר'טע, באגלייטונג, חבר־
שאפט, ווערדע, חשיבות. געצעכט — זיך משמח געווען, גע'שכור'ט. גערינג
—קליין, אונבאדייטענד. געשטרט, געשטרן — (געסטערען) נעכטען. געשי—
זשעדנע, קמצנ'יש. געשן (ל' געסען, געזען) — געגעסען, גאַרען (אויך מערצאָל
פון געשי, ד. ה. זשעדנע). געשפּיעזן — געגעסען. געהאט מאָלצייט. געפיל
— איז געפעלען געוואָרען. גצויגניש — עדות, דאָס עדות־זאָגען. גר (לייענט:
גאָר) — גאָר. גראָבן — גרוב, קבר. גראָש — גרויס, (א) גראָשען (מטבע).
גרוב — גרוב, קבר, (ל' גראָף)—גראָף. גרונדן — דערגעהן צום סאַמע גרונד,
אויסשעפען. גרוש — ז' גראָש. גרייז — גרוי, גרייז (זקן). גרייז —קרייז,
קרייץ. טעות, פעהלער, גרייז. (די ווערטער „גרייז“ און „גרייזן“ אין זינען פון
„פעהלער“ באגעגענען זיך שוין אין אַלטע צייטען, צ. ב. אין דער הקדמה צו אליהו
בחור'ס איבערזעצונג פון תהלים. נאָר פון וואנען די ווערטער שטאַמען, איז
ניט קלאָר.) גריינן — שרייען. פילדערען. גרישן — (לייענט: גרעסן)
— פארגרעסערען, אויסשפּרייטען. זיך גרישן — זיך פארגרעסערען, זיך
פארשפּרייטען. גרמרצי (לייענט: גראמערצי) — מערסי! אַ גרויסער דאנק!

ד.

דא — דאָ, ווען, וואו אזוי, ווי, ווייל, דאַן, דאַך, פונדעסטוועגען, דער־
ביי. („דאַ“ האָט די פארשיידענסטע באדייטונגען און אָפטמאָל גאָר קיין באדיי־
טונג ניט. אָפטמאָל דיענט דער „דא“ איינפאך כדי אויסצופילען אַ פערז). דאַ
אינן — דעריין, אין דעם, דאָרטען. דאָבן — דאָרט אויבען. דא... הין—אַהין,
וואוהין, אין וועלכער, אין וועלכע. דאַז, דז, דאש, דש, דאס, דס — דאָס, די־
זעס, אָט דאָס, אז, אזוי, אז, כדי, וואָס, וועלכעס. דאטאַ — דאַטום, דער דאָזיגער
פונקט. ביז דאטאַ — עד כאן. דא ער מיט — דערמיט. דא... פון — דער־
פון, פון דעם, פון וועלכען, פון וועלכער, פון וועלכע, פון וואַנען. דאר—דאָרט,
דאָ. דאראַן זיין — עקזיסטירען, זיין, זיין ביי עמיצן, זיין ביי עפּעס. דא־
רומב — דארום, בכן. דארך — דורך. דאָרן — פארטרוקענט ווערען. דאש
— ז' דאז. דודן פון מאגנצה (לייענט: דאָדאן פאָן מאגאנצא) — אַ מאַנסב.
נאָמען. דוי (ל' דאַי) — דאָ. דויר פלייש — מאגערע פלייש, רויהע פלייש.
דוך — דאַך. דוכס (לייענט: דוקס) — הערצאָג, הויפטמאַן פון אַ שטאָט. דינשט
— שקלאַפעריי. דורנירן — ז' טורנירן. דז — ז' דאז. די, דיא, דיע — די.
וועלכע. דיזווינטורט (לייענט: דיזווענטוראט)—אומגליקליך (דאָס איז אַן
איטאַליעניש וואָרט). דיין — דיין, פון דיר, איבער דיר. דיינט וועגן — דיי־
נעטוועגען, פאר דיר. דיכט — טראכט, דענק, טראכט אויס. דינן — דעריין,
אין דעם, איגוויינינג, דאָרט אינווייניג. דיינר — ז' דיין. דיש (לייענט:
דעס) — פון דעם. דיש (לייענט: דעס) — פון דעם, פון איהם. דן — ז' דען.
דעגן — העלד, קריגסהעלד, גבור, שווערד, שטעכמעסער. דען — דעם, איהם, דאַן.
דעמאָלט, איידער, ווי, פאר. דערנאַך — פונדעסטוועגען. דער — וועלכער,
דער... ז' אויך אר..., דר..., ער... דער הובן (לייענט: דערהאָבען) — דערהויבען.
דער וויל דש — דערפאר ווייל. דערפן — דאַרפען, קענען. דער פרוגן —
אויספרעגען. זייט אייך דער פרוגן — פרעגט זיך אויס. דער שוויגן —
איינשטילען. דעשטך — פונדעסטוועגען. דר... — ז' אויך אר... דער..., ער...
דראנג טון — באפאלען. דר דאכט — צוגעטראכט. דר וויל—אזוי ווי, ווייל.
דר ווערן זיך — אויסהיטען זיך, שיצן זיך. דרוט (לייענט דראָט) — שנעל,
איילינג. דרום — דארום, צוליב דעם: שטיק, טייל, סוף. דר ורייאן — דער־
פרייען. דרייאן — דרעהען, דראָהען, סטראשען. דרייט — ז' דרייאן. דרינגן
— אריינרייסען זיך, צונויפלויפען זיך. דר לאַיזן, דר לוזן, דר לויזן, דר ליזן—
דערלייזען, אויסלייזען, באפרייען. דר נערן — דערנערן, רעטן, ראטעווען, ביים

לעבען דערהאלטען, ישועות שיקן (וועגן גאָט). דר צילן — דערצעהלן, אויסרעכע־
נען, אויסדערצעהלען אינגאַנצען. דש — ז׳ דאָז. און דז. דש ערשט (לייענט:
דעם ערשט) — צוערשט, קודם. (לייענט: דאָס ערשט, דאָס ערשטע) — דאָס ערשטע.

ה.

האָר — (בייעריש) — הייד, עבודה־זרה׳ניק. האָירן — הערען. האָכט־
ראבען — הויך שטייגן, הויך אָנשפּאַרען. האלבר צוליעב, וועגען, צו. האָלד
— פריינדליך, פול מיט ליבשאפט. האלט — האלט, טאַקע, גראָד. האָלטן—
האלטען, מיינען, גלויבען. האלטן אין הוט — אָפּהיטן, באוואכען, פארזאָרגען.
האלף — האָב, האָט געהאָלפען. האלפט — העלפט. האלפסט — האָט גע־
האָלפען. האן — (איך) האָב, האָבען. האנט שלאק — תקיעת־כף. האָפּארט
— שטאָלץ, תקיפות, אונבאפהעגגיגקייט, די אויפפיהרונג פון אַ האָר (דערפון דאָס
היינטיגע אידישע וואָרט: האָפּעדריג). האָרט צו — הערט זיך איין, האָרכט צו.
האָרן — אורין, השתנה, האָרן גלאָז — אַ גלאָז פאר אורין (וואָס דאָקטוירים נע־
מען ביי פּאציענטען). האָרניש — פּאַנצער. הוב אָן — האָב, האָט אָנגעהויי־
בען. הובן אָן — האבען אָנגעהויבען. הוט — הוט, זאָרג, וואָר. אין הוט
האלטן—ז׳ האלטן. גאָטש הוט — גאָטס השגחה. הויאן — האָקען, צעהאקען.
הויב — האָק, האַקמעסער. הויזגעמאך — הויזליכער קאָמפאָרט, היים, היימיש־
קייט. הויפּש — היבש, שעהן. הוך (לייענט: האָך) — הויך. הולד —
ליבע, פריינדשאפט. הולין (לייענט: האָלען) — נעהמען, שעפען. הון
(ל׳ האָן) — (איך) האָב, האָבען. הונג — האָב, האָט געהאַנגען. הופמאן (ל׳ האָפּ־
מאַן) — הויף־דיענער. הור — זונה. הושט (לייענט: האָסט) — האָסט.
היולפט — (ער) העלפט. הייבט — הויפּט, קאָפּ. הייך — גלאטעס ניט באַ־
ארבעטעס שטיק לאנד, מיט ווילדע גרינס, לאָנקע, סטעפּ. הייל — חסד. היימן
— אין דער היים, אַ היים. הילג — הייליג. הילט — ז׳ העלן. הילט — האָב,
האָט געהאַלטען. הימליש בראָט — לחם מן השמים (שמות ט״ז 4), מן. הינגאט—
געהט אַוועק. הינדרין — הינד (א הירש א „זי“) הין וועק גאָן — אַוועק־
געהן. הינוועגן — אַוועק. הינוועגן טרוג — האָט אַוועקגעטראָגען. הינט
הויז — הינטערהויז. היניין — אריין. הין נאָך — דערנאָכדעם. הינקער—
אַהין קעהר, טו אַ קעהר. הים — האָב, האָט געהייסען. הירן—ל׳ און ז׳ העריז.
היש — ז׳ הים. הנט — האַנט. העטשט—(דו) האָסט גזאָלט, וואָלסט געהאַט.
העיר — מיליטער, חיל. העל — גיהנום. העלע פיין — די יסורים פון
גיהנום. העלן — הילכען, שאלען. העלט, הילט — (ער) הילכט, שאַלט.
הענדל—מערצאָל פון האנדל. הענשיק—הענטשקע. העקן—האַקען. הער—אַהער.
הער, האר. הער בור איילן (ל׳ הערפאָר איילען) — איייליג קומען. הערי — האר.
העריז — האריגטע, באלעבאָסטע, דאמע. הערנידר — אראָפּ. הערפאָר דרינגן
— ארויסרוקען זיך אין פאָרענט; הרגן — הרג׳ען. הר וארהר — פאראויס.
הר וארהר גאָן — פאָראויסגעהן, האָבען דעם פאָרצוג. הרט — (ל׳ הארט) האָרט.
(ל׳ האָרט) — הערט, האָרכט.

ו.

ואנגט — פאנגט. ואנט — האָב, האָט געפונען. ואר — פאר. ז׳ אויך
וואָר. וואגילן — וואקלען, שאָקלען, שאָקלען זיך, באוועגען זיך. וואהל — ז׳
וואָל. וואהנען — ז׳ ווענן. וואוך — וואָך. וואונן — וואוינען. וואופן—
וועהגעשריי, קלאָג. וואופן גישריען — וועה־געשריען. וואורד — בין גע־
וואָרען, איז געוואָרען. בין, איז געווען. וואורדן — זיינען געוואָרען. וואורט
— ז׳ וואורד. וואושט — האָט געוואוסט. וואז — בין געווען, איז גע־
ווען, וואָס, וועלכעס. וואטטשאפט — גארדעראָבע, מלבושים. וואכטל — וואכ־
טעל, פּערעפּיאָלקע (העבר. שליו, ענגל. קוועיל). וואָל — אודאי, אפילו, זיכער,
טאַקע, וואויל. וואָל גאן — ז׳ גאָן. וואָל גיטאָן — מיט אַ גוטען כאראקטער.
וואל גימעט — גוט געשטימט. וואָלן — וועלען. וואנדלער — וואנדערער.
אורח. וואן הפטיג — וואוינענדיג, וועלכער וואוינט. וואָס — בין געווען.
איז געווען. וואר — בין געוואָרען, איז געוואָרען, בין געווען, איז געווען.
וואָלט געווען. וואר — אמת, ריכטיג, רעכט. וואר האבן — רעכט האָבען.
גערעכט זיין. ווערן וואר — מקוים ווערען. עס זאָל ווערן וואר — אמן!
אמן סלה! ווארד — ז׳ וואורד. ווארלייכן — ז׳ ווארליך. ווארליך —
באמת, זיכער אודאי, אמת׳דיג. ווארעט — גדעויערט. וואש — ז׳ וואז.
וואשר — וואַסער. ווז — ז׳ וואז. וויא — ווי, וועה. ווידר — ווידער.
פונ׳ס ניי, צוריק, קעגען, אנטקעגן. ווידר — שעפּס (אן „ער“). ווידרזייך —
געזאָגט אַקעגען (פון ווידרזאגן). קאָן אויך האָבען די באדייטונג: אָפּגעזאָגט,
אָפּגעריסען די באציהונגען. ווידר פארן — געשעהען, טרעפן, אקעגען קומען.
פּאַסירען. ווי וואל — אַבוואָהל, הגם. ווייאר — טייך, אָזערע. וויידליך—
בישקשת׳דיג, כדבעי. ווירדן — פּאשען. וויין — קלוג. וויכט — בריאה,
באשעפעניש. אלז איין וויכט — אלץ איינס. וויל — (איך, ער) וויל. (איך)
וועל. (ער) וועט. ווילד ברעטלין — ווילדע חיה, ווילד־פויגעל. וויסטניי—

מדבר, וויסטעניש. וויע — ווי. וויץ — שכל, פארשטאַנד. ווירד — ווערט. ווירט — ווירט, בעל הבית, ווערט, ווערט. ווירפל — ביינדעל (צום ווארפען אין שפיעל) שפיינדעל (דאָס זעלבע). וויש — האָב, האָט געוויזען. ווע — וועה. וועג צוט — געהט אַוועק, טרייבט אַוועק, פיהרט אַוועק. וועדר... נאָך — ניט... און ניט, סיי ניט. וועדר ורוי נאָך מאַן — ניט אַ פרוי און ניט אַ מאַן. וועלט — וואָלט, וואָלט וועלען, (איהר) ווילט, די וועלט. וועלט בוך — ניט קיין רעליגיעזעס בוך, וועלטליכעס בוך. וועלכירלייא — וועלכערליי. וואָס נאָר, אלצדינג וואָס. וועלן — (מיר זיי) ווילען, וועלען. וועלקערן — וועלגערן, קנעטן. וועם — וועמען. וועז — ווען, דען, (ביי פארגלייכונגען:) איידער, ווי וויל. וועננ (ל׳ וועננען) — גלויבען, מיינען, האָפען, זיך איינרעדען. וועננקן — אַפווייכן. וועק — קוילישט (חלה צו פורים). וועד — פארטיידיגונג, ווידערשטאַנד, וועד, וואָלט געוועזן, וואָלט געוואָרען, איז געוועזן, איז געוואָרען. ווערד — ווערט, ווירדיג. ווערין — ז׳ ווערן. ווערן — פארטיידיגען, שיצען, פארהינדערען, אָפשאפען, לעבען בלייבען, בלייבען, צאָלען, וועשן — וואַשען. ווש — ז׳ וואז. ויכט (לייענט: פיכט) — סאָסנע. ז׳ פילט. ויכט (לייענט: וויכט) — באשעפעניש, בריאה, ז׳ פילט. ויל (לייענט: פיל) — פיעל. ויר (לייענט: פיער) פיער. וירט — (דער) פערטער. וירטייל — פערטעל. וירני (לייענט: פירנע) אַלט. ויש (לייענט: פיש) — פיש. ולוך — האָב, האָט געפלוכט, געזידעלט. וליש (לייענט: פליש) — פלייש. ון (ל׳ פאָן, פון) — פון. ועלשרייא — פעלשעריי. ועסטי — פעסטונג, פעסטקייט. ור — פאר. וראַא — פרעהליך. ניט וראַא — אומעטיג. ור אונמערט — פארשעמט. וראַש — זשאַבע. ור גאָס, ור גאַש, ור גש — האָב, האָט פארגעסען. ורויא (לייענט: פרוי) — פרוי. ור ולבן (לעזט: פערוועלבען) — אויסביגען, ווערען אויסגעבויגען, צוקנייטשען, צעקנייטשט ווערען. ורומי (לייענט: פרומע) — פרומע. וריאן (לייענט פריען) — פריה אויפוואַכען, פריה אויפשטעהן. ורייד (לייענט: פרייד) — פרייד. וריסט — צייט. וריש (לייענט: פריש) — פריש. ור מעסן — פארמעסטען, באַשטימען, באַשליסען, באהויפטען. ור נעמן — הערען, פארשטעהן. ור שמעהין — מבזה זיין, פארשעמען.

ז.

זאג — זאָל זאָגען. זאך — האָב, האָט געזעהען. זאך אן — האָב, האָט געוועֶנדעט דעם בליק, אָנגעקוקט. זאלב אכט — זאַלבע אַכט (אנטאָלאָגיע) ז. 15). זאלם — לאקס (אזא פיש). זאמן — זאָמען (זרע), זיך זאמען, צוזאמען. זאנדער הילף אונ׳ ראט — הילפלאָז און ראטלאָז. זאנט — האָב, האָט געשיקט. זאָס — בין, איז געזעסען. זוכט — האָב, האָט געזוכט. זולט — זאָל. זולכש — אַזעלכעס. זונדר — אויסער, אָהן. זי — זי, זיי. זיטע — אַנשטענדיגקייט, עטיקעטע. זיי — זאָל זיין, זאָל ווערען. זייט — זייט, סטרונע. (ער, איהר) זאָגט. זייטנשפיל — דאָס שפיעלען אויף סטרונעס, סטרונען־מוזיק. זיין — זיין, (מיר, זיי) זיינען. זיינד — ז׳ זיינט. זיינט — (איר) זיינט, (מיר, זיי) זיינען. זיך — זיך, (איך) זעה. זיכט — זעהט. זיכסטו — זעהסטו. זיל — זעעל, נשמה. זינד — (א) זינד, חטא. (מיר, זיי) זיינען. זינט, אזוי ווי. זינט דעם מאָל — היות אַז. זכן (לייענט: זאַכען) זאַכען, ענינים. זענן — בענטשען, ברכה. זעכט — זעהט. זעלטן מאַן — גילקליכער מענש, אויסגעצייכענטער מענש.

ח.

חאסיטה — ציבעלע (?). חיות (ל׳ האיוויס) — (העבר.) איינער פון די העכסטע ראנגען פון מלאכים, דהיינו: יענע מלאכים, וואָס טראָגען אויף זייערע פליגלען דעם אויבערשטענס, כסא־הכבוד. — אויך מערצאָל פון חיה (טיר, לעבעדיגע באשעפעניש). חלוקים זאגן — (חעבר.) לערנען געוויסע פלפול׳יסטישע פירושים אויף דער גמרא.

י.

יוהאשי האביטעי — (א סטודענטישער אויסגעשריי, אן ערך ווי „הורא“, אָדער א שעלמישער „שלום־עליכם“. דער אויסדרוק איז ניט קלאָר. ענליכע אויסדרוקען באגעגענען זיך אין די דייטשע בחורים־לידער פון 16־טען און 17־טען יאָרהונדערט). יוי (ל׳ יאָי) — יאָ. יונג אונ׳ אלט — אַלע, אַלע מענשען. יונגשטש גיריכט — דער יום הדין, דער קץ. ייהן (לייענט: יעהען) — ז׳ יעהין. ייפטן — עגיפטען, מצרים. יעהין, יעהן (ל׳ יעהען) — זאָגען, דערציילען. יעצונד — איצט.

ל.

לאב — לויב, שבחים, רוהם. לאָבן — לויבן. לאָג — בין, איז געלעגען. לאווירן (לאטייניש) — וואשען. לאז — האָב, האָט געלייענט. לאט — לאָזט.

לאַמפּאַרטן — לאָמבאַרדיע (אַ פּראָווינץ אין צפון־איטאַליען.) לאַז — לאָזען.
לאַנגען — דערלאַנגען, געבען, אונטערטראָגען. לאַנט — לאַנד. לאַנץ — פּיקע,
שפּיז. לאַסטער — אומכבוד, שאַנד, פעהלער, פאַרברעכען, זינד, זלזולים. לאַסן
— ז' לאַשן. לאַשן — לאָזען, פאַרלאָזען, געלאָזט. לוב — ל' און ז' לאַב. לובּ־
זאַן — געלויבטער, מיט לויבגעזאַנג, באַצירטער. לובן — ל' און ז' לאַבן.
לויט — הויך, הילכיג, אויפ'ן קול. לוויטי — (די) לייט, מענשען. לויף־
גאַנג, מנהג, אויפפיהרונג. לון (ל' לאָן) — לוין, שכר, לאָזען. לושט — לוסט.
ליגן — לעגן. לידיג אונ' לום — פריי און אויס, נעהמט אַ סוף. לידל —
קערל. ליוואַ (לייענט: לעווע) — לייב (אריה, — אַ חיה און אַ מאַנסבילשער
נאָמען, לייבע, ווי אין יהודה לייב.) ליזל — ז' ליצל. ליי (לייענט: לאַי)—
ניט קיין גייסטליכער, אַ וועלטליכער מענש. לייאַן — לייענען (בבא־בוך, ז. 24.
סטראָף 18, שורה 5). דאָס איז ניט קיין דייטש וואָרט, שטאַמט מסתמא פון לאַ־
טיינישען לעגערע. לייב — לעבען, לייב, קערפּער, גוף. לייגן — ליגן זאָגן.
אַנטלייהען, אוועקגעבען אין לעהן (ז' לעהן). ליידיג — שלעכט, בייז. ליידן—
ליידען. זיין צו ליידן — פאַרהאַסט זיין. לייכט — לויכט, פּיליוכט. לייען
— ז' לייאַן. ליישטן — לייסטען, אָפּ'פּטר'ען, אויסליווערן, פאַרראַטען, לאָזען
(אויגעם) אויסגעשטעלט. באַלעסטיגען. ליעם — האָט געלאָזט. ליפליך—לויב־
ליכער, אַ טיטול פון אַ באַאמטען אָדער פון אַן אַמט, פון אַן אָפיציעלער אַנשטאַלט.
ליבליך: הויך ליפליך — (דייטש: האָכלעבליך). ליצל — ווייניג, כמעט ניט,
ניט. ליך — חן, בליק. ליש — האָב, האָט געלאָזט. למבליין — לעמל.
לנט — לאַנד. לעבטי — האָט געלעבט. לעהן — לעהן ד. ה. אַ נחלה, וואָס מע
פלעגט אין מיטעלאַלטער קריגן פונ'ם הערשער. לעדיק —לידיג, פריי. לעכט
— פיעלייכט, אפשר, טאָמער. לער — פוסט, פריי, באַרויבט.

מ.

מאַאַד — (בייעריש) — דיענסטמויד. מאָג — וויל, האָב, האָט ליעב.
מאַינן — מעגען. מאַיד — דיענסטמויד. מאַכט — געקאָנט, געזאָלט קענען.
געוואָלט, געזאָלט וועלען. וואָלט געמעגט, וואָלט געוואָלט. עס מאַכט — הלואי
וואָלט. מאַכן זיך — געשעהען, אויסקומען, קומען צו אַ תחלית. מאָלט—ז'
איין מאָלט. מאַן — מאָן. (מערצאַל: מאַנין — מאַנען, מענער). מאַנגע —
אויסגלעטען וועש (בייעריש). מאַנן (לייענט: מאַאַן, מאַאַנען) — מאַכט, כח,
קראַפט. מאָרגנגאַב — געשאַנק פונ'ם חתן צו דער כלה, וועלכען ער גיט איהר
(לויט'ן אַלטען דייטשען און אידישען מנהג) צו מאָרגען נאָך דער חופה. מאַריך
אַף (העבר.) — דער לאַנגעדולדיגער (ד. ה. גאָט). מאַש — מאָס. אויס דער מאַ־
שין — אויסערגעוועהנליך. מאַשם זיין (העבר.) באַשולדיגען, פאַראורטיילען.
מור (ל' מואָר) — זומפּ, ים. מור (ל' מאָר — מדה, באַנעהמונג (איטאַליעניש)
מור — מויער. מור (ל' מור, מיור) — צאַרטקייט, צערטליכקייט, לאַסקע. מורדן
— מאָרדען. מוש — מוז. מ'ח — מלאכי חבלה (די מלאכים, וואָס פּייניגען
די רשעים אין גיהנום). מ'ט — מאי טעמי, מאַיעסטעט (!) (אַנטאָלאָגיע ז. 77).
מי, מיא (ל' מי) — מיה. (ל' מעע) — מעהר. מיאַן — מיהען, מטריח זיין
מיגן — מעגן. מיין — מיין, פון מיר, איבער מיר. מיינט וויהגען — פון
מיינעטוועגען. מיינר — ז' מיין. מיינסטר — מייסטער. מיינסטר שטוק
— מייסטערשטיק. מיישטאַט — מאַיעסטעט. מין (לייענט מעין) — מעהר.
מיכן — מיך עס. מינר — ווייניגער, שוואַכער, מינדערווערט. מינר מאַכן —
פאַרקלענערען, מאַכען וואָכענדיג. מיסטאַט — פאַרברעכען, חטא. מיסטע — וואָלט
געמוזט. מישן—מוזען. מלאַנקאָלייאַ—מעלאַנכאָליע. מן—מאַן, מען, מע. מעהן
— מעהר. מעהרן — ז' מערן. מעכט — ז' מאַכט. מען — מיין, מעהר.
מעניך — מאַנכער, פיעל. מענכר — מאַנכער, פיעלפאַכער. מער — (אויס־
געטראַכטע) מעשה. (פּאָעטישע) דערצעהלונג, געשיכטע, זאַך, ענין. ווש דאַ אישט
דער מער (אַנטאָלאָגיע, ז. 16) — וואָס דאָ איז דער מער. מערן — פאַרמעהרען,
פאַרגרעסערען, נאָך מעהר געווינען, דערצעהלען.

נ.

נאַבוט — איינגעמאַכטס ? (אזא שפּייז, צוגעגרייט אין האָניג). נאָך —
און ניט, אויך ניט, נאָך (דערנאָך), פון דעסטוועגען, נאָכגעמאַכט; אַזוי ווי (יענער)
נאָך דרייאַן — דראָהען אַזוי ווי ער. נאָך מאַהלין — נאָך אַ מאָל. נאָך שטאַן,
נאָך שטעניך — נאָכמאַכען, נאָכפאָלגען. נאָם — האָב, האָט גענומען. נאָמען.
נוט (לייענט: נאָט) — נויט. נוויאַרט — נאַר, נור (שטאַמט פונ'ם מהד. ני־
וועד, נעווער, ניאור, נייאור, ד. ה. נאַר) נוזף (בייעריש)—אַהין, אַרויף.
נוך — ז' נאָך. נומע — ניט מעהר, גאָרניט מעהר. ני, ניאַ — קיינמאָל ניט.
ניך — ניט, נישט. ניהע (בייעריש) — נייען (נעהען מיט אַ נאָדעל). ניטן
(לעז ניטען) זיך — סטאַרען זיך, איבען זיך, געניט ווערען. ניטן (ל' נעיטען)
— פאַרגעוואַלטיגען, שענדען (אַ פרויענצימער). נייאַרט — ז' נוויאַרט. נייך
— קנאה, שנאה, שנאה־קנאה. ניידונג — קנאה, אייפערזוכט. נייט — קנאה,
שנאה. נייטן האָבן — נייטיגען זיך. נימאַט, נימאַנט, נימט, נימנד — קיי־

נער ניט. נימע — ניט מעהר. נימער — קיינמאָל. ניקש — גאָרנישט. ניר־
גאנט, נירגן — אין ערגעץ ניט. נעמי — נעמט. נענען — אָנרופען.

ס.

סברה — פארשטענדניס. סיניבלד — (לייענט: סיניבאלד) — אַ מענל.
אייגן־נאָמען.

ע.

ע — ז׳ עי. עבן — עבען, גלייך, טאַקע, פון גלייכען יחוס. עדעלהייט
—איידעלקייט. עה—ז׳ עי. ע׳ה—עולם־הבא, עליו השלום. עהליך—פארהייראט.
עהליכר שטאנד — דער פאמיליען צושטאַנד, פארהייראטער צושטאַנד. עהר —
עהרע, כבוד, חשיבות, עהרליכקייט. עולם — וועלט, עולם. אין עולם — אין
דער וועלט, זינט די וועלט שטעהט. עז — עס. עטוויז — עפּעס. עי — איי־
דער, ווען עס איז, פריהער, אמאָל. עיוויקלייך — אייביג. ענשין — עסען.
עע — געזעץ, תורה. עפּט — אבבאטן (מערצאָל), ד. ה. קלויסטער־עלטסטע.
עקזעמפּל — ביישפּיל. ער — ער. ז׳ אויך עהר. ער... ז׳ אויך אַר...
דר..., דער... ערב — ירושה, יורש. ערבר (ל׳ ערבאר) — איידעל, עהרענ־
האַפט, חשוב. ערגאנץ — ערגעץ. ערגעצן — דערפרייען, טרייסטן, נחמה,
הנאה פארשאפען. ערדאכט — אויסגעטראכט, ערפונדען. ערדענקן — אויס־
טראכטען, ערפינדען. ערם — ער עס. האָט ערם געמאכט — האָט ער עס גע־
מאַכט. ערען דיב — פארלוימדער, חצוף. עש — אַש. צו עשען ווערדען —
ווערען צו אַש. (עפר ואפר). עש — עס.

פּ.

פּאַליסה (אנטאָלאָגיע ז. 88) — ז׳ פּאַליש. פּאַליש — פּאָליש, פּאָרהויף,
פּארקאן, פּאָרהויז (אנטאָלאָגיע ז. 24). (דאָס וואָרט שטאַמט, ווארשיינליך, פונ׳ם
אַלט־איטאַליענישען „פּאַליצצאָ״, היינט „פּאַליצצאטא״ — פּאָרהויף, פּארקאן, און
איז אפשר טאָקע דורך אליהו בחור׳ס „בבא־בוך״ אריין פון איטאַליען אין אידי־
שען געברויך). פּאַנצה—בויך, אונטערלייב (פונ׳ם איטאַליענישען „פּאַנצא״, היינט
„פּאַנטשאַ״). פּומעי — (אן אויסרוף, אַן ערד ווי) „טראך, איי!״ פּלאַן —
פּלאץ (אייגענטל. פּרייער, אָפענער פּלאץ), קאמפּס־פּלאץ, קריגס־פּעלד. פּעולות
טאָן — אויספּועל׳ן. פּפיר — פּאַפּיר. פּפאנד — משכן. פּפאַף—אַ גייסט־
ליכער, גלח. פּפאַרט — טויער, טיר. פּפייגן — גוסס זיין. פּפינגשטן —
דער קריסטליכער יום־טוב לכבוד דער דרייאייניגקייט (דייטש: פּפינגסטען, ענג־
ליש: הוויטסאָן־דעי, טריניטי־דעי, רוסיש: טראָאיצין דיען). פּפעניג — געלט,
פּפעניג. פּפלעגן — זיך נוהג זיין, געוועהנליך זיין אָדער טון עפּעס, אומגעהן
ארום עמיצען. פּרייז — לויב, שבח. פּרייז לאָזן — ריהמען. פּרייזן —
לויבען. פּרעלאט — הויכער קריסטליכער גייסטליכער, שררה.

פ.

פאַגעלן — פויגעלע. פאַטט — פאָרט. פאַטט געהען (בייעריש) אַוועק־
געהן׳ פאנד — האָב, האָט געפונען. פאסט — פעסט, שטאַרק, זעהר, אַ סך,
שטענדיג. פאסלן — געראָטען, איינגעבען זיך, פרוכטפערען זיך. פאַר — פאר,
קודם כל, פאָראויס מעהר פאר, העכער פאר, ליבער ווי. פאר... — ז׳ אויך בור...,
בר..., ור..., פער..., פר.... פאַרבורג — פאַרשטאַט, וועלכע ליגט אויסער די מוי־
ערען פון שטאַט. פאַרבורגן וואך — די וואך, וועלכע שטעהט פאר די מויערען
פון שטאַט. פארבעל — פארפעל. פארגאן — פארגעהן, פארגעהען. פאר גינג
— האָב, האָט אויפגעהערט; בין, איז פארגאנגען. פארגעהן זיך — זיך נאַרען.
באגעהן אַ פעהלער, האָבען א טעות. פארגען — ז׳ פארגאן. פאר גריין —
פארגראָהט. פארדעמפפען — אויסלעשען, פאר׳פטר׳ן. פאר האלבר — אויף
אַ העלפט. פארוואר, פאר וואר, פר וואַר — באמת. פארט — נסיעה, גאנג.
צור זעלבינן פארט — אויף דער זעלביגער שטעלע, צו דער זעלביגער מינוט.
פארליידן — פארקלאָגען, פארהאסט מאַכען, פארדאמען. פארן... אויף... — זיך
שנעל ווענדען צו... פארצעט — דערצעהלט, פארצעהלט (אזוי דערקלערט שודט
אין זיין דייטשער איבערזעצונג פון „מגלת וינץ״). פארצעטן — צעשטריַיען.
פארלירען. פארקארן — ז׳ פערקערן. פאר שטער — מאַך א סוף. פאשט —
שטאַרק, א סך, כמעט. פול — (לעזט: פאָל) — יונגע פערד, אַ פערד אן „ער״.
פול (ל׳ פול) — בלאָטע. פול וואשיר (דייטש: פפוהל — וואשער) — גאַסען־
קעהרער (דער וואָס וואשט אוים די בלאָטעס). פולן ברענגן — פארענדיגען, דער־
גרייכען. פולענד בראכט — פולשטענדיג אוים. פולענדן — פארענדיגען.
פור — בין, איז געפאָרען. פור — פאָר, פאר, ז׳ אויך פר. פור איבר שלאָגן—
איבערהאקען, מפסיק זיין, פארביגעהן, ניט רעדען. פור איינן — פאראייניגען.
פור בורגן — פארבאָרגען. פור גאש — ז׳ פר גאש. פור דערבר — פארדאר־
בער, פארניכטער, צושטערער. פור זאגן — אָפזאָגען, ענטזאגען. פורט —

פיהרט. פורן (לייענט: פורן) — האָבען באגאנגען. פור צאגן — זיך שרעקען.
אראָפפאלען ביי זיך. פור רוטן — פערראטען, פארפיהרען. פושטן — (ניט
קלאָר. אזוי ווי אין מיכל אדם'ס איבערזעצונג פון חומש — 1545־טען יאָהר גע־
פינען מיר: „משתה — איין מאַל י'א איין פושט", — קאָן מען אָננעמען, אַז
פושטן הייסט הוליען). פייגנמוס — צימעס פון פייגן, פייגען־זאפט. פיכט־
אַמפערט זיך, קעמפט. פילט (לייענט: פעלט) — פעלד, באָדען, ערד. צו פילט
אונ' ויכט איז, ווארשיינליך א רעדענסארט: אָדער דאָס הייסט „צו פעלד און
וויכט", ד. ה. פון טויט און לעבעדיג, אָדער „צו פעלד און פיכט", ד. ה. ווי אין
רוסיש „ס־בארו דאָ ס־אָסענק, ז' ויכט. פינט — געפינט, זעהט, באגעגענט. פיק־
טורייא (לייענט: פיקטאָראי אָדער פיקטאָריע), (לאטייניש־פראנצויזיש, באגע־
גענט זיך ניט אינם קלאסישען מיטעל־הויך־דייטש) — זיעג, נצחון. פלוקס,
פלוקש — שנעל, געשווינד, אייליג. פלייש — (לייענט: פליים) — פליים,
חשק. מיט פליישן — מיט חשק, גערן. פלייש (לייענט: פליש) — פלייש,
לייב. פלעהן — שטאַרק בעטען, בעטען מיט געוויין, באשווערען. פלעטי —
אויסגעבעטען (?) זויבער (?) פלעק — שטעלע, אָרט. פעטרליין — טאַטע,
טאַטעלע. פעכטן — שלאָגען זיך. פעלן — אָפּנאַרען, אונריכטיג זיין. פאר־
פעלען, מאַכען אַ גרייז, פאלען, פאלען אין אונמאכט. פעקסירט, פעקסירעט—
פארזאָרגט. פער... ז' אויך באר..., בר..., ור..., פאר..., פר..., פעראירדעט —
פארבלאָנדזשעט. פערגאם — ז' פר גאש. פערדעמפפן — דערשטיקען, פאר־
שווינדען, לאָזען מיט'ן רויך. פערוואורכט — פארניכטעט, פארטיליגט. ז' אויך
פערווירקן. פערווירקן — זיך פארשולדיגען, באגעהן אן עולה. פערוואורכט
— פארשולדיגט. פערזונד — פארזינדיגט. פערקארן — ז' פערקערן. פער־
קערן — איבערמאכען, פארפיהרען, פארקערען אויף אַ שלעכטען וועג. פערשלונ־
דען — ז' פר שלונדן. פר... — ז' אויך באר..., בר..., ור..., פאר..., פער..., פראַ־
ליך — פרייליך. פראַש — זשאַבע. (ל' פראָס) — פרעסער. פר גאש, פר גש
— האָב, האָט פארגעסען. פרוא (ל' פראָאָ) — דערפרייט, פרייליך. פר וואונד
— פארוואנדעט. פר וואָרן — פארפלאָנטערט. פריי אייגן — פרייעס אייגענ־
טום (אַ מיטעלאלטערליכע פעאָדאלע אידעע וועגען פרייען אייגענטום פונ'ם אוי־
בערהערשער, צום אונטערשייד פונ'ם לעהן־אייגענטום, וואָס אן אדעליגער קריגט
פון זיין העכערען, ז' לעהן). פרימפעל — לאָקשען. פר לאמין — קרום
ווערען, הינקעדיג ווערען. פר מעסין זיך — פארמעסטען זיך, דערוועגען זיך.
פר נעמן — הערן, אויסהערען. פרצנע (לייענט: פראנצאָ) — פראנקרייך.
פרעבליך — מוטוויליג, העזה'דיג, פרעך. פר רושטן (ל' פערראָסטן) — פאר־
זשאַווערט ווערען. פר שלונדן — פארשלינגען. פר שמערצן — איבערטראָגען.

צ.

צאָהין — זיינען געגאנגען, האָבען געוואנדערט, גערייזט. צאלן — רעכע־
נען, צעהלען. צאָם — היימיש (וועגען אַ חיה). צאָרין — צאָרן. צו, צוא—
צו, פארשלאָסען, צוגעשלאָסען, פארמאכט. צו בלייבן — פארשלאָסען בלייבען.
צוג — וועג. צו גאָן — אונטערגעהן, צו גרונד געהן. צו גאנץ — אין גאַנ־
צען. צו דרייאן — אין אַ געוויסער שטונדע (אומבאשטימט). צו האנט — צו
רשות, צו פארפיגונג. צוואר — נעמליך, דהיינו, הגם. צו וועלן — אין זינען
האָבען, שטרעבען, קומען צו, סוף כל סוף קומען צו. צווין — (ל' צוועען) —
צוויי. אין צווין — אין צווייען. צוועהל — האַנטוך, טישטוך, סערוויעטע.
צוועינציג — צוואנציג. צוזאמען געבן — חתונה מאַכען, פאראייניגען, צונויפ־
פאָרען. צו טון — צו מאַכען, פארמאכען. צוך — פאָהר, געה. צוך (ל' צאָך)
— בין, איז געפאָהרען. צוכט — דערציהונג, דיסציפלין פון כאראקטער. צוכ־
טיגלייכן — גוט־דערצויגען, וואויל־דערצויגען. צו לאָב — צו לויב, לכבוד.
צו ער, צו עריז, צו ערן — צו עהרע, לכבוד. צופיגן — צוגעבען, צושיקן, באַ־
שערען. צוק — צוג, נסיעה. צוקער הוט — אַ קאָפּ צוקער (ניט צוזעגט אין
שטיקלאך). צו שטיקן — אויף שטיקער. ציהן—1) (לייענט: ציהען) ציהען.
געהן אין וועג; 2) (לייענט: צעען) — צעהן (10), צוינער. ציל — מאַניר.
מאַנירן. ציל און מוט — מאַנירן און דאָס געמיטליכע האַלטען זיך, דער גאַנ־
צער גייסטיגער איינדרוק, וואָס אַ מענש מאַכט.ציל — ענד, סוף. צילן (ל'
צעילען) — ציילען, רעכענען. צין — שפּיץ, קליינער טורעם אויפ'ן דאך פון
א שלאָס. די צינן — דער דאך פון א שלאָס. ציקליין — אַ קליינע ציג, אַ צי־
געלע. צעהרן — ז' צערן. צערונג — נדבות, געלט צום עסען, געלט צום ריי־
זען. צערטיגלייכן — צערטליך. צערן — אויף חיונה האָבען, לעבען.

ק.

קאינז—קאָן עס. קאָל.—מיט אַ פליך. (שערן) ביז'ן הוילען לייב, ביז דער הויט.
קאָם—בין, איז געקומען. קאָם... גיגאנגן—בין, איז געקומען צו געהן. קאָם...
גיטרעטן — בין, איז ארייגעטרעטען. קאמר — וואוינונג. קאָס — רע־
זערוואואר. קאָרט — קערט, האָב, האָט געקעהרט, האָב, האָט אומגעקערט. קווי־
לער — אַזאַ סאָרט הון. קוילער — קוגעל. קוין (ל' קיון) — מוטיג, דרייסט.

קום — זאָל קומען. קומן פון דיא וועלט — אומקומען, שטאַרבען, גע'הרג'עט
ווערען. קומן צו טראבן — קומען איילינ צו לויפען אויף פערד. קומן צו
טרעטן (אנטאָלאָגיע ז. 46, סטראָף 5) — טרעטען־צו. קומסיאָן (לייענט: קאָ־
מיסיאָן) — רעגירונגס־געריכט, אויספאָרשונגס־געריכט. קונד ווערן — באקאנט
ווערען, געוואָהר ווערען, אנטפּלעקט ווערען. קונד טון — געבען צו וויסען.
קונדן — דערצעהלען. קונט (ל' קאָנט) — האָב, האָט געקאָנט. קונט — קונד,
קונה, נאָכריכט, גראף. קוינין — קאָנען. קונפיט (ל' קאָנפעט) — קאָנפעקט,
זיסיגקייטען, באָנבאָנס, („קענדי"). קוצליין — דיקע, וואריטע קאָלדרע. קור
(ל' קאָר) — האָב, האָט אויסגעקליבען. קורצווייל — פארגעניגען, אונטערהאַל־
טונג, פארוויילונג. קורץ ווייליג — אינטערעסאנט, שפּאנעוודיג. קושטן (ל'
קאָסטען) — פארזוכען, דערקענען, קאָסטען. קיגן — קעגען. קיינר לייא —
קיין זאַך. קינד בעטרין — קימפּעטאָרין. קינט — קינד, קינדער, משפּחה.
קינט רכב (ל' רעיכאָוו) — בית רכב, רכבים, יענע פאמיליע אין יהודה, וועלכע
האָט ניט געטרונקען קיין וויין און געפירט אַ לעבען פון נזירים (ירמיה ל"ה).
קיסנציכן — אַ ציך פון אַ קישען. קליף — הויכער שטיין. קנאב — אינגעל.
קנאָלן — קנאַלען, בויקערען, שלאָגען, קנעלען, (מיט קינדער; ז. אליהו בחור'ס
הקדמה צו דער איבערזעצונג פון תהלים). קניטל — שטעקען, דובינע. קנעכט
— בחור, יונג, קערל, מאַן, קנעכט. קעל — גאָרגעל, האלדז. קען — קיין
(צ. ב. קיין רוים, קיין פראנקרייך. ק"ק — קהלה קדושה. קראגן — האַלדז,
גאָרגעל. קראנקן זיך — קימערען זיך. קראפּט — קראפט, ארמעע. קרוג —
קרעטשמע, אכסניא. קרוט (ל' קראָט) — טענה. קרוט — קרויט, רפואה. (מער־
צאָל קרייט — קרייטאכער). קרון (לייענט: קראָן) — קרוין. קרונה (ליי־
ענט: קראָנא) — קרוין. קרייז — ז' גרייז. קרייט — ז' קרוט. קרנג,
קרנק (ל' קראנק) — קראנק. קרעג — האָב, האָט געקראָגען. קרעאַטור —
באשעפעניש. (באגעגענט זיך אָפט אין אַלטען אידיש, שרייבט זיך קרייאַטור,
קרייטר, דאָס וואָרט איז א לאטייןנישעס, וועלכעס איז דורך דעם קלאסישען מהד.
אריין אין אידיש. קרענגל — לעקאָך, קרענדעל. קרענקן — דערנידעריגן,
שעדיגען. קשטן — קאַסטען (איינצאָל און מערצאָל).

ר.

ראָס — פערד (אן „ער"). ראסט — רוה. רוא — רוה, רואטן —
האָבען געתוהט, האָבען זיך צוגעזעצט אָפּצורוהען. רובא — רויב. רוט —
ראט. רויז לאנגע — (בייעריש) ארויסנעמען. רוימן — פארלאָזען (דעם
פלאץ). אָפּליידיגען. רום — רויך. פלייש אוים דעם רום — גערויכערטע
פלייש. ריטן — ז' רייטען. רייזן — צוגרייטען, צוריכטען, פּאלען, זינקען,
אראָפּלאָזען. רייטן — פאָהרען רייטענדיג, באוועגען זיך. (אין עבר: ריט,
ריטן). מיט אנגדר רייטן — פאָהרען צוזאמען, רייטען איינער אויפ'ן צוויי־
טען. ריים — גראם. שטעלן אין ריימן — אויסשטעלען אין גראמען. רייען
— פארדריסען. רייף — רייף, רינג, קרייז. ריכטן — צו שטאַנד ברייג־
גען, מאַכען, אויסריכטען, איינריכטען. ריסטן — גרייטען. זיך צו ריסטן —
זיך צוגרייטען; אָנגורטען די לענדען. ריסט איך צו — גרייט איך צו. ריפן
אן — האָבען אָנגערופען, האָבען צוגערופען. ריצרד — ריטשאַרד (א מאַנסב.
נאָמען). ריק (ל' רעק) — העלד. ר ק (ל' ריק) — פארקאן, צוים. ריקבראטן
— געבראָטענס פון רוקען־פלייש. רישקי — (אוקראאיניש) טויכעל, טייך,
שטראָם. רכין (ל' ראכען) האלדז, גאָרגעל. רעגנשפּוק — רעגענסבורג (א
שטאָט אין בייערען, דייטשלאנד). רעט — בעלי־עצות, ראטגעבערס — (אין מער־
צאָל). רעט (פון רעדען) — רעדט, פארשפּרעכט, גיט אַ צוזאָג. רעכן — נעהמען
נקמה. רעכנן (אנשטאָט רעכן) — נוקם זיין זיך, רעכנען. רענן — לויפען.
רעק — העלד, קעמפער.

ש.

שאָיפּפיר — באשאפער. שאל — גערויש. שאלק — געמיינער מענש,
אויסוואורף (מערצאָל: שעלק). שאנן — שאַנעווען. שאנץ — שאַנס. דער
פאל פונ'ם ביינדעל (אינ'ם „ווירפעל־שפּיעל"). שאנץ — שאַנץ, טראנשעע,
(„טרענטש"). שאנצן — באשערט זיין. שאָס — האָב, האָט געשאָסען. שאפ־
ליין — שעפעלע. שאָק — ציטערניש, ערדציטערניש? שאר — המון, חיל,
מענגע. שארמוצלן — שלאָגען זיך, אמפּערען זיך. שווארן — שווערען, שוועֿ־
רען זיך. שור־ארן (לייענט: סווארן) — פלאָגען, פלאָגען זיך, שווערען, שווע־
רען זיך. שויאן — קוקען, זעהען. שון (ל' שאין) — שעהן. שוניש —
שעהנעס. שון (ל' שאָן) — שוין. שטאָט — שטעלע, צושטאַנד, שטאַנד, מצב,
ווירדע. נאָך שטאָט — לויט דער ווירדע, אנשטענדיג, לויט דער מעגליכקייט.
שטאָן — שטעהן. (מיר, זיי) שטעהען. שטאָך — האָב, האָט געשטאָכען, אריינ־
געשטאָכען. שטאָרים — שטורם. שטורם — אַטאַקע. שטוק (לייענט: שטאָק)
— שטעקען, גרעניץ שטאַנגע, אַ שטאָק, וואָס צייגט דעם גרעניץ (העבר. תורן).
איבר שטוק אונ' איבר שטיינן — איבער אַלע גרעניצען און מניעות (?) שטורב

— איז געשטאָרבען. שטילן (לייענט: שטעלן) — גנב'ען. שטין (לייענט: שטעען) — שטעהן. שטאַט — שטעלע. שטייג — משופּע'דיגער בארג. שטינטערן — אויסגעדארט ווערען, אויסגעריסען ווערען (אויב דאָס איז פונ'ם איטאַליעניש ,,סטענטארע"? ס'קען אָבער אויך שטאַמען פונ'ם מיטעל־הויך־דייטשען שטענטנער, ד. ה. א שטענדער, א טשאַן, אַ גרויסער פאס). שטיפּטן — שטיפּטען, אָנמאכען, שאַפען. שטעט... נאָך — פאָלגט נאָך, ז' נאָך שטאַן. שטעטש — שטענדיג. שטענן — קרעכצען. שטענקן — באלאמוטיען. שטעץ — שטענדיג. שטערק — כח, שטאַרקייט. שטרוש (ל' שטראָס) — שטראסע, וועג, גאַס. שטרייט בארי — קאמפּלוסטיג, מוטיג. שטרעבן דאר־ווידר — האָבען עפּעס אַקעגען דעם: זיך אַמפּערען קעגען דעם. ש'י — שיחיה, זאָל לעבען. שיד — בין, איז אַוועק. שיהרען — אויפבלאָזען, איינהייצען. שייב — שטיק, קרייזעל, רענדעל (מטבע). שיין — באשיינפּערליכקייט, דייט־ליכער באווייז, א באווייז, וועלכען מע זעהט בחוש. שיין — האָב, האָט גע־שיינט. שילונג פענונג — שילינג פעניג (אזא מטבעה). שילט — שילד. שימפּפּא (ל' שימפּף) — שפּיעל, פארוויילונג. (ספּעציעל:) ליבעשפּיל, צייט־פארטרייב צווישען מאַן און ווייב. שימפּפן — שפּיעלען, לוסטיג זיין, שפּאַ־טען, שעלטען. שין (לייענט: שעהן) — שעהן. שיער — ז' שיר. שיר — באלד, תיכף, שנעל. ווי שיר — ווי שנעל, כמעט. שירמן — אומגעהן מיט א שילד. שלום (לייענט: שלאָס) — שלאָס. שלעכט — גערא͏ָד, גלייך, איינ־פאך, גאַנץ שלעכט. שנעליגליך — שנעל. שנעלן זיך — זיך צואיילען. שנשימון (לייענט סענסימאָן) — אַ נאָמען. שעכטן — שעכטען (שטאַמט פון העברעאיש שחט. מערקווירדיג, אַז שוין אין 1507־טען יאָר האָט אליהו בחור געברויכט דאָס וואָרט אין ,,בבאָ־בוך"). שעל, שעלע — גלעקעל. שעלק — ז' שאַלק. שעם — שעמעוודיג, געוויסען. שערן — איילען זיך. שערץ — שפּיל, פאר־וויילונג, וויץ, קאַטאָוועס. שפּאט (לייענט: שפּאָאַט) — שפּעט. שפּאָרן — שפּאָרען, קוויינקלען זיך, אָפּליגען, פארציהען. שפּיולן — שווענקען, אויס־שווענקען. שפּילן — שפּילן. ז' אויך שפּיולן. שפּעה—שפּירט. שפּער—פּיקע, שפּיז. שפּרבר (לייענט: שפּערבער)—שפּערבער, פאַלק (רויב־פויגעל, וואָס ווערט גע־ברויכט אויף יאגד). שפּרוייאר — קלייען. שפּרך (לייענט: שפּראך) האָב, האָט געזאָגט. (לעזט אויך: שפּרעך, שפּריך) — זאָג. שפּרענגן — אָנפאלען. שריב — האָב, האָט געשריבען. שריי — האָט געשריען, שריי, געשריי. שרף־ריכטר (לעזט: שארפריכטער) — תלין, הענקער.

אינהאלט פון באנד א:

(איינלייטונגען)

באסין, מ.
דער קוואל (ליעד), — — — 5
באמערקונגען. I.

באראכאוו, ב.
אַ פּאָר ווערטער III.
לינגוויסטישע באמערקונגען I.
ווערטערבוך. XII.

ליעדער.

א.

אבראמאָוויטש, ש. י.
פון דער פּאָעמא „יודעל“ — 176
שלום עליכם — — — — — — 176

אייזנשטאַט, משה.
איין נייא קלאַג ליד — — — — 73

אימבער, נפתלי־הערץ.
צו אמעריקא — — — — 231

אַלדענדאָרף, מנחם.
ליעד — — — — — — 10

אפּאַטהעקער, דוד.
די קאפּעליע — — — — 228

אַפּענהיים, דוד.
פּורים־שפּיעל:
א. ושתי׳ס קלאַג־ליד — 76
ב. אסתר — — — — 77
ג. דער קעניג — — — 77
ד. המן׳ס קלאַג־ליד — — 77

אַקסענפעלד, ישראל.
דער וואָילער יונג — — — 140

ב.

בן בנימין, יוסף.
פּורים־ליעד — — — — — — 42

בן יקר, יוסף.
גאָט דעם הערן וואלן מיר דאנקן 28

בן ישי, ד. ג.
צו סליחות — — — — — — 227א

בערמאן, יששכר.
מכירת יוסף:
א. פּאסטוך־ליעד — — — 81
ב. יוסף׳ס קלאַג־ליעד אויף רחל׳ס קבר — — — 82
ג. רחל פון קבר — — 82
ד. יעקב׳ס קלאַג־ליעד — 82

בערנשטיין, שלום.
יונגע טרערען — — — — — 160
דיא פאלשע האָפנונג — — 161
שלום עליכם — — — — 161
דיא גיטרייע פריינד — — 163

בראָדער, בערל.
איין ליד פון דעם גילדענים מאָרגין — — — — — 152
איין ליד פון איין וועכטער — 153
איין ליד פון איין גרעבער — 154

ג.

גאָטלאָבער, אברהם־בער.
א זיפץ — — — — — — 144
איין קלאָג — — — — — — 144
איש חסיד — — — — — — 145

גאָלדפאדען, אברהם.
מיין לעבען — — — — — 190
א תפלה — — — — — — 191
פון „שולמית“ — — — — — 191
שבת, יום־טוב און ראש חודש 191
מיין הייליגעס לאנד — — 192
דריי מאָל יודישקייט — — 193

גאָרדאָן, יהודאָ־ליב.
הושענה רבא נאַכט — — — 255

גאָרדאָן, יהודה־לייב.
די יונגע יאָהרען — — — 171
זמר לשמחת תורה — — — 172
וואָס איז ביי דער אסיפה געבליעבען — — — — 173

גאָרדאָן, מיכל.
מיינע יאָהרען — — — 166
די שטיפמוטער — — — — 167
מיין לעבענס־צייט — — — 169

געליע.
תפלה — — — — — — 79

ד.

דאָליצקי, מ. מ.
דער בעל־צדקה — — — — — 235

דער איזעל־טרייבער — 237

דיכטער אונבאקאנט.
אַ ליבע־ליד — 27א

דיכטער אונבאקאנט.
פון „שמואל־בוך“ — 27ב
דש גיזאנק דוד — 27ו

דיכטער אונבאקאנט.
ספר מלכים — 27ח

דיכטער אונבאקאנט.
אחד מי יודע — 62

דיכטער אונבאקאנט.
חד גדיה — 64

דיכטער אונבאקאנט.
צו באדעקענס. — 47

דיכטער אונבאקאנט.
איין נייא קלאָג ליד — 68

דיכטער אונבאקאנט.
גזרות ק"ק פוזנא — 84

דיכטער אונבאקאנט.
קינה על גזרות תקכ"ח — 89

דיכטער אונבאקאנט.
קריאת־שמע — 92

דיכטער אונבאקאנט.
איין שען נייעס קאפע ליעד 94

דיק, אייזיק מאיר.
איין ליד אויף פרייטיג צו נאַכט 141
איין ליד אויף שבת צו נאַכט 142

ה.

הוגרלן, שמואל.
איבער דאָס שפּיעלען — 14

הוסלן, ר׳
מיין גוטר אלטר שטערקר וויין 128

הורוויץ, ש.
זשאַמעלע — 257
די זאָקענמאַכערקעס — 257
די נייטערקעס — 258

הכהן, דוד בר׳ מנחם.
פון „מזמור לתודה“ — 44

העלן, אלחנן.
מגילת וינץ — 31

הערץ, יוסף.
פורים־שפּיעל:
א. אסתר — 95
ב. מרדכי — 95
ג. אסתר — 96

ו.

וואהלמאן, ישראל מאיר.
קול ברמה נשמע — 164
שירי בתולת בת יהודא — 165

וואליך, אייזיק.
פון תהלים — 35
אַ פורים־ליעד — 36
פונ׳ם טויט — 37

ווארשאווסקי, מ. מ.
שרה און רבקה — 208
צו באדעקענס דער כלה — 209
די ראָד — 209
אויפ׳ן פריפעטשיק... — 210
דאָס ליעד פון דעם ברויט — 211
דער ווינטער — 212
די נאַכט — 212
אויף איהר קבר — 213
וואָס מעהר ס׳בלוטיגט מיין
הערץ — 214

ווינטשעווסקי, מ.
דריי שוועסטער — 232
דאָס געשפּענסט — 233
נאָכ׳ן באַנקעט — 234

וויצענהויזען, יוסף.
איין שין מעשה — 51

ז.

זאטולאָווסקי, מ. וו.
דאָס תהילמ׳יל — 215

זאמאָשטשין, פלטיאל.
פארשפּרייט האָט דער הימעל 216
דאָס שטייגעל — 217
דער שטיין און די חוואליעס 217

זבארזשער, וועלוועל.
דער עלענדער זוכט דיא רוהע 156
דער אומגליקליכער פערליבטער 157
דער טרעגער — 158

זויגערש, דוד.
איין נייא קלאָג ליד — 71

זעליגמאן, אולמא.
צוכטשפּיגל — 30

זעליקאָוויטש, ג.
איך וועל... איך וועל... — 19

זעלמעלין, ר׳.
שבת־ליעד — 8

ח.

חאשקעס, משה.
צו גאָטט — 194
ווענן עס ווילט זיך ווייגען 194
אין אַ יודיש חדר — 195

ל.

לאנקום, יצחק בן מרדכי.
נאָכוואָרט — 28ד

לאָץ, אברהם משה.
איין שריפה ליד מפראג — 87

ליליענבלום, משה־ליב.
תפלה — 196

לינעצקי, י. י.
דער מאַי — 178
אשת חיל — 179

ליעוו, מ.
מײַעלע — 204
פון דער פּאָעמא „האָדעל“ — 205

ליעוו, מארק.
ישראל און זיין משיח:
א. הלואי וואָלסטו לאנג שוין 206
ב. פרעמדע האָבען גע'ירשנ'ט 206
ג. ניט קוקט, וואָס איך בין
אזוי שווארץ — — — 207
לעוויטא (בחור), אליהו.
בבאָ בוך — — — — — — 20
הקדמה — — — — — — 27
לעווינזאָהן, יצחק בער.
אזו שמועסט לבן הכזבי — — 139

מ.

מאראחאָווסקי, משה.
ברכו — — — — — — 187א
מרדכי'לע, ר'
כאָטקע־קאַפּאָטקע — — — — 252

ס.

סג"ל, ר' גימפּל.
מזמור שיר ליום השבת — — 45
סופר, זלמן.
וועט־שטריט צווישן וויין
אונ' וואַשר — — — — 12
סמאָלענסקין, עוזר.
קינדער — — — — — — 256

ע.

עטטינגער, שלמה.
דאָס שפּאצירען געהן — — 128
צו דער לבנה — — — — 129
ביי מיין געבורטס־טאָג — — 129
צום נייעם יאָהר — — — — 130
וואלדהייד — — — — — 130
די פליג — — — — — 137
שלום עליכם.
ליעדער פונ'ם חדר — — — 239
שלאָף מיין קינד — — — 240
עפּיטאפּיע — — — — — 241

פּ.

פּענקאָווסקי, מ.
די האָפּפנונג — — — — 249
הערבסט אין רומעניען — — 250
פּרלאַג, משה בן מרדכי.
ספר יהושע — — — — — 27ט
פּרץ, י. ל.
ליעבע:
א. אויף דיין באלקאָן — — 221
ב. אין דער שטיללער נאַכט — 221
ג. כ'האָב מיך... — — — 222
ד. שטיינערנע פּאלאצען — — 222
קענסטו? — — — — — 222
קריאת שמע — — — — — 222
איך געה ארום — — — 223
טרייסט — — — — — 223
לשנה טובה תכתבו — — — 223
דריי נייטאָרענס — — — 224
צוריק אין דער אַלטער היים — 224
פון יחזקאל — — — — — 226
פון „מאָניש" — — — — — 226
פיער שטימען — — — — 227
פון פּראג, ר' שלמה.
א רעטעניש־ליעד — — — 43
פּרוג, ש.
זאמד און שטערען — — — 242
דאָס יודישע קינד — — — 243
שבועות — — — — — 243
איניקליך — — — — — 244
אַ זומער־נאַכט — — — — 244
הערבסט־ליעד — — — — 244
אין אַ ווינטער־נאַכט:
א. די באָבעניו זיצט מיט'ן זאָק 245
ב. אוי, נעסטעלאך, נעסטעלאך 245
הער צו די תפלה — — — — 246
היים און קאלט — — — — 247

צ.

צווייפעל, אליעזר־צבי.
פּהער און אהין — — — — 150
ודוי — — — — — — 150
צום טויט — — — — — 151
צונזער, אליקום.
רחל מבכה על בניה — — — 181
קול ממרומים — — — — 183
שיבת ציון — — — — — 183
די סאָכע — — — — — 184
דער זומער מיט דעם ווינטער 185

ק.

קאצענעלענבאָגען, רש"י.
ביינקונגס ליעד — — — 199
וויין־ליעדער.
א, דער וויין, דער וויין... — 200
ב. מיר מאַכען וואונדערליכע
זאַכען — — — — — 200
דאָס יאכט־ליעד — — — — 201
על נהרות בבל — — — — 201
דאָס טריומף ליעד — — — 202
קוטנים, לייב.
כלה־ליעדער:
א. איך עפען מיין מונד... — 40
ב. גימגאָלד טוט זיך פירבליכען 40
ג. עס איזט קיין גרעסער פרייד 40
קירכהאָן, אלחנן הענלע.
שבת־ליעדער:
א. דער הייליגער שבת... — — 66
ב. יום שבת איז די הערליכע
כלה געגאַנגט — — — 66
ג. דער הייליגער שבת איז... 67

קליבאַנאָוו, הלל.
די עקרה — 188
דער קאַלידאָר — 189

ר.

ראבינאָוויטש, יצחק.
וויא א קליין שיפעלע — 198

רעגענסבורג, יהודה בן ישראל.
דער קליין בראנט־שפיגל — 28א

רעוויזין, יעקב.
דער אייביגער ברונען — 227ב
אהין — 227ג

שארקאַנסקי, א. מ.
מיר חלומ'ט — 260
פערגעסען — 260
שפיעלט מיר אַ וויינענדיגס — 261
דער פעקוואָגעלטער — 261
בר כוכבא — 261
דיא אלטע נעכאמע — 262
דער שומר בייננאכט — 262
דער חסיד מיט'ן רבי'ן — 264
וואָס איז א איד — 265

שטענדאל, משה.
אשרי — 29

פאָלקסליעדער.

רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ליעדער:
א. ווער פון אונז... — 99
ב. גאָט פון אַברהם... — 100
ג. אין מיטען וועג שטעהט אַ בוים — 101
ד. שנירעלע, פערעלע... — 101
ה. אָי, רבינו, טירם טיראם... 101
ו. — גבאי! — 103

וויעג־ליעדער:
א. אונטער יאנקעלעס וויעגעלע 104
ב. אַמאָל איז געווען אַ מעשה 104
קינדער־ליעד — 106
שפיעל־ליעד — 106

ליעבע־ליעדער:
א. קליפ־קלאַפּ אין גאָלדען טיהר — 107
ב. פּאַפּיר איז דאָך ווייס... — 107
ג. אָי די כח'עלעך — 108
ד. ווען איך וואָלט געוועזען... 108
ה. הער נאָר דו שעהן מיידעלע 109
ו. צי האָסטו נישט דיין עסען 110
ז. איך האָב דיך ליעב... — 111
ח. אָי וועה, מאַמע... — 112
ט. מע זאָגט אַז ליעבע... — 113
י. אין דרויסען אין אַ טריעבער טאָג... — 114
יא. צוויי טייבעלעך זענען... 115
יב. דאָרטען אויף דעם בערגעלע... 115
די יונגע יאָהרען — 116

חתן־כלה און חתונה־ליעדער:
א. אַ שען מיידעלע בין איך דאָך 116
ב. קומט דער ליעבער זומער 116
ג. אַלע מענשען טאַנצענדיג... 117
ד. פארביי מיהל, פארביי ראָד 117
ה. חאפּט מען אָן פאר אַ הענטעלע 118
ו. זיי זשע מיר געזונד... — 118

פאַמיליען־ליעדער:
א. געפלויגען, געפלויגען... — 118
ב. לעג איך מיין קעפּעלע — 119
ג. קנעט איך חלה — 120
ד. טאָכטער דו ליעב... — 120
ה. דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע... — 122
ו. שלאָגט דער זייגער'ל איינס 123
ז. אַמאָל איז געווען... — 123
ח. האָב איך מיר אַ בויד — 125